STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00400

GEKLIBENE DERTSEYLUNGEN

Rosa Palatnik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

AGRADEÇO SINCERA E CORDIALMENTE À FIRMA

KLABIN IRMÃOS & CIA.

PELO GESTO GENEROSO COM A DOAÇÃO DO PAPEL PARA A EDIÇÃO DO PRESENTE LIVRO

Rosa Palatnik

פֿאַר דער [illegible] פֿון דער

[illegible]

מיט בעסטע גריס

[illegible]

[illegible] 23 [illegible]

1966

[illegible]

ראָזע פּאָלאָטניק

געקליבענע דערציילונגען

Publicado por

Edições BIBLOS Ltda.

Rio de Janeiro — GB. — 1966

מיין דאַנק דעם טאַלאַנטירטן מאַלער, פריינט יוסף ס׳דראנסקי, פארן צייכענען מיין פּאָרטרעט.

מיין דאַנק דעם באַגאַבטן צייכענער פריינט י. לאַנדאַ פאַר זיין קאָמפּאָזיציע אויף דער הילע פון בוך.

ר. פּ.

אינהאַלט:

עטלעכע הערטער פון מחבר — — — — — — 7

אַ שמוגלערין — — — — — — — — — — 11

הינט — — — — — — — — — — — — 34

קייקעלעך — — — — — — — — — — — 45

מעכל גולם — — — — — — — — — — 69

חנה די פּאַפּקאָוויצער — — — — — — — 87

מאַקומבאַ — — — — — — — — — — — 110

צווײ מאַמעס — — — — — — — — — — 131

חשבון הנפש — — — — — — — — — — 153

זעלנער צום סדר — — — — — — — — — 179

צוריק אויף די פּאַוועלאַ־בערג — — — — — 191

„זכות" — — — — — — — — — — — — 207

ביאָ־ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — 217

ווערק פון זעלבן מחבר:

קראָשניק — ריאָ — — — — — — — — 1953

ביים גערויש פון אַטלאַנטיק — — — — — 1957

דרייצן דערציילונגען — — — — — — — 1961

געקליבענע דערציילונגען — — — — — — 1966

אַ פּאָר ווערטער פונעם מחבר

פון די קנאַפּע 200 דערציילונגען, צעזייטע און צעשפּרייטע אין פאַרשידענע פּעריאָדישע שריפטן און צייטונגען פון דער יידישער ליטעראַרישער וועלט, האָב איך בלויז אַ טייל פון זיי איינגעטאָוולט אין מיינע פיר בענד.

דאָס איצטיקע בוך, אין וועלכן עס זיינען אויך איינגעשלאָסן איייניקע נאָוועלן פון מיינע פריערדיקע דריי בענד, שטעלט מיט זיך פאָר, — לויט מיין איינזען, — דעם מהות פון מיינע ארויף־און־אראָפּן, דעם אינהאַלט פון מיינע ראַנגלענישן, גלויבונגען און ספקות.

דאָס איצטיקע בוך — וואָס פאַלט צונויף פּינקטלעך מיט מיינע דרייסיק יאָר פון באַשיידענער ליטעראַרישער טעטיקייט אין בראַזיל — פאַרמאָגט אין זיך דעם תמצית, סך־הכל און איינזאַמלונג פון מיין גאַנצער מי און אָנשטרענגונג; דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע גייסטיקע פאַרמעגן, וואָס כ'האָב געפּרוווט ארויסברענגען, דורך מיין אָרעמער פעדער, פאַר דער גאַנצער צייט.

אויב איך האָב — צו די 30 יאָר פון מיין ליטעראַריש שאַפן — מיט עפּעס ביישטייערט פאַר אונדזער הערלעכער יידישער ליטעראַטור, האָב איך עס צו פאַרדאַנקען, אויפריכטיקערהייט, נאָר און אייננאייינציק, דעם דיכטער - הומאַניסט מלך ראַוויטש, וועלכער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיך אַ שטופּ־געטאָן צו ווידמענען מיין גייסטיקע ענערגיע פאַר דעם ליטעראַרישן געביט. און נישט נאָר האָב איך ביי מלך ראַוויטשן געלערנט די קונסט פון שרייבן, ווי אויך, — און דער עיקר, — די גרויסע מידה פון קאָנען פאַרבייגיין מענטשלעכע עוולהס און קוקן אויף זיי מיט רואיקן שטילשווייגן. אויב דאָס איז מיר געלונגען איז מיין לעבנסציל דערגרייכט געוואָרן.

דאָס דאָזיקע בוך טראָג איך אונטער מיט ליבשאַפט און פאַרע־רונג מיין געטרייען לעבנס־חבר פאר די לעצטע 24 יאָר — פיניע באַלאַטניק.

אויך דעם היגן יידישן ישוב דריק איך אויס — ביי דער געלעגנ־הייט פון מיינע דרייסיק יאָר ליטעראַרישן שאַפן — מיין טיפן דאנק, פאר האָבן מיך טיילווייז באַווירקט און סטימולירט צו מאלן און שיל־דערן, מיט מיין באַשיידענעם פענדזל, די כאראקטערן און טיפן־גאַלע־ריע, וואָס געפינען זיך אין מיינע פיר ביכער.

ר. פ.

★ ★

★

די שמוגלערין

אַ שמוגלעריַן

כאָטש אויף די געפרוירענע פעלדער מיניעט נאָך געדיכטער שניי, האָט אָבער דאָס שטעטל שוין געאָטעמט מיטן אָנקום פון פרילינג.

פון די גרין־מאָכיקע שינדל־דעכער האָבן אייז־צאַפּנס געטריפט אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון, ווי צעטאָפּיעטער חלב פון ברענענדיקע ליכט. ביינאַכטיקע פרעסטלעך האָבן נאָך געריסעוועט אייז־געמעלן אויף די פאַרקאָוועטע טאָפּל־פענצטער, וואָס די בייטאָגיקע זונשטראלן האָבן גענומען אָפּהאַקן — „צווייגן“, „שטאַנגען“, „בלעטער“, געמאַכט אַ „מאַזשגאַר„ פונעם „ווינטער־גאָרטן“ אויף די געפרוירענע שויבן...

פאַרגאַרטלטע יידן אין וואַטאָווע שפּענצערס, פאַרבאַבליעטע יידענעס אין גראָבע שאַלן, צעוואָקסענע כלה־מיידלעך אין געלאַטעטע לאַפּטשעס, אלע זיינען געשטאַנען אַרום די באַלאַגערטע בעקעריי־

ען און געוואַרט אין דער ריי־שעהן, אויפן שווארצן, קלייענעם קוויטל־ברויט, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן צו האלבע פונטן פאר אַ פערזאָן...

אינעם קליינעם שניידערשן שילכל, האָט קהל איינגעמויערט אַ גרויסן, אייזערנעם קעסל, וואָס איז יעדן טאָג אָנגעפילט געוואָרן מיט שפייזן פון אַמעריקאַנער קאָנסערוון־פושקעס, וואו באַלעבאַטישע מיידלעך, איינגעלאַדענע פון די שטאָט־דאַזאָרעס, האָבן אויסגעטיילט דאָס געשמאַקע עסנווארג צו די פארהונגערטע לייט... אָרעמע מענטשן זיינען געקומען מיט בלעכענע קענדלעך, אייזערנע טעפלעך, ציגרנע שיסלען, וואָס די יחוס׳דיקע אויסטיילערינס האָבן אָנגעפילט מיט פרומע פנימער און האַפערדיקער זיכערקייט, אז אויף זיי וואַרטן אין די וואַרעמע היימען אַ גוטער קרופניק מיט אַ פעטן פאַטשאַי...

בלויז ביים שטעטלשן זייגערמאַכער, איז שוין וואָכן נישט געווען קיין טראָפּן וואַרעמס אויפן געפרווירענעם אויוון... פּאַרטאָן אין כאָאָס פון מלחמה־גרוילן, האָט קיינער נישט אין זין געהאַט צו פאַרריכטן צעבראָכענע זייגערס... דעריבער האָט מען ביים זייגערמאַכער זיך לאַנג געמוטשעט מיט אַ שטיקל פיסנע ברויט, אַ האַרבע ציבעלע, שווארצן רעטעך און — שטיל, באַלעבאַטיש — געהונגערט... פונדעסטוועגן איז דעם זייגערמאַכערס מיטלסטע טאָכטער, מירעלע, פאַרבעטן געוואָרן צווישן די אָנגעזעענסטע, נגידישע „פריילינס”, צו העלפן אויסטיילן די אַמעריקאַנער־געשאָנקענע געקעכצן...

מירל, אינעם ערשטן אויפבלי פון אָנקומענדיקער יונגשאַפט, איז געשטאַנען ביים זידנדיקן שפייז־קעסל, מיט אירע געדיכטע, שווארצע לאָקענעס, ווי געפלאָכטענע הבדלות — צעוואָרפן ארום שלאַנקן האַלדז, ווי סאַמעטענע סטענגים... איר טונקעלע אַליוון־הויט

אבּיסעלע פאַרטרוקנט־געמאַרשטשעט פון 'שווערן קאַמף מיטן אויסמאַטערנדיקן הונגער... אירע גלאַנציקע ביר־אויגן, סודות'דיק אינעם פאַרענדיקן קעסל געזונקען... דאָס פאַרשמאַכטע מויל, אירע פאַרהונגערטע נאָז־לעכער, אירע בלייכע הענט און ציטערדיקער גוף, אַלץ אין איר האָט טיף אין זיך אַריינגעניוכעט די געשמאַקע ריחות פון געפּרעגלטע שוואָמען, זיסע באָרקעס און — דער עיקר — די גוטגעריישטע קליסקעלעך מיט ביבערלעך... דאָס דאָזיקע שמעקנדיקע מאכל האָט פאַרשיכורט ממש מירלם לעכצנדיקן גומען... ביי יעדן שעפּ ,וואָס מירל האָט געטאָן אינעם קאָכנדיקן קעסל, האָט זי אַזוי קונציק מאַנעווורירט מיטן גרויסן לעפל, אַז פונעם עסן זאָל זיך כאָטש אַראָפּקאַפּיען אַביסעלע אויף אירע שמאָלע פינגער, וועלכע זי האָט גיך אַ כאַפּ געטאָן צו אירע פאַרטרוקנטע ליפּן, געלעקט, געשלונגען, אַריינגעאָטעמט די באַטעמטע ריחות.

אַזוי טעג, וואָכן און חדשים, געטיילט וואַרעמע געקעכצן צו אַנדערע און אַליין געלעבט מיטן פּיסנע שטיקל קווימל־ברויט...

* *
*

די גרעסטע טייל אינעם שטעטל, האָט זיך גענערט פון שמוגלעריי. געפירט מעל, סאַכאַרין, קיין גאַליציע און פון דאָרטן צוריק געבראַכט, מאַכאָרקע, ציגאַרן און סתם־אַלטוואַרג... ווער ס'האָט נאָר פאַרמאָגט איינצושטעלן, איז געפאָרן שמוגלען... כאָטש ס'רוב האָט מען די סחורות פאַרנומען, נאָך איידער די באַן איז אָפּגעפאָרן קיין ראַזוואַדאָוו... דאָך, ווען עס איז יאָ געלונגען איבערצוקומען די

גרענעץ-וואך בשלום, יענע האָבן געגעסן פּוטער-קוכנס אין א פּראָסטן אינדערוואָכן...

* *
*

ביים זייגערמאַכער האָט מען לאנג ארומגעזוכט צווישן שטו־ביקע חפצים, וואָס צום פּארקויפן, פּארזעצן, אבי צונויפצושטוקעווען אויף עטלעכע פּונט מעל, אביסל סאכאַרינקעס, זאָל נאָר זיין מיט וואָס איינצופּעדעמען, ווייטער, איז דאָך מירעלע אַ מויד — אַ ברען, „שפּרעכט דאַטש" ווי אַ וואַסער, די עסטרייכישע „שמאַטע-ליאַלקעס" (צינאָמען פון זעלנער) קריגן די נכפה פאר איר זגראבנעם געגנגל, פאר אירע הויכע פּיס, עליאַסטישע פיגור די רעשט — ? איז דאָך גאָט אַ פּאָטער... שווער איז אביסל אָנגעקומען דאָס קריגן פאר איר א „פּשע־פּוסטקע" — (דערלויבעני שצו פּאָרן מיטן באָן) — מירל איז נאָך מינ־דעריאָריק און אזוי ווי אַלע 14 קינדער — נישט פארשריבן געוואָרן אין מאַגיסטראַט... אירע טאַטע מאַמע געדענקען נישט גענוי אין וועלכן יאָר און אין וועלכן חודש... דער טאַטע מיינט, אז מירל איז געבוירן געוואָרן פאר יעקלען, דער מאַמען דאכט זיך, אז מירל איז געפאלן אויף דער וועלט — נאָך דבורהן און די באָבע איז כמעט ווי זיכער, אז ערשט נאָך חיה'לען — די עלפטע — האָט מירל קאָמפּלע־טירט ביים זייגערמאַכער דעם 12טן שבט... אָבער גענוי, ווייסט קיינער נישט... נאָר אזוי ווי מירעלע איז הויך אין געשטעל, ברייט אין די פּלייצעס, פול אין די באַקעס, האָט איר דער פאָטער גענומען אין מאַגיסטראַט אריין אָפּצושאַצן איר עלטער...

דאָס קרעפּקע שרייבערל האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהוית, איין אייגל פארקריליעט, מיטן צווייטן ארומגעקוקט מירלען,

דערציילונגען

ווי מען באַקוקט א טעלעצע אויפן מאַרק, אַביסל צוגעסמאַטשקעט מיט זיינע תאווה־פולע ליפן און גיך אַ פאַרשרייב געטאָן 16 יאָר... און כאָטש מען האָט טאַקע נישט געדענקט — צו פאר יעקלען, אָדער נאָך היה׳לען, איז דער זייגערמאַכער פונדעסטוועגן זיכער געווען — אַז ווינציקער — און אַ „בענטש" געטאָן דאָס שרייבערל: — „אַזוי פיל פרישטשיקלעך אים אויף דער צונג, וויפיל ווינציקער פון 16..." אָבער — א דערלויבעניש צום פאָרן מיט דער באַן האָט מירל באַקו־מען... איצט האָבן בלויז געפעלט די פאָר גראָשן, איינצוזאַלצן". פאַרזעצן דעם טאַטנס אויסגעריבענע טולופּ? קוקט אוים ערגער פון אַ גע־פגרטער קאַץ. דער מאַמעס סאַטינדיליאַנע קרינאָלינע? שיט זיך ווי פראַכנע. די מיידלעכס איבערגעניצעוועטע ספאַדניצעס? נישט ווערט קיין דרייער. ביז אלעמענס בליקן זיינען געפאַלן אויפן ירושה־חפץ — די גלעזערנע „סערוואַנטקע", וואָס שטייט אויף דריטהאַלבן פיס, שאָקלט זיך, ווי א ייד צו שמונה־עשרה, אָבער דורך די געפענקעטע שויבן, האָט ארויסגעפינקלט א צעקנייטשעטער קידוש־בעכער, מיט אַ געלעכערטן הינטן, און אויסגעלענקטער פראָנט, דאָך — „פראַוודזשיווע" — זילבער, מיט דער פּראָבע אויפן סאַמע דנאָ, וואָס אפילו אויף שמעליק האָט עס געגעבן עטלעכע פונט מעל, א פאָר לויט סאַכאַרין און — קאַיאָר, ווען די באַן־וועגעלעך האָבן געפירט שמוגלערס צו דער סטאַציע, איז צוגעקומען א פאַרשוין — מי־רעלע, אין איר עלטערער שוועסטערס לאַנגער יופּקע, דער מוטערס ברייטן האַביליאַק, צעפלאַשעטע קודלעס פאַרדרייט אין גלעקלעך — אויסגעקוקט סטאָלע... דאָס ביסל סאַכאַרין, איינגעניייט אינעם סטאַ־ניקל, דאָס מעל — פאַרשטעקט אין א שטרויען קיישעלע, פאַרלייגט פון אויבן מיט אַלטווארג, א צעבראָכן שפּיגעלע, אַן אויסגעשטשערבעט קעמעלע; ס׳וועט פאַרבלענדן אויפן צאָל־אַמט די קירה׳שע אויגן... די מאַמע אין צעדריוולטן טשיפיק, האָט מירלען ארויסבאַ־גלייט מיט ברכות, דער טאַטע אינעם לאַנגן טלית־קטן, האָט אויסגע־

שפּרייט זיינע פרומע הענט איבער מירלס קאָפּ, איר פּשוט געבענטשט. ווי פאר כל־נדרי... די שוועסטערן האָבן געשנייצט די נעז, געווישט די אויגן... און שטעטלשער עולם האָט נאָכגעקוקט מיט רחמנות־פּנימער: — „נעבעך, אַ קינד נאָך און שוין — אַ שמוגלערין"...

מירל צום ערשטן מאָל אין לעבן — אויף אַ באַן. די רעדער מאַכן קולות, דער קומען סוויסטשעט, איר הארץ, ווי אַ „מיעך" — פּאָכעט, פאר די אויגן דרייען זיך מיל־שטיינער, דער בלויער הימל פּאַלט כורעים, די אויפגייענדיקע זון — שרפּעט, בלענדט און דער קור־צער וועג — אַן אייביקייט...

אויפן צאָל־אמט, אַ שיקלדיק זעלנערל, אין אַ לאנגן שינעל, גע־דרייטע קרייקעס ארום דינע פּיס, טוט אַ לייכטן באַטאַפּ אין מירלס קיישעלע... כאַפּט אַ בליק אינעם צעבראָכענעם שפּיגעלע, טוט אַ ניאַ־רע ס׳ביסל שמאַטעס און — היידא — „מאַרשירען"...

מירל צעטומלט, גלויבט נישט אירע אויגן, אַז זי איז שוין טאַ־קע אין ראַזוואַדאָוו?... די זון שיינט נישט סתם, נאָר בליאַסקעט מיט טונען גאָלד, מירל האָפּסלט, טענצלט, איבערגעקומען די ערשטע שמירה... דאָס שטרויענע קיישעלע טראָגט זי מיט אזא פּאָריע, גלייך בריליאַנטן אין דעם... אַ הויכער־גאַליציאַנער, מיט אַ שמאָל קאָזע־בערדל, קורצע פּאה׳ס און לאנגער בעקעשע, שטעלט מירלען אָפּ דער ערשטער:

— „פרוילין", האָבן זי עפּעס גיין אין קיישעלע?..." מירל מיט שטאָלץ: — „אַ שאלה?" — „וואָס זשע האָט עין? „ווייעכס", האַ־רעטס?" — (סמנים פון מעל, סאַכאַרינקעס) מירל יהום׳דיק: — אינץ האָב מע ביידע"... דער גאַליציאַנער האַלט זי שוין פעסט ביים קיי־

שעלע: „קימץ אראאן, פריילין'שי"... מירל רייסט זיך ארוים: — אינץ האָב מע צאָפּט..."

*　*
*

עטלעכע שעה שפּעטער, אינעם זעלבן קיישעלע, אויפן פּלאַץ פון מעל, פּעקלעך טוטין, מאַכאָרקע... אינעם סטאַניקל, צוויי שורות איינגענייט — שאָרוטן... דאָס גרענעץ־„היטערל". האָט שוין געוווסט, אַז אין „מעדכענס טאַשע" ליגט אַ צעבראָכן שפּיגעלע און אַלטע שמאַט־קעלעך, דערפאַר בלויז אַ גלעט געטאָן איר יונגע הויט: — „היבשעס ווען" — גייען זי ביטע"...

פאַרנאַכט, דער שענסטער, וואָס מירל געדענקט. די אונטערגיי־ענדיקן זון, אינגאַנצן אויף איר טאַטנס שינדל־דאַך, מיניעט, בליש־בשעט, ווי אָפּגעשיט מיט געשליפענע דימענטלעך... דאָס גאַנצע שטעטל, איינגעהילט אין אַ ראָזע־זיידענעם טוניק, דער געלעכערטער שאָסיי, ווי אויסגעגלייכט, אַפילו דאָס יאַמע־געסל, יום טובדיק־גע־כשר'ט, אַזוי ווי דעמאָלט ווען מ'האָט אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומען פון ביסקאָפּ...

מירל איז געזעסן ביים געגרייטן טיש — אַ מיוחס, אַ פּרנסה־געבע־ריך, זיך שטאָלץ געגווידערט און מיט גרויס הנאה געגעסן איר פאַר־בענקטע מאכל — קליסקעלעך מיט ביבערלעך...

*　*
*

זינט איר ערשטן „דעביוט" אלס שמוגלערין, איז מירל עטלעכע מאָל אין וואָך אדורך די גרענעץ־וואך־בשלום... און כדי די „קנעפּלעך" אויפן צאָל־אַמט זאָלן איינעמען אַ מיתה־משונה, ווערן אַ קאַפּיטשקע בלינד, האָבן שמוגלערס אונטערגערוקט — אַ פלעשל מעד, אַ פּעקל ציגאַרן, אַ קילאָ מעל... דאָך האָט יעדער טאָג געהאַט אַ קרבן... אמאָל, אַ גויאיש מסירהלע, אמאָל אַ געטווישט נאַטשאַל־ניקל, ס'רוב אפילו די אָפּגעחורשטע זשאַנדאַרן אליין, געמאַכט די בראָך אין עטלעכע קיישעלעך... אָבער שמוגלערס האָבן זיך נישט מיאוש געווען. יעדן טאָג, נייע טרוקן, פאַרבלענדענישן... אַט האָבן מענער זיך אויסגעפּוצט אין שבתדיקע הלבשה, ווייבער פאַרשלייערט אין ברייטע היטן מיט לאַנגע וואָלקעס, עלעגאַנטע רענצעלעך, און בילעטן — ערשטע קלאַס... אַזעלכע פּאַסאַזשירן האָט מען אדורכגעלאָזט אָן רעוויזיעס...

נו, האָבן אויך מירלס נייע שיך געסקריפּעט אַ מהלך ווייט. איר ניי־געבלימטע קליידל, רונדיק, ווי אַ צעעפנטער פאָכער, ס'ווייסע קאַפּעלושל מיטן גרינעם וואָלקעלע — וואָס איר מוטער האָט גערופן — „אַ ניזוק פאַרן פּנים" — האָט פון איר אראָפּגעלויכטן, און אויפן זוניקן טראָטואַר האָבן די שטיינער געזונגען אונטער איר טענצלדיקן גענגל...

אָבער, נאַטשאַלסטווע האָט זיך גיך גענומען חידושן, אויף די צו־לייזיקע — דריטע־קלאַס... און נאָך מער, אויף דער פול - באַזעצטער ערשטער־קלאַס... מיט די עלעגאַנטע דאַמעס? — יום טובדיק־געקליידעטע מענער? מ'דאַרף אַ שמעק טאָן צו זייערע לעדערנע וואַליזקעס... און — דער „באַלאָן" האָט געפּלאַצט...

די באַן־וועגעלעך זיינען אריין אין שטעטל מיט צעקנייטשטע קאַפּעלושן, פאַרוקטע „ניזוקס" אויפן מיטן קאָפּ, פּנימער ווי נאָך אַ שריפה, די אויפגעשניטענע רענצלעך, ווי געפּלמעסטע בייכער, אויסגע־קוקט גלייך טרויער־עגלות וואָלטן געברענגט הרוגים פון אַ שלאַכט... אפילו דער שמאַטע־וואַטע הימל האָט מיטגעפינצטערט אויפן טרויע־ריקן „ספּעקטאַקל"...

* *
*

און — שמוגלער האָבן געפונען נייע איינפאַלן. פּשוטע פלאַכ־טעם צענויפגענייט אין צווייען, אויסגעשטעפּט מיט ברייטע פאַסן, זיי אָנגעפילט ווי קישקעס, מיט מעל, צוקער, איינגעצויגן אויפן הוילן גוף, עלעהיי גאַרסעטן... וואָס מאָגערער אַ מענטש, אלץ גרעבערע גאַרסעטן אויף די לייבער...

האָט אויך מירל זיך אויפגענייט צוויי אַזעלכע „סטוטשנע גאַר־סעטן"... אהין־וועג, אויסגעפילט מיט מעל, צוריק — מיט טוטין... און ווייטער געגעסן קליסקעלך מיט ביבעלעך...

אין קראָקע האָט זיך געיאַוועט אַ פרישע דערפינדונג — ווייַ־כער בראָם, וואָס מ'האָט געקאָנט אויף זיך אָנטאָן צו עטלעכע פע־לעכלעך און ערשט אויף די פעלעכלעך, דעם טוטין־גאַרסעט... עולם האָט עס גערופן: „משה־זיכמעך" און ס'איז לאַנג אָנגעגאַנגען דער דאָ־זיקער: „משה־זיכמעך"...

* *
*

געווען איז דאָס פאר ראש-השנה, די טעג נאָך זוניק-וואַרעמע, נעכט שוין ווינטיק-קאַלטע. שמוגלער האָבן באַמעלט און באַצוקערט גאַנץ קירה. באַשוכט און באַקליידט קרוין-פּוילן... און **שומרים** אויף די גרענעצן, האָבן געזשלאָקעט; ווייִן, מעד... פאַרזאָרגט די „היטער" — תּמיד צו זיין בגילופין... טויב, בלינד און — שטום... זעט, איז זי געוואָרן העכער, פולער, ווייבלעכער... זיך פאַרשוירן אַ קורצע פּאַלקע, מיט אַ ממזריש גזשיפּקעלע, צעוואָרפן איבערן גאַנצן שטערן. אירע צוויי שוואַרצע אויגן, פייער פון יוגנטלעכן אויפבלי.

ס'איז צוויי טעג פאַרן פאַרכטיקן יום-הדין.

מירל פאָרט אַהיים פון קראָקע. אויף איר עליאַסטישן גוף איינ-געפּרעסגט, ווי מיט רייִפן — ווייכע לעדער, פון אויבן איר סטוטש-נער טוטין-גאָרסעט און זי אליין, ווי אַ ציגל אין אַן איינגעמויערטער פעסטונג... אינעם עלעגאַנטן רענצעלע, איינגעשטעלט, עטלעכע קי-לאָ צוקער... וועט מען פּאַקן? — איז ווערג זיך דערמיט... אבי די „פעסטונג" איז געזיכערט...

דער שנעל-צוג איז אַנגעלאָפן מיט געפּייף און בראַזגעריי... אויפן פּעראָן איז פינצטער. קאָנדוקטאָרן לייכטן אַנטקעגן מיט רויטע לאַמטערנדלעך, הושקען זיי, ארויף און אראָפּ, רעפלעקטירן אויף פּני-מער, הענט, פּיס, קעפּ-פראַגמענטן פון מענטשן... אויפן פוסטן סטאַ-ציאָן, שמינקלענדיקע לעמפּעלעך, פאַרגרעסערן נאָך די אומהיימלעכע פינצטערניש... די אויסשטייגנדיקע פּאַסאַזשירן קוקן אויס ווי טונקע-לע שאָטנס, וואָס צעלויפן זיך, שטופּן זיך, איילן צו די באַן-וועגעלעך...

מירל, מיטן פארמויערטן גוף, אויסגעטראקעוועט, ווי מיט אָנ־געצויגענע סטרונעס, גייט געלאסן, דרייט מיטן בלויען רענצעלע, קאָ־קעטירט כלומרשט, ווי אויפן שבתדיקן שפּאציר... פּלוצים, א דין לי־ריש - שטימעלע צעוווזשלט די טונקלקייט: — „פּרויליין" — „אירע טאַשע איזט זאָ היבש, צייגען זי ביטע, וואָס איזט דען דארין?"...

מירל דערזעט בלויז קאָנטורן פון א הויכן מאַן, פילט אויף זיך גליענדיקע בליקן און ס'שיינט איר, אז די בענדער פונעם איינגעצויגע־נעם גאָרסעט זיינען פּלוצים לויזער, צעלאָזטער געוואָרן, אָט, אָט, וועט דאָס אָנגעצויגענע „קרעמל" זיך געבן א צעשיט און א פאל טאָן צו אי־רע פיס... אַ שאַרפער ווינט טוט א הייב איר פאלבירט קליידל, ענט־בלויזט איר היים-געוואָרן לייב ביז איבער די קניען... דאָס ווייסע קאַפּעלושל פארוקט זיך אויפן מיטן-קאָפּ, איר שוואַרצער שויבער — צעשיט איבערן גאנצן פּנים... מירלס הארץ, גלייך עמיץ וואָלט דאָרטן מיט פויסטן געסטאָרקעט. עס רוישט איר אין קאָפּ, און אין דמ־יון זעט זי שוין ווי איר מאַמע ברעכט זיך די הענט, די שוועסטערן קלאָגן אויפן קול און דער פרומער טאַטע מורמל: — „אַ פאַרשטער־טער יום טוב"...:

— "ווארום שטייען זי זאָ דום? פּרויליין?" — שניידט די לופט „דאָס שאַרפע, דינע שטימעלע — „פאָלגען זי מיר נאָך" — און מירל פילט שוין ווי עמיץ האַלט איר פעסט ביים אָרעם...

אינעם טשענירטן הימל ציען דריבנע וואָלקנדלעך, א גרויסער שטערן האָט א פלי געטאָן און ווי מיט א סערפּ אדורכגעשניטן אַ שטיק הימל... דער האָריזאָנט, שווארץ ווי סמאָלע פונוויטנס זעט מירל דעם געשמינקל פון שטעטלשע פייערלעך, איר הארץ ציט דאָרטן אהין...

אָבער דער טונקעלער שאָטן ציט איר אהער, ווו ס'איז שטארק פינצ-טער-וואלד...: — „ניין!" — שרייט מירל אויס און דערקענט נישט איר אייגן קול... פאר אירע אויגן טוט אַ בליאַסק אַן עלעקטריש האַנט-לעמפל, פארבלענדט אינגאנצן איר ראיה... דאָס לעמפל צינדט זיך, לעשט זיך און צוביסלעך נעמען זיך אויסשיילן געזילבערטע עפּאָ-לעטן, אָפּיצערסקע קנעפּ, א ברייט היטל מיט א שמאָלער שנאָל אונ-טער א גוט-ראזירטער גאָמבע... מירל דערקענט דעם „וואכמייסטער פון צאָל-אמט"... שטענדיק בויערט ער זי אדורך מיט זיינע גזלנישע אויגן... די דאָזיקע תאווה-בליקן ברענען אויף איר גוט-אַנטוויקלטן קערפּער, אויף איר יונג-מיידלשע ברוסט און — זיי פינקלען, שטעכן, טוען איר אויס נאַקעט... אָבער תמיד זיצט ער זיך אויפן סטאַציאָן, ברייט-צעלייגט אינעם ווייכן פאָטעל, שיקט אונטער קלענערע זשאַנדאַרן צום „ב אַ ט אַ פּ ן   ד י   ל ו י ט ע"... און היינט — ער אליין, בכבודו ובעצמו, נישט אַנדערש, ער טשאַטעוועט טאַקע אויף איר... מירל פילט ווי איר הויט רינצלט, ציטערט; — „די בראָך איז נאָענט"... זי

— לאָזט זיך שוין פירן... איר יונגער מוח עגבערט, זוכט עצהס, אנט-רינונג: אפשר צוווארפן דאָס רענצעלע מיטן צוקער? אָדער גאָר אי-בערלאָזן די געציילטע פאַר „קראָנען"? דער עיקר — ראַטעווען די לעדער, דעם טוטין... כאָטש ערגער וועט זיין די בושה... זיי וועלן זיכער אנטבלויזן איר יונג לייב, זעען דעם צניעותדיקן גוף, פּאַקן א גרויסן טרוק און אוועקהרגענען פרנסה-סודות... ניין, זי וועט זיך נישט לאָזן אויסטאָן, נישט אויפדעקן פאר מענער-אויגן איר בתולה-לייב... ניין, קיינמאָל נישט...

* *

*

אין צאַל-אמט איז טונקל. אין א ווינקל דרימלט א האלב-אויסגע-טאָן סאָלדאטל, פארשפרייט שווייסיקן טשאַד אינעם אָנגערויכערטן צימערל. אויפן פארקאָפּטשעטן קוימען זידט אַ בלעכערנער טשייניק:

— „עפענ ען די טאָשע" — באַפעלט דער שטרענגער וואכמייס-טער, ציט אראָפּ זיין אָפּיצערסקע רעקל, דעם שטייפן קאָלנער, בלייבט מיט אַ צעעפנט העמד, צעכראסטעטער ברוסט און פרווט דערווייל אַ ריר טאָן מירלען ביי איר אויסגעפילטער טאָליע... זי שפרינגט אויף, שטופט אַוועק זיין האַנט און עפנט גיך איר רענצעלע... די פעקלעך צוקער גיבן א בלענד, גלייך ווי פייער-צונגען... דעם וואכמייסטערס גראָבע פנים ווערט פארכמאַרעט: — „וואס איזט דאס"? — נאָגלט ער איין זיינע שיכורע אויגן אין מירלס צעשראָקענעם פנים און מיט אָנגעיאָגטן כעס דונערט זיין גאַווערנדיק מויל:

— „צום טייפל, וואס איזט דאס?"... מירל צעחושט, מיט קוים אַ הערבארער שטימע: — „צוקער" הער וואכמייסטער און פילט, אז ס'וועט פלאצן דער בלאָטער...

פלוצים כאַפּט ער אירע הענט, צינדט זיך אָן ווי פייער, זיינע אויגן ווערן מוטנע, אָנגעגאָסן, ער נעמט זי שלעפּן צו א טיר... מירל ווערט זיך מיט אַלע כוחות, דראפּעט זיינע פיבערדיקע הענט, זוכט איינצובייסן די פלאַך פון זיין דלאָניע און — פארגעסט „די פּעס-טונג" אויפן גוף... אינעם קאַמף-געפלעכט פון זייערע הענט, האָט דער צעיושעטער וואכמייסטער איר אזוי איינגעקלעמט אין זיך, גלייך זי וואָלט געוואָרן אַ טייל פון זיין צעפּארעטן גוף, ר'האָט גענומען זוכן ביי איר — לייב... לייב... און — ווי א צעברויזטע חיה ארויסגעברומט:

— „דאַנערוועטער! וואָרום זינד זי זאַ הארט? „קרוצאַפיקס", זינד זי דען אין אייזן־געשמידט?"

מירל, ווי אין אַ פאַרמאַכטער שטייג, וואָס ברענט פון אַלע זייטן, שרייט יאָמערלעך:

— „טאַטעניו!"...

די פאַרמאַכטע טיר עפנט זיך מיט אַ הויכן סקריפּ. צוויי מאָגערע זעלנערלעך, סאַלוטירן געהאָרכזאַם:

— „נעמען זי זאָפאָרט דאָס מעדכען צום אונטערזוכען" — באַפעלט שטרענג דער וואַכמייסטער. און מאַכט דערוויַיל צורעכט זיין מגושמדיקן הילוך...

אומבאַהאָלפן בלינצלט מירל מיט צעשראָקענעם קוק אויף די זעלנערס צעפּלאַשעטע קוטשמעס, אויף זייערע געדיכט־באַהאָרטע ב ר ו ס ט ן און טוט אַ מוראַדיקן אויסגעשריי: „נ י י ן! — נימאלס!..."

פון די זעלנערס שפּאָטישע געלעכטערן, קומט מירל תיכף צו זיך, דערפילט קלאָר די ס כ נ ה, גלייכט אויס איר געבויגענעם רוקן, מאַכט צורעכט דעם צעשויבערטן קאָפּ און נעמט בעטן מיט רחמים:

— „זאָל מיך אונטערזוכן אַ פרוי, כ'בעט אייך, נאָר פון אַ פרוי, אָדער, איר קאָנט מיך שוין טויטן אויפן אָרט..."

•מירלס לויכטנדיקע צניעות, איר טיפסטער געבעט, האָט דעם „היטער פון גערעכטיקייט״ אזוי שטאַרק צעטומלט, אז ר׳האָט איר גענומען באַטראַכטן מיט אויפגעריסענע אויגן, מבלבלדיק, זיינע פאַר־מאַנטשעטע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך אויסגעקלאָרט און מיט עפּעס אַן אַפּשיי, א רוף געטאָן אן אַפּבליאַקירטע שיקסע, מיט קלעצל־פּים, האַלב אָפּענעם בוזים, וואָס האָט מירלען א שלעפּ געטאָן, ווי א קעלבל צו דער שחיטה... און — נאָך געציילטע מינוטן, אריינגע־בראַכט די ווייכע לעדער, נאָך ווארעם פון מירלס גוף... און דער אויסגעפּילטער טוטין־גאָרסעט, איז געהאָנגען אויף דער שיקסעס פּלייצע, לעהיי א צירונג־טוך...

א חיהשע געהיזשעריי, שטיקנדיקע געלעכטערן, האָבן אזש אָפּגעשלאָגן מיט ווידער־קולות אונטערן הויכן סופיט... בלויז דער וואַכמייסטער איז געבליבן ערנסט, אויסגעניכטערט און שטרענג — באַפוילן:

— „אַריינשיקן דאָס מעדכען״...

מירל איז דערשינען דינער, שמאָלער, שלאַנקער און אויך — דאַיקער... אויף איר אויסגעבלייכטן פּנים — נצחון פון געראַטעווע־טער צניעות...

דער וואַכמייסטער שיקט ארוים די דינערשאַפט... קוקט אויף מירלען לאַנג, שטום און מיט אן אויפבליץ פון טיפער באַוווּנדע־רונג... אָבער, זיינע יצר־הרע־אויגן, ווי מיט בלוט פאַרגאָסן, קוקן זשעדנע אויף דער קיילעכדיקער פאָרם פונעם קינסטלעכן גאָרסעט, וואָס האָט נאָך די רונדקייט פון מירלס יונג־מיידלערישן־גוף... דער כּאַן אין אים קעמפט מיטן אָנגעצונדענעם בלוט...

דער ריח פון מירלס פרישן לייב, די קרעפטיקייט פון אירע פולע אקסלען, פעסטקייט פון די ברייטע קלובעס, פארשיכורן זיינע פייכטע אויגן, וואָס רויטלען זיך — צעגליט, ווי זשאַרענדיקע קוילן. זיין ברייט אָנגעגאָסן פנים, די אויפגעשפּיצטע אויערן, די בלאָנדע, שטייפע־האָר, ווי אויף א פידל־בויגן, אלץ אין אים פרעסט מירלס יונג פולבלעכן קער־פּער... און — ווי פון א פרישן, ווילדן שטורעם געטריבן, וויקלט ער באַניים זיינע פעסטע הענט ארום מירלס דין - געוואָרענער טאַליע... ער דערפילט שוין איצטער — ז יי כ ק יי ט ן, רונדיקייטן... זיי־נע גליענדיקע פינגער בלאָנדזשען... פרענגען... פארקלעמען... דער־ביי ברומט ער חיהש:

— „טראָציקע יודין!-" — „יודין!".

און מירל, פארדישעט, ווי אין א תפיסה־צעל, ראנגלט זיך מיט די לעצטע כוחות, בעט מיט אַלע צערן פון דער וועלט: — „שים מיך בע־סער! שים!"...

זיינע גליענדיקע הענט האָבן פּלוצים, — ווי פון א שפּיזן־שטאָך — באַפרייט מירלס קאָנוולסיון־גוף. ער איז געבליבן שטיין פארגליווערט, ווי א מצבה־שטיין. זיינע פארנעפּלטע אויגן, ווי שיכור־לעך פארטשאַדעט, זיינע געדיכטע ברעמען, ווי וואָנצעס ווילד־צעבער־שטלט:

— „שימן?".

דאָס דאָזיקע אויפריכטיקע געבעט, מירלס, האָט ווי א פליענדיקע קייל זיך א קאַלער געטאָן איבער זיינע פארלוירענע רעיונות, ספּאָנ־

טאָן זיך אויסגעגלייכט, ארומגעווישט פון געדיכטן שוויים און שוין אַ באַזינטער געגומען קוקן אויף מירלען מיט אזא שטוינונג, גלייך פייער-שפּיזעלעך וואָלטן געדרילעוועט זיין מוח און — א שווארץ הייטל איז אראָפּ פון זיינע מוטנע אויגן... ער זעט מירלס אומבאַרירלעכע אום-שולד, עס דאכט זיך אים, אז מירל איז פּלוצים צוגעוואַקסן, העכער געוואָרן, שטייט מיט איר אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ געמאָלענע יונג-פרוי אויף א פּעדעסטאַל...

אַ שטאַרקער כח באַוועלטיקט זיינע חיהשע אינסטינקטן... אַ דרך ארץ-געפיל, לחלוטין אים פרעמד, דערלאָזט אים נישט מער צו קיין געוואלט-טאָטן...

— „ווי הייסן זי דען? — פרעגט ער שטיל:

— מירל”.

— ווי אלט זינד זי?

— „16 יאָר”...

ער וויל איר א פריינדלעכן גלעט טאָן. מירל דערלאָזט נ י ש ט...

— „איך האָבע זי זייער גערן — פרוילין”...

— „דאַנקע שיין”...

ר אָ ז ע פּ אַ ל אַ ט נ י ק

— „פיליכט עטוואס צום עסן?"

— „דאנקע שיין"...

— „וואָליען זי געין צו האוזע?".

— „יאַ"...

דער וואכמייסטער טוט ווידער א רוף זיינע צוויי משרתים, באַפעלט — הערשעריש:

הערײנפּאקען אַלע דיזע דינגע".

— „מיטנעמען „דיזע טאַשע", פירען דאַס מעדכען, אין פּ ו ל ע ר אָ ר ד ע נ ו נ ג — צו האוזע... פארשטאַנען? אין פולער אָרדענונג"...

„יאַוואָהל הער וואכמייסטער" — סאלוטירן ביידע און ציען זיך אוים, ווי שטעקנס.

מירל פארבליפּט, אַט א בליק אויפן — פּ ל ו צ י ם ג ע מ ע נ ט ש ל ט ן — וואכמייסטער, אַט אויף די אונטערטעניקע באַדינערס און אַט אויף דעם געראַטעוועטן ר ע נ צ ע ל ע... גלייבט נישט אירע אויגן: איז דאַס וויזיע? חלום? און אפשר גאַר אַ פרישע פּאסטקע?...

* *
*

דערציילונגען

אינעם שוואַרצן דרויסן — קאַלט, ווינטיק, מירלס פּנים גלייך זי וואָלט עס געבראָטן ביי אַ העליש פייער. ווען זי געוווינט זיך אַביסל צו צום בייגאַכטיקן טומאַן, זעט זי דעם אויסשפּרייט פון הימל — בלוי, אַפילו זילבערדיק — אַדורכגעוועבט... די געדיכטע ביימער אינעם לובלינער וואַלד, קוקן איר אויס, ווי שמחת־תורה־פענער, און די שטערן אין הימל, ווי קליינע ליכטעלעך איבער זייערע גרויסע צווייגן־קעפּ...

דאָס שמאָלע סטעזשקעלע צווישן די נידעריקע וואַלד־גראָז, שלענגלט זיך ביזן שטעטל אַריין, קוקט אויס, ווי אַ ברייטער, גרויער, צעקעמטער שריינט...

דער וואַלדיק־שמעקנדיקער יאַלאָוויעץ, פאַרשיכורט איר מיט זיינע היילנדיקע בשמים־ריחות.

צווישן באַוואַקסענע קוסטעס, שמעקן מיט כלערליי טעמים — רויטע יאַגדעס און פרישע שוואָמען.

אויף די נאָדל ־ ביימער, אַ פייגל־געטשוויטשער, אין וועלכן עס פלעכטן זיך אויך אַריין מוזיקאַלישע טענער פון ערגעץ — ווייטע קו־קאַוקעס... אַפילו די לאַנגע שורה טעלעגראַפן־סלופּעס, זשומען מע־לאָדיש, ווי אַ צושטייער צו דער נאַכטיקער וואַלד־סימפאָניע... פון צייט צו צייט גיבן פליענדיקע שטערן אַ שנייד אַדורך, ווי זילבער־שפּיזן, דעם לויטערן הימל... די צוויי דאַרע זעלנערלעך, אין לאַנגע שינעלן, מיט קורצע שווערדלעך אין זייערע איינגעצויגענע טאַליעס, שפּרייזן נעבן מירלען דורך אַרצדיק, מוזן רעספּעקטירן דעם שטרענגן באַפעל... דאָך, טיילמאָל, ביי אַ הויך בערגל, אַ טיף גריבל, גיבן איר אַ נעם ביי די הענט, דערפילן מירלס מורא־

דיקן אויפּציטער... פּאָרט — צוויי געזונטע מענער, אַ יונגע מויד, אין ווילדן וואַלד — אַליין... אָבער, זיי געדענקען: — „פּירען די־זעס מעדכען אין פולער אָרדענונג"... פאַרבייסן זיי די ליפּן און — מ׳שפּאַנט...

מירלס גאַנג — לייכט, גרינג, האַפּערדיק — אַזעלכע נסים? — נאָר זכות אבות זיינען איר בייגעשטאַנען...

ס׳איז טיפע נאַכט, מירל זעט שוין דעם רעיענטס גרויסן גאָרטן, אַראָפּגעפאַלענע קאַשטאַנעס פון די וועלקנדיקעביימער, דאָס אָנהיימלעכע האַווקען פונעם שוואַרצן בולדאָג, דאָך, זי דערקענט נישט דאָס שטעטל. איר שיינט זי בלאָנדזשעט... עפּעס אַזאַ גע־דעמפּטע שטילקייט, ווי פאַר אַ שטורעם... דער אויסגעשטערנטער הימל ליגט אַזוי נידעריק, כמעט אויף די צענויפגעטוליעטע דעכער, עס דאַכט זיך איר, אַז דער גאָלדענער צלם אויפן קלויסטער־שפּיץ וועט **אַדורכלעכערן** דאָס האַלבע **לבנה־ראָגעלע**...

אויף די שלאָפנדיקע געסלעך איז שטיל, פינצטער. די שטאָט־לאַמטערן וואַרפן שאָטנס אויף שלייכנדיקע יידן, מיט ליכטער און ספּרימלעך אונטערן אָרעם, טשאַפּען זיי צום העל־באַלויכטענעם בית־מדרש, פון וואַנען וויינענדיקע סליחות־טענער וואַרפן־אָן אַ פּחד פאַרן קומענדיקן יום־הדין...

ביים זייגערמאַכער אויפן סאַמע פענצטער, ברענט דער גרוי־סער בליץ־לאָמפּ — טיף אַראָפּגעדרייט, דינע שטראַלן צעלייגן טונ־קעלע שאָטנס אויפן שוואַרצן טראָטואַר... מירלס פאַרטרויערטע מוטער, מיטן געמאַרשטשעטן יום־כפור־פּנים, איינגעהאַרכט אין מינדסטן שאָרך, לויפט פּלוצים אַנטקעגן **גייענדיקע פּילו־**

עטן... דערזעט מירלס דינעם גוף, איר מאָגערע טאַליע, לאָזט זי ארויס א הויכן קוויטש: — „אַ בראָך אָט אינץ געטראָפן — אויס לעדער, אויס טוטין, אויס — פרנסה”...

אין שטוב, זיצט דער זייגערמאַכער אין א ווינקל מיט אראָפּ־געלאָזטן קאָפּ... די שוועסטערן כליפּען, ווי נאָך א טויטן...

מירל טוט א פריידיקע צעעפן דאָס אָנגעפּאַקטע רענצעלע; ווו די לעדער, טוטין, צוקער, ליגן אויסגעמישט, ווי אָפּ־געראַטעוועטע נאָך א גרויסער שריפה...

דער פאָטער האָט באַלד אויפגעדרייט דעם האלבן בליצער, ס'האָט א פלייץ געטאָן מיט אזא ליכטיקייט, אז די ווייסע קאַץ אויפן שווארצין פריפּעטשיק איז אזש אַנטלאָפן מיט א בהלה... די שוועס־טערן זיינען געפאלן אויף מירלס האלדז מיט א הויכן בעטש... די מאַמע האָט אויפגעהויבן אירע פרומע הענט צום בלייכן סופיט:
— ”געלויבט השם־יתברך פארן גרויסן נס”...

און ס'האָט אויסגעקוקט, גלייך די אָרעמע שטוב, די אָפּגע־שיילטע ווענט, די לאָמע שאַנק, די הינקנדיקע טירן און אפילו דער אויסגעשטערנטער הימל, וואָס איז כמעט געלעגן אויפן צעבראָכענעם באַלקאָן, אלץ האָט באַקומען דעם ליכטיקן אויסזען, ווי ערב א גרויסער פריילעכער חתונה...

★ ★

★

ה י נ ט

א גרויסער, קודלאַטער און טרויעריק-פאַרבענקטער, ליגט זיך סעגרעדאָ אויסגעצויגן מיט זיין ברייטן לייבן-קאָפּ ביים נידעריקן טירל פון אָרעמען זשאָזעס קליינעם גערטנדל. ער היט כלומרשט זיין באַלע-באָס קליין פאַרמעגן.

סעגרעדאָס גלאַנציק-גרינע אויגן זיינען תאווהדיק אָנגעשטעלט צום אַנטקעגנאיבערדיקן מיט דראָט פאַרצוימטן פלויט. זיינע גרויסע אראָפּהענגענדיקע אויערן זיינען איצט וואַך, גרייט אויפצוכאַפּן דעם מינדסטן שאָרך.

אין שמאָלן גערטנדל איז שטיל. א לייכט ווינטל שאָרכט צווישן די הויכע גראָזן. אויף די ברייט צעצווייגטע ביימער פּערלט שוין פרי-שער טוי.

דאָס בראַזיליאַנער דאַטשע-שטעטל טערעזאָפּאָליס איז איינגע-טוליעט אין נאַכטיקן שלאָף, די גיגאַנטישע וואונדער-בערג קוקן אויף אים ווי פאַרחלומטע, ווי איינגעדרעמלטע אין זייער שטילער טויזנט-יאָריקייט.

עס שלאָפט דער מידער זאָשזע, וואָס האָט סעגרעדאָן, צוזאַמען מיט זיין קליינער שטוב, א ירושה פון זיין אלטן טאַטן באַקומען.

מיט א צייט צוריק, ווען סעגרעדאַ איז נאָך נישט געווען באַוווּסט אין זיינע אינטימע ליבע־תענוגים, פלעגט ער, מיט זיין גלאַנציק־שוואַרצער פעל און לוסטיק־פייכטע אויגן — קיניגן איבער אלע, שכנישע צויגעלעך... מיט אויגן האַלב־געשלאָסענע פלעגט ער זיך צוקוקן דורך א שמאָל שפּעלטעלע צו דער מחנה פאַרליבטע הינטעלעך, וואָס פלעגן אַרומטענצלען אַרום פלויט, געשמעקט און געלעקט דאָס פאַרשפּאַרטע טירל, ביז דער וווילער „חתן־בחור" האָט זיך א שטעל געטאָן אין זיין גאַנצער מאַיעסטעטישער גרייס, מיט זיין פייכטער מאָרדע א רוק געטאָן דאָס לייכטע טירל און איז גרייט געווען צום „קבלת־פּנים"...

אַרום צעפּלאָשעטן סעגרעדאַ, האָט זיך פאַרמירט א בוקעט פון אַלע סאָרטן און קאָלירן הינטישע לייבער. זייער בילעריי האָט אויפגעריסן די נאַכטיקע שטילקייט... דורך אויפגעפּראַלטע פענצטער האָבן די שכנים גענומען האָגלען מיט שטיינער... קללות און געשרייען, האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אין דער הינטישער סימפאָניע... און סעניאָר זשאַזע איז, צוגלייך מיט אַלע שכנים, אַרויסגעקומען אין די אונטערוועש און מיט גוטע לאַסקעס, באַלד געפּרוּווט איינצושטילן די בהלה, — זיך פאַרענטפערט:

— אזוי און אזוי — ער קאָן דאָך אים נישט האַלטן אין שלאָפצימער... ווייטער, איז דאָך זיין סעגרעדאַ נישט סתם א הונט, אָן אומזיסטער פרעסער. ער העלפט דאָך אים שוין פון לאַנג טראָגן דעם שווערן יאָך פון פּרנסה.

*   *
*

דערציילונגען

אין די פרימאָרגנס ווערט סעגרעדאַ איינגעשפּאַנט אין אַ קליין וועגעלע, אָנגעפּילט מיט שווערע שטיינער און ער שלעפּט זיי פון אויפגעבערגלטן שאָסיי, ווו זשאָזע מיט אַ סך אַנדערע פון זעלביקן שטעטל באַקעמפן, צווישן ווילדע בערג און טאָלן, אַ שטיק גרויען קדמון. זיי שניידן דורך אַ נייעם וועג, וואָס וועט פאַרבינדן דאָס דאַטשעשטעטל טערעזאָפּאָלים מיטן שכנישן קוראָרט, פּעטראָפּאָלים.

קיין גרויסע וועגענער מיט פערד און מאַשינען קאָנען נאָך אהין נישט צוקומען. אַרבעט מען דערווייל מיט קליינע האַנט-וועגעלעך, ביז דער וועג וועט ברייטער ווערן. און סעגרעדאַ האָט אַ גאָר גרויסן חלק אין דער דאָזיקער לאַנגזאַמער און שווערער אַרבעט, — ווייל נישט בלויז די שטיינער פון זיין באַלעבאָס העלפט ער אַוועקפירן מיטן וועגעלע, נאָר אויך דאָס עסן פאַר אים און אַ סך אַנדערע ווערט אין אַ גרויסן קויש אַריינגעלייגט און סעגרעדאַ ברענגט עס צוטראָגן אין זיין ברייטן פּיסק. מיט אַ האָפערדיק גענגל טענצלט ער אונטער צו יעדן באַזונדער, ווייסט געניי צו וועמען יעדער פּעקל באַלאַנגט. און אַז מ׳דאַרף שפּעטער האָבן אַ טרונק אָדער צו רויכערן, לויפט אויך סעגרעדאַ מיטן געלט אינעם קוישל צום „באָטעקין" און ברענגט אַלץ, וואָס מ׳האָט אויפגעשריבן אויפן צעטעלע, וואָס מ׳האָט אינעם קוישל אַריינגעלייגט.

נאָר אין די הייסע טראָפּישע נעכט האָט ער זיך געהאַט זיינע שפּילערייקעס... אָבער זשאָזע האָט געוווסט, אַז די שכנים וועלן זיך גיך איינשטילן, צוריק איינשלאָפן, און זיין סעגרעדאַ וועט ווידער ווערן דער ליבלינג פון אַלע פריינט. מען האָט זיך ווידער געטראָפן ביים שניידן דעם וועג. ער האָט ווידער געשלעפּט דאָס וועגעלע מיט די שווערע שטיינער און ווידער באַדינט דעם גאַנצן עולם...

ביז — ס׳האָט זיך געיאָווועט די קליינע פּיפּי — א ווייסע צוי־געלע מיט קאָקעטישע הויכע פיסלעך. א רויט סטענגעלע ארום שמאָלן העלדזל, האָט זי זיך יחוסדיק געגווידערט ווי א רייכער גאסט אין אן אָרעמער געגנט...

* *
*

ביים שאָסיי האָבן די ארבעטער לאנג שוין געשמועסט וועגן דעם אויסגעפּוצטן „סעניאָר", וואָס האָט אָפּגעקויפט אַ שטיק ערד נעבן זייער פעלד און שטעלט דאָרט א פּרעכטיקן „פּאלאץ", וואָס וועט באַ־שיינען און באלייכטן דעם גאנצן אָרעמען קווארטאל...

נאָר וואָס העכער דער פּאלאץ איז געוואָקסן, אלץ קלענער האָבן געטומען אויסקוקן זייערע נידעריקע הייזקעס... וואָס צעבלי־טער ס׳איז געוואָרן דער שכנישער גאָרטן, אלץ איינגעשרומפּטער — זייערע פּאָר שמאָלע גערטנדלעך. און אין א שיינעם טאָג האָט אַ גע־הויקערטער מאַן זיך ברייט באַזעצט אינעם אויסגעפּארטיקטן פּאלאץ, זיך געהוידעט אין א ברייטן פאָטעל, און דאָס קליינע ווייסע צויגעלע ביי זיינע פיס, האָט געלעקט די שפּיצן פון זיינע לאַקירטע נאָזקעס.

סעגרעדאָ איז געווען דער ערשטער צו דערשמעקן די נייע שכ־נים... מיט א לוסטיקן שפּרונג איז ער באלד אריבער צו באַגריסן דאָס ווייסע „חיהלע". און זי, דערפילנדיק סעגרעדאָס ווארעמען אָטעם, האָט אַ קאָקעטישן שפּרונג געטאָן צום פּארצוימטן פּלויט, ארויסגעשטעקט איר ווייס פיסקל — סעגרעדאָ האָט איר געגעבן דעם ערשטן קוש... און — דער שידוך איז פאַרטיק...

דער געהויקערטער מאַן מיט שמאָלע, זייער דינע ליפּן, און מיט אַ גאָלדענער פּענסנע אויף דער פאַרשפּיצטער נאָז, איז מיט שלייכנדיקע טריטלעך באַלד געלאָפן זען, מיט וועמען עס חברט זיך דאָרטן זיין קליינע פּיפּי... און כאַפּנדיק אַ גיכן בליק אויף סעגרעדאָס פאַרנאַכלעסיקטער פעל, אויף זיינע פאַרבלוטיקטע פיס, האָט ער אַ קרומען דריי געטאָן מיט זיין פאַרשפּיצטער נאָז:

— פע — אַוועק פון דאָרטן, „קאַקאַט"!

נישט מסכים געווען אויפן שידוך...

אָבער פּיפּי האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן: צוויי טענצלעך פאַראויס, איין טענצל צוריק און לסוף געבליבן פאַרעקשנט ביים טירל... האָט איר דער באַלעבאָס אַ כאַפּ געטאָן אויף זיינע געטרייע הענט:

— קוציקל־מוציקל, דער שמוציקער הונט איז נישט דיינס גלייכן...

זי צערטלעך אַוועקגעטראָגן צו איר קליין שטיבעלע און דאָרטן פאַרשלאָסן...

האָט סעגרעדאָ אין אָנהויב נישט ארויסגעוויזן קיין שום פּראָטעסט: נישט היינט, איז מאָרגן... ס'פעלן אים דערווייל נישט קיין כלות...

נאָר, אַז די קעגנערשאַפט האָט זיך כסדר גענומען איבערחזרן און נאָך יעדן פלירט מיט דער ווייסער יפיפיה האָט מען זי באַלד פאַר־

שלאָסן... דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאמף, וועלכער איז גע־קומען מיט פארבענקטע טעג און וויינענדיקע נעכט.

זיינע גלאנציקע אויגן זיינען מאטער געוואָרן, דאָס לוסטיקע געגנגל — געהאָמעוועט. ס׳רוב איז ער געבליבן ליגן פארעקשנט, נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. שעהנווייז געהאווקעט אָן א שום סיבה. ביים שאָסיי איז ער נישט געווען מער אזוי פאָלגעוודיק. געוואָרן קאפּ־ריזנע. די קלענסטע עוולה נישט פארשוויגן מער... נישט צוגעלאָזט צו זיך קיינעם, אפילו זשאָזען נישט געלעקט מער די הענט... און בעת זיינע פארליבטע צויגעלעך האָבן אין די נעכט אים געמאַכט סצענעס קעגן פארראָט, איז ער זיך אלץ געבליבן ליגן אומבאוועגלעך, אוים־געצויגן אויף זיינע לאפעס, שטיל געפינטלט מיט זיינע גרינע אויגן, אריינגעוואָיעט אין זיך די נישט-געשטילטע בענקשאפט און גע־שפילט א ברוגז מיט דער גאנצער וועלט... געווארט, טאָמער וועט זיך דערהערן, פון דער צווייטער זייט, דאָס דינע שטימעלע פון זיין פאר־שלאָסענער „בת-מלכה״, וואָס האָט אויך געבענקט פון איר באהעלטע־נישט אַרויס, געביסן און געריסן די אייזערנע גראטעס.

דעמאָלט פלעגט ער זיך אויף א ווײַלע טיף איינהערן אין דעם וויינענדיקן קול און פלוצים — מיט א שלוכצנדיקן ירגזון — באפאלן דעם הויכן פלויט, געריסן פון אים שטיקער, געוואָלט מיט אָלע כוחות זיך אריינקריגן צו דער פארשפאַרטער געליבטער...

נישט איין מאָל האָבן די שכנים געפרווט צו אינטערווענירן ביים רייכן שכן... געשטאָנען הכנהדיק מיט די היטלען אין די הענט און געבעטן רחמנות האָבן אויף צוויי שטומע צינגער...

אָבער דער געהױקערטער זקן האָט בלױז אױפגעמאַכט א קלײן לופּטשיקל, אַרױסגעשטעקט א העלפט פון זײן בײזן פּנים און אַרױס־געװאָרטשעט:

— „אַ הונט, װאָס שלעפּט שטײנער צום ברוק און האָט א פּאַר־בלוטיקטע פעל, — אַזא הונט װעט ער נישט לאָזן זיך באַהעפטן מיט זײן גוט געכאַליעטער פּיפּי, װאָס האָט אן אײגענע װאַנע און איז פון א יחוסדיקער ראַסע... נײן! און נײן!

איז אָנגעגאַנגען אַ שטילע קעגנזײטיקע מלחמה...

יעדעס מאָל, װאָס די שכנים האָבן געפּאַקט די קלײנע צװיג אָן אױפגעבונדענע, האָבן זײ גיך געבראַכט סעגרעדאָן:

— לױף אַהין און נעם דיר דאָס דײניקע...

אָבער ביז סעגרעדאָ איז צוגעלאָפן צום פּלױט, איז שױן פּיפּי צוריק געלעגן א פאַרשלאָסענע...

איז אָט, ליגט ער זיך איצטער װידער אָן אױפגעצױגענער, דער באַװוּלהטער הונט, און שנאַפּט די לופט, װאָס קומט פון יענער זײט, ער הערט זיך אײן צום שטילן שלוכצן פון דער פאַרשפּאַרטער פּיפּי, און גלאָצט מיט זײנע פאַרבענקטע אױגן צום אױסגעשטערנטן הימל — אז אײן גאָט זאָל זיך מרחם זײן...

און פּלוצים װערן זײנע אָנגעשפּיצטע אױערן טאָפּלט פאַר־שפּיצט. זײן שװאַרצע פעל נעמט ציטערן, װי אין פיבער. די פײכטע

נאָזלעכער סאפּען אזש מיט א פּארע. ער דערזעט ווי אויף דער צווייטער זייט עפנט זיך שטיל, געהיימניספול, דאָס גרויסע טויער און אַ ווייסער סילועט טוט א גיכן שפּרונג אַרויס, ווי פון אַ תפיסה... זי שטעלט זיך גראציעז אויף אירע הויכע פיסלעך, וואַרפט מיטן ווייסן עק, ווי א שלאַנג, און וואַרט אַ באַגליקטע אויפן איבערראַשטן סעגרעדאָ... ער טוט אויך א ווילדן שפּרונג צו איר, און פאַרדעקט זי אינגאנצן מיט זיין גרויסער פעל... זיי קנוידערן און וואלגערן זיך אין העכסטן עקסטאַז און באַמערקן נישט ווי א געהויקערטער שאָטן לויערט אויף זיי פון וויטן, לויערט ווי א גנב, מיט געביילטע פויסטן און מיט א גראָבן שטעקן אין די הענט... עס דאכט זיך, אז די שלאָפנדיקע פעלדער מיט די שטיל שאַרכנדיקע גערטנער וואַרטן אויך מיט אן איינגעהאַלטענעם אָטעם, ווי שטומע עדות, וואָס וועלן דעם סוד נישט קאָנען דערציילן.

און אָט האָט סעגרעדאָ גענומען זיך באַלעקן זיין פייכטע מאָרדע, מיט באַנייטער ליבשאַפט געוואָלט א שפּרונג טאָן צום קליינעם „מלאכל״, און גראַד אין דעם מאָמענט האָט דער פאַרשטעקטער שאָטן אויפגעהויבן דעם גראָבן שטעקן און מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט, ווי אויסגערעכנט:

— טראַסק! טראַסק! טראַסק!

איבערן קאָפּ, איבערן בויך, צווישן די שלייפן און איבער די פיס — אזוי בליציק און אזוי שטורעמדיק, אז דער צעטומלטער סעגרעדאָ האָט אפילו קיין פּיפּס נישט באַוויזן צו געבן... ער איז געבליבן ליגן א שטילער, אין אויסגעצויגענער אַנטקעגן דער פולער לבנה, מיט אַ האַלב אָפן אויג, אין וועלכן עס האָט זיך רואיק געשפּיגלט אַ זילבערנער שטערן...

און דער רייכער באַלעבאָס האָט אַ כאַפּ געטאָן די געזועטיק־טע פּיפּי אויף זיינע וואַרעמע הענט, זי געטראָגן, ווי אַ צעפּיעשטשעט קינד צום ווייסן געצעלט, און האָט שטיל געמורמלט:

— אוצרל מיינס, טייער צויגעלע מיינס, אצינד וועלן מיר שוין ביידע קאָנען רואיק שלאָפן... איצטער ביסטו שוין אינגאַנצן פ ר יי...

★ ★

★

קייקעלעך

מיט גיכע טריט האָט דער גרויסער יצחק זיך דערנענטערט צום קליינעם יצחקלס רויט־באַבלומטער „באַמגאַלאָ". הויך, פּאַל, אין אַן אָפּגעכומערט רעקל און צעקניטשטן העמד, האָט דער גרויסער יצחק, מיט ציטערנדיקע פינגער אויפגעמאַכט די גלעזערנע טיר, אַ באַצירטע מיט אָרנאַמענטן פון טונקעלן בראָנז. ס'האָט גלייך אַ שלאָג געטאָן מיט הארבע ריחות פון רפואות.

אינעם שלאָף־צימער זיינען די פענצטער פאַרהאָנגען מיט שווערע, פלושענע גאַרדינען, וואָס לאָזן נישט אדורך דעם שאַרפן בליאַסק פון דער זון. ס'קוקט־אויס, גלייך די געדיכטע פּאָרטיערן וואָלטן שוין אויך מיד געווען פון דער שטענדיקער ים־רעשענישׂ, וואָס טראָגט זיך דאָרטן גאַנץ נאָענט פונעם אויסגעשפּרייטן אַטלאַנטיק. עס דוכט זיך, אז די לוקסוס־שטוב איז גאָר אַן אומבאַוועגלעכע שיף, וואָס גרונטיקט אייביק צווישן ים־כוואַליעס.

אינעם גרויסן טאָפּל־בעט, מיט געהאַפטענע באַלדאַכין, ליגט דער פּאַרטאַיעט דער באַריטמער פאַבריקאַנט, סעניאָר איזאַק. זיין גערונצלט פּנים צוקט, ציטערט. די מאַטע אויגן, אָט עפענען זיי אַ שמאָל שפּעלטעלע, גיבן זיך אַ גיכן קוק־ארום, זוכן אויפצוכאַפּן אַ געשטאַלט און שליסן זיך ווידער, כדי אויפסניי צו קאָנען עפּס שפּינען, נאָכטראַכטן.

ווען יצחק איז צוגעקומען, זיינען די אויגן ביים חולה געווען געשלאָסן. טראָפּנס אָפּגעשוואכט לעבן האָבן נאָך געקעמפט, ווי עלעקטריש־איבערגעבראָכענע דראָטן לייכטן צוביסלעך, איידער זיי גייען אינגאַנצן אויס...

יצחק האָט אַ ווײַלע זיך באַמיט נישט צו שטערן די געדעמפטע רו. נאָר אַזויווי דער קראַנקער איז הפּנים איינגעשלאָפן, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ ברייטן פאָטעל, גענומען באַוואונדערן דאָס גליווענדיקע עשירות; בראָנזן, טעפּיכער, טייערע אייל־בילדער, דרעמלען, דוכט זיך אים, אויך אַזוי — נאַרקאָטיש־פאַרשלעפערט...

פון דער שטוביקער טונקלקייט און פאַרטשאַדנדיקער יוארעמקייט איז אויך דער גרויסער יצחק אַריינגעוועבט געוואָרן אין אַ קאָשמאַרנעם דרימל. ס'האָט אים פאַרטראָגן אין יענער סטאָליאַרסקער כאַטע, וווּ ס'האָט תמיד געשמעקט מיט פרישן געהילץ, צעמאָלענעם זעגעכץ און האַרבן ליאַקיר־שמירעכץ. אָט זעט ער מעכעלען, זיין פאַרקנופּט בערדל צעפלויגענע פאָלעס. ער ווירלט סענקאַטע ברעטער, קלעפּט־צונויף פויערישע שענקלען. און זיין זון, דער איצטיקער סעניאָר איזאַק, נידעריק און קרעפּקע, הובלעוועט מיט געזונטן ראָזמאַך איינגעשרויפטע קלעצער. עס שפּריצט פון זיי מיט דינע שניצלעך האָלץ, וואָס פאַרשפּרייטן זיסע ריחות, ווי שמעקנדיקער יאַלאָוויץ. און די מעכעלעכע, קיילעכדיק ווי אַ פּעסעלע, מיט אַ גרויער ראָגאָזשע אַרום פאַרקילטן האַלדז, פּיו'ט דם „פּאָזשאָנדעק”. זי שאַרט מיט אַן אויסגעריבענעם דראַפּיטש דאָס פעטע זעגעכץ, פלאָשעט אָן אַ געדיכטן שטויב, וואָס שאַרפע זונשטו'אַלן לייכטן אַדורך, ווי אַ טולענעם פאָרהאַנג...

אין די געציילטע פאַרדמיונטע מינוטן האָט עס אים אויך דערמאָנט זיין אייגענעם טאַטן, דעם בן־תורה, מיט דער ברייטער באָרד

און צעלאָזטן טלית-קטן, וואָס אַן א מאמר-חז״ל האָט ער זיך נישט גע־רירט. זיין פרומע מאַמע פלעגט אפילו אין די וואָכן־טעג טראָגן אַ סאטינען שטערנטיכל. און ער אליין, יצחק, מיט געלאָקטע פאהלעך, אינעם דריי־פערטלדיקן זשאַקעטעלע, האָט ביז זעכצן יאָר געגלעקלט אי־בער אָפענע גמרות. נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערזען אויף די בלעטער פון די אָפענע גמרות, דעם גרינעם יצר־הרע־בליאַסק פון דער שיי־נער מלכהלעס גרויסע אגרעס־אויגן. און פּלוצים איז ער גאָר געוואָרן יד־אחת, „טשוטשעלע־מוטשעלע״ מיטן סטאָליאַרס קליינעם יצחקל. צוזאמען גענומען שפּאַצירן אין קליינעם וועלדל, איניינעם איבערגע־כאַפּט פאַרן דאַווענען און צוזאמען געראַנדקעוועט מיט דער שיינער שניידערקע, מלכהלע... און זי, מיט אירע לאַנגע צעפּ, הויכע פּיס און געשיקטן גענגל, האָט זיך געלאַשטשעט צו ביידע יצחקלעך אויף אַמאָל.

דער קליינער, אין ברייטע הויזן, צעלאָזטער מאַרינאַרקע און רויטלעכן פאַמעראַנצן־פּנים, תמיד מיט געלט־קלינגערס אין קעשענע, האָט זי גלייך „אונאַשטשאַיעט״ מיט ניסלעך, קאַראַמעלקעס... און אז דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט ער געפּרוווט מיט קייטעלעך, בראַש־קעלעך געוווסט מיט וואָס אויסצופּלאַסטערן די וועגן צו א מיידלס האַרץ. דער גרויסער אָבער, אינעם חסידישן קאַפּאָטקעלע און געקרוי־זלטע פאהלעך אונטערן פּליטקע היטעלע — ער האָט זי נאָר געקאָנט מכבד זיין מיט תורה־ווערטלעך און קלוגע משלים.

איז אָבער מלכהלע געווען אַן אָרעמע שניידערקע. וואָס טויגן איר דעם גרויסנס חכמות, ווען זי קאָן זיך נישט מאַכן קיין קליידל? אין דער שטיל האָט איר ס׳האַרץ דווקא יאָ געצויגן צום גרויסן יצחק.

אָבער איר פאַרדאַגהטע מוטער, מיטן שווערן עול פון א האַלב הויז בוג־ רותן, האָט שטיל אונטערגעוואָרטשעט:

— אזא בייז באַשריגעניש, ווי דו, מיט אזא געמיינער „פּאַלאַ־ זשעניע״ ווי דאַנע, טאָר זעך נישט לאָזן „טשאַקען״ מיט „קאָמפּלי־ מענטן״, וואָרעם ס׳טעפּל אויפן קוימען וועסטו מיט „לערנערייקעס נישט אָנפילן...

דערווייל איז דער קליינער געקומען מיט בלישטשענדיקן צירונג און אין איין וועגס מיטגעבראַכט געפּילטע קישקע, הייסע פּאַנטש־ קעס... אָבער די בלינד פאַרליבעניש פון ביידע יצחקלעך האָט זיי דער־ ווייל צוזאַמענגעקנופּט אין א טיפער חברשאַפט.

גראָד אין יענער צייט האָבן אין שטעטל אָנגעיאָגט רוצחישע היצ־ לעס, אין ברייטע קוטשמעס און סקאָסנע בליקן. זיי האָבן געהאַקט יידישע שויבן, צעראַבעוועט איינגעזעסענע קראָמען, פאַריאָגט בעל־ מלאכות פון לאַנגיאָריקע נחלות.

האָט דער קליינער נישט געקאָנט ברענגען קיין הייסע פּאַנטש־ קעס און אויך דעם גרויסנס חכמות האָבן פאַרלוירן זייער ווערט. האָבן זיי גיך געמאַכט איין פּעקל, הויס געדריקט מלכהלעס ביידע הענט, איר הייליק פאַרזיכערט, „אז דאָרטן וווּ זיי וועלן גיין, וועט זי אויך אמאָל זיין״... און ווילך, דער גרויסער צוזאַמען מיטן קליינעם, קיין בראַזיל.

ב

דער קליינער האָט זיך לייכט א דראַפּע געטאָן אויף הויכע בעוו״ג. א שמעק דאָ, א ניוכע דאָרטן, קיין איינגעפּרענגטע קלעצער צווישן

אייזערנע שרויפן נישט באַמערקט. אַ גליענדיקע זון אויף צעפּאַרעטע מאַשינען, קיילעכדיקע גלעקער מיט הויכן געקלאַנג און שאַרפע ברע־טער, וואָס רוקן זיך אליין אין אייזערנע פּיסקעס אריין...

שטאַרק פאַרחידושט, מיט דער היימישער מאַטשעיובקע אין זיי־נע קיילעכדיקע הענט, האָט דער קליינער הכנעהדיק געגעבן צו פאַר־שטיין איינעם אַ „הער דירעקטאָר", אַז אין די דאָזיקע „קלינגערייקעס", איז ער ממש אויפגעוואַקסן — אָבער אָן מאַשינען, אָן גלעקער, נאָר פּשוט, מיט אַ היבל, אַ זעג, א דלאָטע, געמאַכט שענקלעך, ווי גאָט האָט געבאָטן.

דעם קליינעמס ברייטע פּלייצעס מיטן רויטלעכן פּאָמעראַנצן־פּנים, זיין חצי־יידיש מיטן צעבראָכענעם גויאיש האָבן נושא־חן געווען. מען האָט אים באַלד אַוועקגעשטעלט נעבן זשומענדיקע מאַשינען, באַ־פוילן: דו רוק אונטער קלעצער, די ברעטער וועלן זיך שוין אליין רוקן און די רעשט — נישט דיין עסק...

לאַנג האָט דער קליינער נישט פאַרבראַכט ביי די פרעמדע גלעקער:

— אָט דאָס איז די גאַנצע תורה? רוקן קלעצער אין מאַשינען אריין? אבי מען דאַרף נאָר קיין קאָפּ נישט דערצו... הענט? האָט ער שטאַרקע. פּי, מאַשינען? קריגט מען אויף אויסצאָל...

איז טאַקע גיך געבוירן געוואָרן א נייע „פאַבריקאַ דע מאָוועיס" (מעבל־פאַבריק). אמת, אויף גאָר קליינע רעדעלעך און נאָך קלענערע גלעקעלעך אָבער ס'האָט נישקשהדיק גערוישט און לייטיש געקלונגען. אביסעל שפּעטער האָט א שילדל מיט רויטער פייער־שריפט אָנגעזאָגט שמחהדיק: „נאָוואַ פאַבריקאַ דע סעניאָר איזאַק" (אַ נייע פאַבריק פון

הער איזאק). ביז גרויסע קאַמיאָנען, מיט ווייסע אותיות אויף אַלע פיר זייטן, האָבן אָפּגעליפערט איבער אַלע שטאָט-טיילן די באַרימטע מעבל פון סעניאָר איזאק...

ערשט ווען פון אַלע זיינע פאַבריקלעך איז געוואָרן טויזנט מע־טער די לענג און פינף הונדערט מעטער די ברייט; און ריזן-גלעקער האָבן שוין געקלונגען אַ מהלך ווייט, האָט דער קליינער אַוועקגעשיקט אַן ערשטע קלאַס-שיפסקאַרטע, מיט געציילטע ווערטער:

— יעך באַדאַריף אַן אייגענעם מענטש, וואָס זאָל קאָנען זיצן ביים שיפלעדל, בעט יעך דיער, מלכהשי, זאָלסט נישט באַלאַ־מיטשען...

אין א פשוט, ציצן קליידל, הויכע, געשנורעוועטע שיך, אַ גע־פלאָכטן גרעקל אויף איר געסקליאָרוועטן קאַרק, איז מלכהלע שטיין־געבליבן נעבן די הוזשענדיקע מאַשינען, גולמעוואַטע פאַרלייגט אירע פוכקע הענט און ס׳ליכטיקע פנים — הוילער חידוש. אירע גרויסע, קיי־לעכדיקע אגרעס-אויגן האָבן געבלינצלט מיט אומגלויבן און מיט אַביסל אַ געדעמפּטער שטימע האָט זי אויסגעשריען: ס׳א ליגנט, נאַרסט מעך אָפּ, שפּילסט דעך מיט מיר אין „טשעטשע-באַבע"...

האָט זי יצחקל א נעם געטאָן מיט זיינע שטאַרקע הענט, צוגע־פירט צום קאַסיר-קעסטל, א הויכן קאָמאַנדעווע געטאָן: זעין דעך דאָ ארויף, דאָס איז די קאַסע, זי גייט אויף „פזשענזשינעס", פאַשמאַיסט צי ניין?...

האָט נאָך מלכהלע א צוויפלדיקן דריי געטאָן מיט איר געלאָקטן קעפל, א טראַכט געטאָן — זי וואָלט זיך דאָס גיכער געגלויבט אויפן

גרויסן יצחק... נאָר געפרעגט האָט זי בלויז: וויאזוי האָסטו דעך צו דעם דעראָביעט, יצחקל?

האָט ער פארלייגט זיינע קורצע הענט אויף דער פעסטער ברוסט, א רגע זיך פארקלערט, גלייך ער אליין וואָלט אויך געפרעגט די זעלבע קשיא, נאָר צום סוף ארויסגעשטאָמלט: פרעגסט מיעך? כ'לעבן, ווי יעך ווייס נישט... טאַקע באמת, פרעג מיך בחרם צי יעך ווייס.

מלכהלע האָט זיך נישט געקאָנט מער איינהאַלטן, כלומרשט אַ בים געטאָן דעם לאנגן נאָגל פון איר קליינעם פינגערל און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— נו, און דער גרויסער?...

— אין דר'ערד...

— טאַקע באמת?

מלכהלע איז אזש בלאַס געוואָרן פאר שרעק.

— ס'הייסט, נישט אינגאנצן אין דער ערד, נאָר אזוי גוט ווי טויט... — און צוגעגעבן:

— טייערינקע, דאָ, איז בראזיל, ס'העלפן נישט קיין חכמות, דאָ איז אַ טראַפּונעק און באַסטאַ...

האָט מלכהלע געגעבן א פלינקן שפרונג-ארויף אויפן הויכן קאַ־כע־בענקל, זיך ארייגעזעצט אינעם ווייכן געזעס, אָנגעטאָן א יחוס־

מינע, ווי פון א היימיש-אויפגעקומענער נגידותטע און ס'רעדעלע האָט זיך גענומען דרייען — גרויס...

דער קליינער יצחקל האָט פּלוצים באַקומען אַ שטאַרקן גאַט, אַ מעכטיקן — געלט. וואָס מער זיינע מאַשינען האָבן געראַשט, וואָס העכער די גלעקער געקלונגען, אַלץ מער האָבן אים געציטערט די פינ־גער ביים ציילן די אָנגעהויפנטע האַרמעס באַנקנאָטן: זע נאַר, מלכה־שי — פּלעגט ער איר אָנווייזן אויף די קנאַקנדיקע פּאַפּירלעך קוק נאַר, טייערע, אַט־דאָס אַלץ איז אונדזער... **אונדזערס**...

קינדער זיינען ביי זיי געבוירן געוואָרן שיינע, ווי די טראָפּישע פּלאַנצן. כאָטש אביסל טעמפּ. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף די גרעם־טע ספּאָרט-אַרענעס, געוואָרן באַרימטע שווים-טשעמפּיאָנען... און די רוישנדיקע מאַשינען מיט די קלינגענדיקע גלעקער געלאָזט צום „פּאַ־פּאַיס" קאָפּ. דער „פּאַפּאַי" האָט ליב געהאַט זיך גוט אָנצועסן מיט רע־טשענע קליסקעס, איינאָטעמען פרישן יאַלאָוויץ, מיט שטילקייט פון אויסגעשפּרייטע פעלדער; און ווו ר'איז דעמאָלט געלעגן אָדער אפילו זיצנדיקערהייט, געזונט אָפּגעכראָפּעט ביז קאַיאָר... אָבער דאָ? מאַ־שינען-גערויש און גלעקער-געקלאַנג גרייכן ביז צום ווייכן געלעגער. און די געבראָטענע הינדלעך, וואָס מלכהלע האָט נישט געזשאַלעוועט, האָבן אים באַלד פאַרדאָרבן דעם מאָגן.

מלכהלע אַליין האָט באַלד איבערגעלאָזט דאָס שיפלעדל. „די דאָזיקע ארבעט" — האָט זי זיך געפּיעשטשעט — „קאָן טאָן אַ ליאַ־דע מיידל-טשינע". זי אַליין האָט אָנגעטאָן הויזן, געפּענדזלעוועט אירע שיינע ברעמען. זי האָט אָנגעהויבן גיין אויף „דעספּילע דע מאַדאַם", זיך אויסגעלערנט „בינגאָ", איינסטאַלירט אַ ספּעציעל קאָרטן-שטיבל

און גיך געכאַפּט דעם שניט פון אַ צעבאַלעוועטער יחסנטע. אַט־דאָס אַלץ האָט דעם קליינעם יצחקל אַריינגעטריבן אין אַזאַ אויסטערלישן פּחד, אַז ר׳האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו שלאָפן.

סעניאָר איזאַק האָט זיך אָפּט גענומען טאַפּן זיין געוועזנלטן שטערן, פאַרשטאָפּן די אויערן פאַרן צו־הויכן גערויש. ער באַנעמט נישט מער די גרויסע שורות ציפערן אין זיינע קאַסע־ביכער, באַגרייפט נישט די סך־הכלען, וואָס בענק־דירעקטאָרן שטעלן אים צו. „וואָס האָט מען זיך אָנגעזעצט אויף מיין בידנעם שטיקל לעבן?״.

נו, האָט מען דעם סעניאָר איזאַק גלייך אַוועקגעשיקט איינשטילן זיינע צעשרויפטע נערוון. איז אָבער סעניאָר איזאַק צוריקגעקומען נאָך צעחושטער. זיין קיילעכדיק פּנים לענגלעך־צעצויגן, די פולע באַקן ווי צוויי אַראָפּהענגנדיקע טאָרבעלעך און דער ברייטער גוף, ווי אַ צע־לעכצט פּעסלע, וואָס די אָפּגעשוואַכטע פיס האָבן מער נישט געקאָנט טראָגן.

באַרימטע פּראָפעסאָרן האָבן גענומען אונטער אַ גרויסן שפּאַק־טיוו דאָס העל־געוואָרענע בלוט פון סעניאָר איזאַק און ס׳איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז „קייקעלעך״, צופיל ווייסע קייקעלעך שלינגען ביי אים איין די רויטע, ווי היישעריקן.

זינט דעמאָלט גייט־אָן אין סעניאָר איזאַקס גוף אַ שווערער קאַמף, ביז עס האָט אים אַריינגעקייקלט אין דעם גרויסן, מיט זייד־באַוואַפּנטן בעט אַריין.

און אַז אין בעט, האָט זיך דעם גרויסן יצחקס איידעלע געשטאַלט גענומען שאָטענען, ווי אַ געשפּענסט, אויפן קליינעם יצחקלס געהאַפּ־טענער דעקע.

— טאַקע, באמת, ווו איז ער אהינגעקומען? — האָט דער קראַנ־קער זיך געפּייניקט אויפן ווייכן געלעגער. איצט האָט ער זיך דער־מאָנט: ווען ער איז נאָך נישט געווען אין די פּעדערן, פלעגט ער אמאָל אויפזוכן זיין חבר, אריינגעקוקט אין יענעמס פאַרטרוערטע אויגן, געגעבן עצות, געפּרוווט עפּעס אונטערשטופּן... כאָטש ער ווייסט זייער גוט, אז מיט אביסעלע מער, וואָלט ער יענעם געקאָנט שטעלן אויף די פיס. האָבן אָבער זיינע ציטערדיקע פינגער נישט געדינט אים. און שוין אפשר צוואַנציק יאָר, אז ער ווייסט נישט מער פון גרויסן יצחקס געביין...

מאטערט עס אים אויפן שווייסיקן קישן: אזא געלערנטער קאָפּ! נישט געקאָנט זיך דאָ דערשלאָגן צו עפּעס רעכטס? זיי האָבן זיך צו־זאמען געוואלגערט אויף שלעפּ־שיפן, אינאיינעם געשוואַרצט גרענעצן, זיך געמאַטערט און געהונגערט אינאיינעם. ווי־זשע קומט עס טאַקע, וואָס ער האָט אים אזוי פאַרגעסן?

האָט דער קראַנקער זיך געפּלאָגט אין די שלאָפלאָזע נעכט: נו, יצחקל, די „מאַטניאַ" האָט דיך דאָ פאַרבלענדט? טויב און שטום גע־מאַכט? געברענגט מלכהלען, זי אריינגעזעצט אינעם גאָלדענעם שטייגל, מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ, טאָמער געפעלט איר גיכער דער קבצן... איז אָט האָסטו דיר! קייקעלעך...

ג

יצחק דער גרויסער האָט לויטן שכל באַנומען, אז אין אַ טראָ־פּיש לאַנד, ס׳רוב אָנגעלאָדן מיט געדיכטע וואָלקנס, איז גוט אָנצוהויבן פּעדלען מיט רעגן־מאַנטלען. צוויי פּעק אין די הענט, עטלעכע אויף די

פליִיצעס — זיין לאַנגער גוף מיטן פאַרשוויצטן פנים, האָבן צווישן די אָנגעלאָדענע פּעק אויסגעקוקט ווי אַ גייענדיקער גולם. פּונקט דעמאָלט האָט די זון געגליט אויף בערג און טאָלן, וואָלקנס האָבן זיך געבאָדן אויפן דנאָ פון ים. יצחקס גומענע סחורה האָט אַרויסגעגעבן סמאָליענ־דיקע ריחות און קיין בעלנים אויף רעגן־מאַנטלען זיינען נישט געווען.

האָט ער אַהיים געטשאַפּעט צעהיצט, גלייך ער וואָלט אַרויס פון אַ קאַלך־אויוון און גלייך באַשלאָסן — פּרוּוון מיט זון־שירעמס. צעעפנ־טע „פּאַראַסאָלקעס" אין די הענט, יאַפּאַנעזיש־געבלימטע אויף די פליי־צעס, האָט ער אליין אויך אויסגעקוקט ווי אַ גרויסער ריזן־שירעם. האָבן זיך גראָד דעמאָלט די שוואַרצע וואָלקנס מטריח געווען, פאַרטונקלט וועגן, ווי ערב־נאַכט און באַלד זיך צעגאָסן אין שאַרווענדיקע וואַסער־לאַווּעס, אַראָפּגעשווענקט צעשטערטע „פּאַוועלאַ"־הייזקעס... געזען ווי נאַקעטע וואָגלער ראַטעווען זייערע צעפוילטע בעבעכעס, האָט אויך יצחק אַהיימגעדזשאָגעט זיין צעוויקטע סחורה, אַזוי ווי די באָרוועסע נעגער־יונגען זייער צעהפקרטע ביסל אָרעמקייט.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט מייאש געווען. ס'שטייט ערגעץ נישט געשריבן, אַז ער מוז דווקא ווערן אַ „קלאַפּער". אָט וועט ער גאָר פּרוּוון אַ פאָטאָגראַפיסט. ס'איז אַ לייטיש פאַך, אַביסל קינסטלעריש אויך; און מ'קאָן אפילו דערגרייכן ביז צו אַ שוי־פענצטער ביים סאַ־מאָראָדנעם אַטלאַנטיק...

מיט אַ קליין אַפּאַראַטל אויף דער ברוסט, אַ בליי־לעמפּל אין דער האַנט, האָט יצחק דער גרויסער זיך אַוועקגעשטעלט נאָענט פון אַ העל־באַלויכטענער בינע. עולם האָט גראָד געפּראַוועט אַ יום־טוב,

פלייצעם — זיין לאנגער גוף מיטן פארשוויצטן פנים, האָבן בווישן די אָנגעלאָדענע פּעק אויסגעקוקט ווי א גייענדיקער גולם. פּונקט דעמאָלט האָט די זון געגליט אויף בערג און טאָלן, וואָלקנס האָבן זיך געבאָדן אויפן דנאָ פון ים. יצחקס גומענע סחורה האָט ארויסגעגעבן טמאַליענ־דיקע ריחות און קיין בעלנים אויף רעגן־מאַנטלען זיינען נישט געווען.

האָט ער אהיים געטשאַפּעט צעהיצט, גלייך ער וואָלט ארויס פון א קאַלך־אויוון און גלייך באַשלאָסן — פּרוּוון מיט זון־שירעמס. צעעפנ־טע „פּאַראַסאָלקעס" אין די הענט, יאַפּאַנעזיש־געבלימטע אויף די פּליי־צעס, האָט ער אליין אויך אויסגעקוקט ווי א גרויסער ריזן־שירעם. האָבן זיך גראָד דעמאָלט די שווארצע וואָלקנס מטריח געווען, פּארטונקלט וועגן, ווי ערב־נאכט און באַלד זיך צעגאָסן אין שאַרווענדיקע האַסער־לאַוועס, אראָפּגעשווענקט צעשטערטע „פּאַוועלאַ"־הייזקעס... געזען ווי נאַקעטע וואָגלער ראַטעווען זייערע צעפוילטע בעבעכעס, האָט אויך יצחק אהיימגעדזשוויגעט זיין צעווייקטע סחורה, אזוי ווי די באָרוועסע נעגער־יונגען זייער צעהפקרט ביסל אָרעמקייט.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט מייאש געווען. ס׳שטייט ערגעץ נישט געשריבן, אז ער מוז דווקא ווערן א „קלאַפּער". אָט וועט ער גאָר פּרוּוון א פאָטאָגראַפיסט. ס׳איז א לייטיש פאַך, אַביסל קינסטלעריש אויך; און מ׳קאָן אפילו דערגרייכן ביז צו א שווי־פענצטער ביים סאַ־מאַראָדנעם אַטלאַנטיק...

מיט א קליין אפּאראטל אויף דער ברוסט, א בליץ־לעמפּל אין דער האנט, האָט יצחק דער גרויסער זיך אוועקגעשטעלט נאָענט פון א העל־באַלוכטענער בינע. עולם האָט גראָד געפּראַוועט א יום־טוב.

דער לאנגער טיש — פול מיט בלומען־קרענץ. אויבן־אָן — דער קליי־נער יצחקל, אין א שוואַרצן סמאָקינג, מיט אַ שטייפן קאָלנער... דער גרויסער יצחק האָט געקוקט דורכן קליינעם לעכעלע פונעם אָנגע־שטעלטן אַפּאַראַט, געקוקט, ווי היפּנאָטיזירט. ס׳איז פאַרשוואונדן די גאַנצן אוידיטאָריע. ער זעט בלויז א קיילעכדיק פּנים און וויל דערגיין: וואָס ליגט אזוינס אינעם דאָזיקן פּנים, וואָס איז זוכה צו זיצן דאָרטן אויבן? כאָטש, צוריק־געשמועסט, האָט ער גאָרנישט צום קליינעם יצחקל. ער האַלט זיך פון ווייטנס? איז דאָך דער אמת, אַז ער, דער גרויסער, האָט גאָר פריער גענומען אויסמיידן דעם קליינעם. דער חכם אין אים האָט זיך געשעמט מיט זיין אומבאַהאָלפנקייט... וואָס־זשע איז טאָקע שולדיק דער קליינער? ער פאַרשטעלט אים דען דעם וועג צו עשירות?

די צעפּאַרענע געדאַנקען אונטערן שוואַרצן אַפּאַראַטל האָבן אים אזוי צעשרויפט, אַז ער האָט נישט באַמערקט ווי דער אומגעדול־דיקער עולם כעסט זיך, שרייט: זאָל ער שוין א בליץ טאָן מיט זיינע כלים, דער שלימזל! וואָס גאַפּיעט ער זיך דאָרט ביים „לבנה־טעלערל”?

— היי, דו! דאַרער גאַנער, אַהין אָדער אהער!

מענטשן האָבן געליאַרעמט און געחוזקט. פון גרויס צערודערונג האָט זיין בליץ־לעמפּל זיך פאַרהאַקט, נישט געוואָלט אויפריימן. איז גיך אונטערגעלאָפן א ספּריטנע בחורל מיט א קליין מאַשינקעלע, גע־געבן א גיכן פּיף־פּאַף און פאַרטיק...

כאָטש הויך, מיט אַ שיינעם קאָפּ געדיכטע קרויזן, אַ דעליקאַט פּנים מיט לייטישער בילדונג — האָט דער גרויסער יצחק דאָ נישט גע־קאָנט זיך צוזוכן קיין חברטע.

דערציילונגען

ס'שווינדלט אים אזש פאר די אויגן, ווען ער בליקט ארויף צום קליינעם יצחקלס הויכער קאמעניצע, ווען ער קוקט נאך יענעמס ברייטן „קאדילאק", וואס פארט נישט נאר ער שווימט. נעבן יצחקלען טוליעט זיך קינדיש די אויסגעליאלקעוועטע מלכהלע, וואס־זשע טויגן אים זיינע חכמות, ווען יענעמס נארישקייט גילט?

ענדלעך האט מען אים דערזען. עפעס אין אן אינסטיטוציע דארף מען א געלערנטן מענטש, מיט קאפ, מיט א פעדער אין האנט. אבער וואס קאן ער שיון דערלעבן פון פירן פרעמדע בוכהאלטעריעס? זאר א סוף און אן עק! אבי זיך נישט פלאנטערן מער צווישן הימל און רויך. ער איז בלויז געווארן אפגעלאזענער. זיין געלאקטער קאפ האט באקומען צוויי ראזע סטעזשקעס און דער געפרעסטער קנייטש אין זיי־נע הויזן — אויסגעגלייכט.

...ביז א שווארצער שאפער, מיט זיין ברייטן גוף און גלאנ־ציקן דאשיקל, האט פול געמאכט דעם גרויסן יצחקס צימערל. ביים הכנעהדיקן שליח האבן די ווייסע ציין ארויסגעבליאסקעט צווישן זיינע גראבע ליפן:

— כ'בין געשיקט פון סעניאר איזאק... קראנק... בעט אייך קומען...

ד

ווען ביים סעניאר איזאק האבן זיך צעעפנט די שמאלע אויגן־שפעלטעלעך, האט זיך דער גרויסער יצחק געגעבן אזא הפסקן שטעל, אז אין קראנקנס אפגעשוואכטער ראיה האט ער אויסגעזען צוויי

מאָל אַזוי הויך און לאַנג און ברייט. דאָס גערוימע שלאָף־צימער איז פול געוואָרן מיטן גרויסן יצחקס געשטעל. דער גאַנצער עשירות־בליאַסק האָט ווי אָפּגעטרעטן פאַר אים...

— ביסט שוין לאַנג דאָ, יצחק?

— יאָ, שוין גאַנץ לאַנג — האָט דער גרויסער יצחק זיך אָנגעבויגן, באַמיט זיך אויסצוזוכן אַ סך קלענער און מיט פּלוצים־אָנגעלאָפענער וואַרעמקייט גענומען גלעטן דעם קליינעמס בלייכע הענט:

— וואָס עפּעס זיך אַריינגעלייגט אין בעט, האַ, יצחקל? האָסט נישט מער וואָס צו טאָן?...

דער קראַנקער האָט זיך אָנגעשטרענגט געוואָלט קלאָרער דערטאַפּן אין יענעמס מינע, אויב ער נעמט טאַקע אַזוי גרינג זיין ליגן איצט אין בעט. אויך ער האָט זיך באַמיט צו געבן זייער שמועס דעם אַמאָליקן טאָן:

— נו, יאָ, וואָס זאָגסטו נישט צו דעם, יצחק? „קייקעלעך" גאָר!... — און מכלומרשט־לאַכנדיק צוגעגעבן: „האָסטו שוין אַמאָל געהערט פון אַזאַ שלימזל ווי קייקעלעך?"... זיינע פּייכטע אויגן האָבן קרענקלעך אַ בלינצל געטאָן: „מיין טאַטע פלעגט קנעטן פון ווייכן ברויט — קייקעלעך. איך אַליין האָב געבלאָזן דורך אַ שטרוי — זייפן־קייקעלעך. אָבער קייקעלעך אין בלוט, דאָס האָבן נאָר די דאָקטוירים אויסגעטראַכט".

פונעם „פריילעכן" שמועס איז דער חולה צוריק־געפאַלן אויפן קישן. זיין אויסגעווייקטער קאָפּ האָט נאָס געמאַכט דאָס גאַנצע

ציכל... א ווײַלע איז ער געבליבן אָן לשון. נאָר באַלד, מיט אַ זעגנדי־קער שטימע, שוואַך ארויסגערעדט:

— נו, ווייסט שוין, אז איך קייקל מיך... דערצייל־זשע, וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר?

דער גרויסער יצחק האָט זיך צוריק־געזעצט אינעם באַקוועמען שטול. נאָכן אָנגעשטרענגטן שפּיל האָט ער געלאָזן ארומגעווישט דעם שוויים און ארויסגעזיפצט: וואָס זאָל מען הערן, יצחק? ווייסט דאָך, צו מיר איז בראַזיליע נישט געווען אזוי, נו, ווי זאָל איך עס דיר אָנ־רופן? „קייקלדיק"...

דערשעפּט, ס׳פּנים ווי קרייד, מיט אַ קול ווי פון אַ קבר, האָט אים דער קראַנקער איבערגעשלאָגן: און דו מיינסט, אז איך בין דאָ גרויס געוואָרן? מיינסט עס טאַקע אויף אַן אמת?

דער גרויסער יצחק האָט פאַרביסן געשוויגן. דער קראַנקער האָט ווייטער גערעדט:

— שקר וכזב, מען ווערט נישט גרויס צוליב קלינגענדיקע גלע־קער... ס׳אַ בראַזיליאַנער פאַרבלענדעניש...

ער האָט ווידער זיך געפּרוווט אויפזעצן, אָבער צוריק־געפאַלן. פאַרזונקען, ווי אין הינער־פּלעט, האָט ער געטענהט ווי צו זיך אליין:

— כ׳פלעג ליב האָבן צו זען, ווי אין די „סאָסיעדאַדעס", עפענען זיך ברייט אלע טירן פארן קליינעם יצחקל... ס׳ערשטע בענקל אין

מזרח ווארט איך זאָל מען ארויפזועצן... קראַנק געווען נאָך אביין סעלע כבוד, געוווסט, אז מען קריגט עס פאר געלט... אָבער איצט פיל איך ווי קליין, נישטיק און נאַריש דאָס אלץ איז געווען. כ׳בין זיכער, אז דו וואָלסט נישט געמאַכט קיין צימעס, ווען ס׳מזל שפּילט דיר צו, אויפצושטעלן טויטע גולמס, קלינגענדיקע „לאבזעס״... יאָ, יעך וויים, נישט ווייל יעך בין קליין געוואָקסן, נאָר די נשמה איז מיר נישט אויס־געוואָקסן... אפילו קעגן דיר, מיין בעסטן פריינט, האָב איך דאָך גע־האַנדלט ווי א דראַן, א סוואָלאַטש, א... א...

— ניין! — האָט דער גרויסער יצחק מער נישט געקאָנט הערן. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם קראַנקן ביי די הענט, אים פארשטעלט דאָס מויל. דעם קראַנקנס אויגן זיינען געוואָרן טאָפּלט גרויס:

— לאָז מיך, יצחק, כ׳וויל רעדן! נאָך א קליין ביסעלע! זע ווי עס בלישטשעט ביי מיר. אלץ איז דאָ געוויקלט אין פערגאַמין־פּאַ־פּירן, ס׳זאָל חלילה נישט זשאַווערן... אָבער אליין? געזשאַווערט אי־נעווייניק... געוואָלט אַלעמען איבעריאָגן... צוליב וואָס?... יעך האָב א פארוואָס — דער היימישער דלות האָט מיך דאָ פארפאָלגט... נישט געקאָנט פארגעסן, ווי ס׳האָט אמאָל אויסגעפעלט ס׳שטיקל ברויט אין שטוב. האָט עס מיך דאָ געיאָגט, געטריבן...

פּלוצים האָט זיך געעפנט די טיר מיט א בליאַסק. א בלאָנד מיידל איז אריין. פונעם ווייסן פעניואר האָט זיך בולט אויסגעשיילט די פוכקע רונדיקייט און פאַרצעלייענע ווייסקייט פון א יונג־בליענדיקן קערפּער. אין אירע קיילעכדיקע אויגן איז געלעגן דער גרינער שימער פון מלכהלעס יונגשאַפט. זי האָט זיך פלינק א דריי געטאָן, א רגע זיך פארהאַלטן ביים קראַנקנס בעט, מעכאַניש א פרעג געטאָן:

— נו, פּאַפּאַ, קאָמאָ סע סענטי?... (נו, טאַטע, ווי פילסטו דיך?)

נאָר איידער דער טאַטע האָט באַוויזן צו שאָקלען מיטן קאָפּ, איז דאָס ליכטיקע פּיגעלע שוין צוריק געווען אויף יענער זייט שוועל.

— געזען א מויד? — האָט דער קראַנקער זיך א וואָרף געטאָן, גלייך ווי געשליפענע שפּיזן וואָלטן אים דורכגעשטאָכן ס'לייב — אָט־די דאָזיקע מויד, אויף האַניק מיט פּוטער געכאָוועט, אַלע שמד־שטיק נאָכגעגעבן, נישט געוועקט קיין יידישן אָדער, נישט באַנוצט דאָ מע־כעלעס „קאַנטשיק". נו, ווייסט עס נישט דעם טעם פון א יידישן טאַטן... באַגרייפט נישט, וואָס הייסט קראַנק. אַי, יצחק, יצחק...

דער קראַנקער איז מיד אַ פּאַל געטאָן אויפן קישן, געאָטעמט שווער און דאָך נישט געוואָלט אויפהערן רעדן:

— הער זיך גוט איין. איך פאַרמאָג אויך א תכשיט, האָט ער מלכהלעס ליכטיקן פּנים, אָבער מיין גוטן קאָפּ. אָפּגעזעסן צו דריי יאָר אין יעדער קלאַס און ביז כ'האָב נישט גוט אונטערגעשמירט, וואָלט משיח פריער געקומען, איידער זיין דיפּלאָם... נו, ליגט ער שוין איצ־טער, דער דיפּלאָם, אין שיפלעדל און ער אליין ליגט אויף דער פּראַיע, בויט הייזער אויפן זאַמד... אַי, וואָס וועט זיין נאָך די קייקעלעך?...

פאַרגליווערט ווי א מומיע, געפּייניקט פון מיטלייד, האָט זיך דער גרויסער יצחק אַ הויב געטאָן, צוליב א שטילן געשאָרך ביי דער טיר. באַלד האָט אויפגעפלאַמט דער גרינער בליאַסק פון מלכהלעס גרוי־סע, קיילעכדיקע אויגן.

אין א זיידענער קימאָנע מיט אַ טיפן דעקאָלט, האָט איר הויכע פיזור זי געמאַכט נאָך שלאַנקער. אין איר קליינער, ווייסער האַנט האָט לייכט געציטערט א פולער שפּריצער מיט געדיכטע לעבער-זאַפּט. דער זען דעם גרויסן יצחק, האָט זיך מלכהלע א שיכורן וואקל-געטאָן. דאָך האָט זי זיך געגעבן א לייכטן פארנויג און אביסל מיידליש-פּארויטלט, זיך אַ ווענד געטאָן צום קראַנקן: „קערידאָ" (טייערער), עס איז צייט"... — אים א ווייז געטאָן אויפן שפּריצער מיט אזא עלעגאַנץ, ווי מ'טוט עמעצן צווייסן די שעה פון גיין אין דער אָפּערע.

מלכהלע האָט געשיקט פארשאַרצט ביים קראַנקן זיין לאנגן ארבל, ספּריטנע פארזעצט די קורצע נאָדל און דער רויטער זאפט האָט גענומען אריינפליסן געלאַסן אינעם קראנקס שיטערן פלייש. נאָר איידער זי האָט געענדיקט האָט זיך באַוויזן אן עלטערער מאַן. זיינע גאָלדענעברילן האָבן שעמערירט אין דער שטויביקער דעמערונג מיט שטראלנדיקע פונקען, ווי צעמאָלענע בריליאַנטלעך: דער פּראָפעסאָר! אויך ער האָט געהאַלטן א לענגלעכן שפּריצער, אָבער א ליידיקן. ער האָט פאַרשאַרצט ביים קראַנקן זיין צווייטן ארבל, פארבונדן די האנט מיט א קיילעכדיק גומעלע. אזוי ווי מלכהלע האָט נאָר-וואָס אריינגעשפּריצט, אזוי האָט ער צוריק ארויסגעצויגן א קליין ביסעלע בלוט, עס גרינטלעך באַטראַכט אונטערן שיין פון אן עלעקטריש לעמפּעלע, געדרייט מביניש מיט זיין פליכעוואטן קאָפּ און פארלאָזט דאָס צימער. מלכהלע האָט געכאַפּט א זייטיקן בליק אויפן גרויסן, שטאַרק-צעטומלטן יצחק און שטיל-סודותדיק אַוועק נאָכן פּראָפעסאָר.

דער חולה האָט אָפּגעזיפצט ווי נאָך א שווערער האָרעוואַניע. ער האָט געלאסן אראָפּגערוקט ביידע ארבל, גלייך ער וואָלט זיך געזוכט צו באַשיצן קעגן א נייער וויסנשאַפטס-אַטאַקע:

— זיך געמאַכט אַ שפּילעמייקע מיט צאַפּעניש, די שוטים, זיי ווייסן נעבעך נישט, אַז די „זעראָס", וואָס פעלן צום חשבון אין מיי־נע רויטע קייקעלעך, זיינען אריין אין מיינע קאָסע־ביכער... דאָרטן איז פאַראַן — צופיל און דאָ — פעלן זיי אוים... יאָ, ברוד־דערקע, אזוי — זעט עס אויס — האָט דער חולה גערעדט אין דער טונקלקייט אריין.

ה

דער גרויסער ציחק האָט דערפילט אַ שווידערן, גלייך מוראַש־קעס וואָלטן אים געקראָכן איבערן לייב. די צוויי בלייכע הענט פונעם חולה־מסוכן האָבן אויסגעזען אין דער שאָטנדיקייט ווי אָנמעכטיק־אונטערגעהאַקטע פליגל... ער האָט זיך טיף אָנגעבויגן:

— יצחק־לעבן, טייערער! צו וואָס די אַלע נאַרישע רייד? כ'לעבן, עס האַלט נאָך נישט אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט. וועסט גע־זונט ווערן...

— נישט נויטיק קיין טרייסט — איז געקומען דעם קראַנקנס שטימע ווי פון אַ גרובן־אויסהויל! — וויים, מלכהלע האָט ליב געהאַט — דיך, חתונה געהאַט מיט מיר... און צום סוף — קייקעלעך...

אַ קליינער זון־שטראַל האָט אַ טענצל געטאָן איבערן גרויסן יצחקס שוין־פאַראַבלט פּנים. אַ ווערגנדיקע שטיקעניש האָט אים נישט געלאָזט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. מיט אַן אויסגעקרומט צוקן אין אַ ווינקל פון זיין פאַרשמאַכטן מויל, האָט דער קראַנקער זיך באַמיט צו שמייכלען, גלייך ער וואָלט נאָר געדאַרפט טרייסטן דעם גע־

זונטן. ארויסגעקומען איז אָבער א צעווירענע גרימאַסע. די ווערטער האָבן זיך געזיפּט ווי דורך א צעפּוילטער שפּאַרונג:

— נו, שוין, גענוג, יצחק, כ'בעט דיך. מאַך דיר נישט קיין זאָרגן... ס'וועט שוין סיזוי לאנג נישט געדויערן, מ'עט עס איבער־קומען... און, דיך בעט איך, יצחק היימיש דיך צוריק איין... הע־יעסט? ! יצחק?...

* *
*

אויף יענער זייט שוועל איז דער טאָג שוין געלעגן אין גסיסה. נישט ווייט פון דער אונטערגייענדיקער זון, האָבן א כאַפּטע טונקעלע וואָלקנס זיך פאַרמירט ווי אַ מידע טשערעדע, געפירט צו דער שחי־טה... מלכהלע, וואָס האָט כלומרשט געדאַרפט ארויסלויפן נאָך עפּעס, איז שוין איצט געווען אָנגעטאָן אין א גוט־ארויסגעפּאַסטער פּרינצעס־קע. אירע שלאַנקע פיס, אויף הויכע קנאַפּליעס. אירע פייכטע בליקן האָבן א הייכן שפּיז געטאָן אויפן גרויסן יצחק. אָבער זיין קילער בליק האָט זי אביסל צעטומלט:

— נאָך אלץ משה־גרויס! — איז איר פאַרדראָסיק אדורך איבערן געדאַנק... אירע צעבאַלוועטע מחשבות האָבן דעם אָפּגעכוימערטן יצחק באַלד אריינגעשטעלט אין עלעגאַנטער הלבשה... די אָפּגעלאָ־פּענע יאָרן זיינען ווי אָפּגעטרעטן. אלץ איז, דוכט זיך איר, געגוי, ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן געווען... אָבער געזאָגט האָט זי בלויז ביים געזעגענען זיך: „נו, יצחק, ווי געפעלן דיר עפּעס די „קיי־קעלעך"?...

ד ע ר צ יי ל ו נ ג ע ן

דאָס שאַרפע, פּאַרנאַכטיקע ווינטל האָט א שטאַרקן הויב געטאָן מלכהלעס לאנגן, ייִדענעם האלדז-טוך, געשיקט פארוואָרפן איין העלפט איבער יצחקס הויכער פּלייצע, שלאַנגיש ארומגענומען זיין האַלבן אָרעם, בעת די צווייטע העלפט איז שטייף פארקנופּט געווען ארום מלכהלעס הויכן האלדז.

גיך און געשיקט האָט זיך יצחק געגעבן א קייקל-ארויס פון׳עם ייִדענעם שנור און שטיל, מיט א פייכטער שטימע קורץ אָפּגעענטפערט:

— מילא, נו, וואָס זאָל איך זאָגן? זעסט דאָך — „קייקעלעך״...

און איר דערלאנגט זיין קילע האנט.

מלכהלע האָט אים ווארעם נאָכגערופן:

— אָבער זיי נישט מער קיין גאסט, יצחק...

מעבל גולם

די „גרינע" חנה איז אריין מיט דראַבנע טריטעלעך אינעם לאנגן קאָרידאָר פון דער באַרימטער „פאַבריקא־מישעל". א סך ליכט האָט באַשטראַלט די ווארטנדיקע מענטשן און זי, אַ נערוועאישע, האָט זיך אויך אוועקגעזעצט ווארטן אויף איר ריי צום שעף.

חנה קוקט דערווייל, ווי שווארצע און ווייסע באַדינערס, מיט טעקעס און פאַפירן אין די הענט, לויפן ארום איילענדיק פון איין אָפּ־טיילונג אין דער צווייטער, ווינקענדיק, דאָ צו איינעם, דאָרט צו אַ צווייטן און אזוי, אויף שטום־לשון, פירן זיי אוים זייערע פונקציעס.

פון די טיפע געביידעס הערט זיך א טעמפּע גרילצעריי פון שווערע זעג־מאַשינען, צייטנווייז א הויכן פייף און אַ גראָבע שטי־מע פון אן אינעווייניקסטן מיקראָפאָן.

חנה בייסט דערווייל די נעגל, קוקט כסדר אויפן ווייסן קאַבי־נעט־שילדל און לייענט שוין אפשר צום צענטן מאָל, די דרך־ארצדיקע אויפשריפט — „פריוואט".

„פריוואט"! — טראַכט חנה אין זיך. פאראן מענטשן מיט א סך לעבנס: — פארן דרויסן, פאר אינעווייניק, פאר יענעם, פאַר זיך... בעת זי קען מענטשן, וואָס פארמאָגן אפילו קיין איין לעבן נישט — נישט פאר יענעם און נישט פאר זיך. אָט סתם מענטשן, וואָס דרייען זיך אויף גאָטס וועלט — נישט מיין, נישט דיין, נישט אונדזער — איבעריקע מענטשן...

וואָכן־לאַנג האָט זיך חנה געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ גיין, נישט גיין צו דעם דאָזיקן פאבריקאנט, וועמען מען האָט אין דער היים גערופן — „מעכל גולם".

ס'רוב ווען ער טרעפט איר אין גאַס, שטעלט ער זי תמיד אָפּ, טוט אַן הויכן געשריי: — האַלאָ גרינע־מויד — וואָס מאַכסטו? און חנה, וואָס איז מיט יעדן דרייסט, כמעט חוצפהדיק, בלייבט עפּעס גע־פּלעפט פון זיין צוגעלאָזנקייט.

—מ'פּאַטשט — ענטפערט זי תמיד פאַרלעגן — מ'קלאַפּט אין בראַזיליאַנער טירן... אַ ברירה האָט מען?

מיט גבירים איז חנה געוווינט צו רעדן דורך אַ קליין שייבע־לע און ער — אַ גאַנצער שמעלקע — נישט אַנדערש, נאָר טאַ־קע צעדרייט...

פון צייט צו צייט הערט זי פון ערגעץ אַ מיקראָפאָן רופן די נעמען פון וואַרטנדיקע, און ענדלעך — דערהערט איר נאָמען:

— האַלאָ חנה!

האָט זי נאָך אויף דער שוועל דערקענט זיין פריינטלעך קול.

— זיצט, חנה.

האָט דאָס זעלבע קול אינטים פאַרגעלייגט. און חנה ווי תמיד, פאַרלוירן, האָט זיך מיט באַהערשטער דרייסטקייט רואיק אוועק־געזעצט.

— „כ׳בין געקומען בעטן עפּעס אַן ארבעט אין אייערע פאַבריקן — האָט זי שטיל עניוותדיק, ארויסגעזאָגט און געקוקט בעת־מעשה אויף א פינטל אין דער וואנט — נישטאָ מער קיין כח צו קלאַפּן אין בראַזיליאַנער טירן — האָט זי דרייסטער צוגעגעבן — כ׳בין מיד פון קלעטערן אויף די ליימיקע בערג... איז אפשר — כ׳ווייס א דאגה ביי אייך אַן ארבעט? — האָט חנה מיט איין אָטעם אָפּגעפּטרט דעם גאַנצן צוגעגרייטן פזמון.

אין דרויסן איז גראָד געווען זייער כמורנע. טונקעלע וואָלקנס האָבן זיך געקנוילט איינער איבערן אנדערן. פון אונטער די פענצטער האָט מען געהערט דאָס רוישן פון בלעטער. אויף די געפּוצטע שויבן האָבן פייערדיקע בליצן, ווי גאָלדענע ראקעטן, אויפגלויכטן און ביים פאַבריקאַנט אין הארץ האָט אויך עפּעס אדורכגעבליצט... ער האָט א זייטיקן בליק געטאָן אויף חנהס פּריציייטיקער פארוועלקונג, אויף איר געפּאלדעוועטן שטערן מיט די אָפּגעבלאַקירטע באַקן און דערפילט — ווי תמיד, ווען ער טרעפט איר — עפּעס א גורלדיקע קרובהשאַפט צו דער דאָזיקער חנהלען.

— ביסט שוין אזוי לאנג אין בראַזיליע און האָסט נאָך אלץ נישט באַוויזן קומען צו א תכלית? — האָט ער איר כלומרשט געקי־בעצט — געבליבן א גרינע מויד, נישט אויסגעטויגט זיך... האָ? — האָט ער מיט פארטרוילעכע בליקן געקוקט אויף איר באַהערשטער פארלוירנקייט.

— ביסט נישט געווען קיין „פאַנפעראָנקעלע" — האָט איר דער פאַבריקאַנט, האלב ערנסט, האלב שפּאַס, א גלעט געטאָן אין בעקל... און חנה׳ אומדרייסט האָט אים א שעלמישן קוק געטאָן אין די אויגן.

— מען האָט מיך אויסבראַקירט — האָט אָן ענגשאַפּט געגומען איר ווערגן אין האַלדז — „אָפּגעפּאָרן דאָס לעבן אָן שבתים, אָן יום-טובים, אויסגעוואָרצלט דאָרטן, און דאָ זיך נישט פאַרפלאַנצט... נע ונד" — האָבן שוין אירע רייד געפלאָסן גיך, ווי א פאַרצוימטער טייך, וואָס האָט אדורכגריסן די ברעגעס...

— וועסט קומען צו מיר אויף וועטשערע, וועלן מיר שוין עפּעס צוטראַכטן, — האָט איר דער פאַבריקאַנט א גיכן דערלאַנג געטאָן ביידע הענט און דורכן מיקראָפאָן האָט מען שוין ווידער גערופן: „נעקסט"!

* *
*

ווען די אויפנאַמס-שעהן האָבן זיך געענדיקט, האָט דער באַרימטער פאַבריקאַנט גיך גערופן דעם שאָפער, זיך ברייטלעך אריינגעזעצט אין זיין בלויען שפּאַציר-וואָגן, געהייסן זיך פירן געלאַסן, אָן א באַשטימטן ציל. און בעת די גומענע רעדער גליטשן זיך שטיל, פאַראַיים, דרייען זיך זיינע מחשבות אויף צוריק — — —

צוריק מיט א יאָר 25, ווען ער איז אין א טראָפּישן זומער-טאָג אָנגעקומען צום בראַזיליאַנער פּאָרט, האָט ער דעמאָלט געטראָגן אַ פּאָר צעדרייטע שיך מיט גרויע אויסגעריבענע הויזן, אַ רעקל פון גרינע קראַטן, און האָט אויסגעקוקט, ווי אַ קאַטערינטשיק, וואָס ווייזט קונצן אויפן יאַריד...

לאַנדסלייט, וועלכע האָבן מעכלען געדענקט פאַר אַ צלאַפּ — א קרועבלועניק — האָבן אים באַלד מכבד געווען מיטן אַמאָליקן טיטול:

דערציילונגען

— „שלום עליכם, גולם!"

זיין געוועזענער חבר פסחקע, מיט וועמען ער פלעגט אַמאָל, צוזאמען בעל־עבירהנען אין די שענקען, האָט זיך מעשה־גביר גע־בלאָזן פון דערווייטן, געטראַמיטערט אויף אַ גלאַנציקן „סאמאָכאָד" און ס'ערשטע וואָרט זיינס איז געוועזן:

— ס'האָט געפעלט דאָ א „זשלאָב" צום רימל, ביסטו אָנגע־קומען...

אויך שימעלע סנאָפּיק, האָט זיך מיט א חוזק־שמייכעלע און גע־מאָסטענע טריטעלעך דערנענטערט:

— דער טייוול האָט דעם גאסט געברענגט — האָט ער אים אויסגעשטרעקט די בלויזע פינגער — וועט דאָ ליגן ניין איילן אין דער אדמה, דער גולם...

מיט שימעלען פלעגט מעכל ס'רוב שלאָפן צוזאמען אין „קאָ־זע". יענער אויפן טאָפּטשאַן און מעכלען פלעגט ער שיקן אונטערן אויוון. געשמט פאר אַ מיוחס, שימעלע, פון זיידנס צד, בעת ער, מעכל, פלעגט אפילו נישט קאָנען אָנווייזן ווער זיינע עלטערן זיינען געוועזן...

דערצויגן אויף הפקר, אַן א שמייכל פון אַ טאַטן, אַן אַ צערטל פון אַ מאַמען, פלעגט מעכל ס'רוב געצוווּנגען זיין צו בעטלעריי, צו הכ־נעה פאר מענטשן, וועלכע ער פלעגט האסן...

נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוווּסט ווי זיינס גלייכן „הייבט א מאַרק" אין דער בראַזיליאַנער מדינה, האָט ער זיך גלאָזן גנבענען גרעי־נעצן, פלאָגן אין קעלערס פון שיפן, הונגערן חדשים איבער ימים און יבשה ביז ער איז אָנגעקומען אין דעם נייעם לאַנד. דערזעענדיק אָבער, אז אויך דאָ הייבט זיך אָן די אַלטע מעשה:

—„גולם"! „דרוטשיאַזש"! „דראַנג"! „קאַטערינטשיק"!...

האָט ער באַלד אויפן אָרט א זאָג געטאָן:

— „סטאָפּ מאַשינאַ, דאָ על יעך ווערן א גלאַכער מיחם מיט ענק...

און ווען ביידע קאָלעגן האָבן אים פאַרגעלייגט צו העלפן שטעלן דעם ערשטן טראָט — „אָפּהיבלעווען זיין גרינהאָרן" — האָט מעכל, לשם כאַפּן פּראַקטיק מסכים געווען צו לאָזן זיך „באַהענגען", ווי אַן אייזל, מיט שמאָכטעס און זיך געדראַפּעט אויף ליימענע בערג. נאָר בעת זיי האָבן מיט געלעכטער אים באַפוילן צו פּאַטשן מיט די הענט, האָט ער דערקענט, אז, „ווי איינס איז צו 7 איז עס צו 70". זיי מיינען נישט לערנען נאָר קאָמאַנדעווען. האָט ער א פּאַרוק געטאָן דאָס שטרוי־ענע קאַפּעליושל אויף א זייט, די טיפע ביר־אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט און:

— „היינט פּאַטש יעך נישט דער ערשטער...

ער האָט גיך א שלעפּ געטאָן פון זיך דעם אָנגעלאָדענעם סטרוי:

דערציילונגען

— „נאָט אייך צוריק ס׳געשפּאָן, אינץ קאָן מע שוין ס׳פּאַך פון אויסנווייניק״... און א רואיקער, געלאסן אראָפּגעטשאַפּעט פון די הויכע בערג...

* *
*

איבערן אספאלט פון דער רחבותדיקער „קאַפּאַקאַבאַנאַ״, באַוועגט זיך איצט רואיק און זיכער דעם פאַרבריקאַנטס לוק־סוס־אויטאָמאָביל.

די געדיכטע וואָלקנס זיינען שוין דינער און דורכזיכטיקער גע־וואָרן. די לעצטע זונען־שטראלן באַלייכטן פראגמענטן פון שטיל שאַרכנדיקע ים־כוואַליעס. א קייט פון עלעקטרישע לאָמפּן לייכטן טיף אונטערן בלוילעכן וואסער, ווארפן רעפלעקסן העט אינמיטן ים אריין און — מעכל דערזעט ווידער זיין ערשטן, אָבער שוין אמת־דיקן דעביוט.

אויף איין האנט, העל פארביקע קראוואטן, אויף דער צווייטער — רויטע, אָנגעבלאָזענע באַלאָנען. איין זייט פלייצע שע־מערירט מיט זיידנצייג, — די צווייטע — מיט טאַשנטיכער. ארום ברייטן האלדז, א שנור קינדערשע שפּילצייג. אין די טיפע קעשענעס — שאַכטלען מיט פודער, רוזש, פּערפום און אַלע סאָרטן ווייבערישע קאָסמעטיקעס. א פאַרשידנפאַרביקער מאַגאַזין האָט זיך געהוידעט אויף זיין צעפּאַרעטן גוף, ווי ביי א וואסער־טרעגער די עמערס און פון וויי־טנס האָט ער אויסגעזען ווי א גייענדיקער באַזאַר.

מעכל האָט דעמאָלט אריינגעפּירט א נייע מאָדע אינעם יידישן „קלאַפּער־האנדל" — אָנשטאט פּאטשן מיט די הענט, האָט ער געפייפט אויף א קינדעריש פייפערל; אָנשטאָט אויסרופן הילכיק זיין סחורה, האָט ער געגראמט בדחניש א לידל וועגן איר. און ווען אַ „סעניאָראַ" האָט באַוויליקט צו עפענען איר קליין ליפּטשיקל, פלעגט איר מעכל, פלינק און גאלאנט, אַ בלישטשע־טאָן פאר די אויגן מיט זיידענע „רעגנבויגנס", מייסטעריש געדרייט אַ רויט טאַפטן זשאַקעטעלע, א שפּריץ געטאָן מיט פערפום און נאָענט ביי איר טיר געבעטן „דאַ ליסענסאַ!" (דערלויבעניש) און מיט זיינע שווערע טרעטערס אַ לייכטן שפאן געטאָן אויף איר זייט שוועל... אבי ער איז נאָר אריין, איז עס שוין געגאַנגען ווי אַ וואסער.

— „טאַק טאָטשנאָ" און „ווסיאָ ראָוונאָ" און „ביטע שיין" און „דלאַטשעגאָ ניע" — קיין ווערטער האָבן אים חלילה נישט אויסגעפעלט... און אָן א פארדינסטל איז ער שוין פון דאָרטן נישט אַוועק...

אין זיין בחורישן צימער האָט גיך געגומען בלישטשען מיט שפּילקעלעך, פינגערלעך, קייטעלעך און זייגערלעך. מעכל האָט זיך אין זיי געשפּיגלט, ווי אין א געליבטער. געגלעט און געצערטל זיין סחורה — „אז אויסוואקסן זאָלט עץ מיר, אין א גרויסן שוי־פענצטער מגולגל ווערן, ס'זאָלט נעמען די לעבער ביי פּסחקען מיט שימעלען פארן שיינעם קבלת־פּנים, וואָס זיי האָבן מיר געמאַכט!"...

און אזוי־אַ — פון זיין פייפן און זינגען — האָט זיך אין אַ שיינעם טאָג באַוויזן אויף דער עלעגאַנטער „אַווענידאַ", א נייע, העל־בלויע שילד מיט גאָלדענע ראָגעלעך, ווי האלבע לבנות אינמיטן. און די דאָזיקע ראָגעלעך האָבן זיך געדרייט אהין און צוריק, געצונדן און געלאָשן א דיקע פייער־שריפט „קאַזאַ מישעל"...

מעכל האָט זיך אביסל געקווענקלט ביים איבערדרייען זיין נאָמען אויף „מישעל", נאָר ער האָט געטראַכט — ס'איז אויף דערווייל — ביז כ'וועל מאַכן די יאַטן צום גולם, וועל איך דערווייל הייסן מישעל... „שפּעטער על עך צוריק דרייען דעם דישעל. נישקשה, מעכעלע וועט זיך נישט שעמען מיט זיין יידישן נאָמען, ווי פסחקע, וואָס קאָן קוים אנידערלייגן דעם „פּעדראָ" אויף זיינע וועקסעלעך און שלאָפט מיטן „יוזל" צעקאָפּנס, די „מומע מאַריאָ" צעפוסנס און אן ערלטע אינמיטן... אויך שמילקע דראַנג, האָט זיך איבערגעוואַליעט אויף „סימאָן" און די פלוניתטע זיינע איז געוואָרן „דאָנאָ עספּעראנסא" — שפּרינצע פאַסט איר נישט, דער זויערער אוגערקע!...

מעכל דערמאָנט זיך, ווי היימישער עולם פלעגט אים נעמען אויפן צימבל:

— „א ממזרוק געוואָרן דער גולם — פאַרשיכורט די „סעניאָראס" מיט אַ טרעל, טשאַקעסט זיי מיט „שפּינגענדע גינגע" און מיט א פייף?...

הגם שטילערהייט האָבן א סך שוין מודה געווען, אז מעכעלעס קינצעלעך זיינען שוין גאָרנישט מעשה גולם... אָבער מיט אים אליין, זיך נאָך אלץ געוויצלט: — הייבסט א מארק ברודערקע, פאָרסט נאַשפּיץ!...

— וואָס דען? — פלעגט מעכעלע א שפּיציק לאכעלע טאָן
— ס'א קאַרוזעלקעלע, בראַזיליע, „האָקום-פּאָקום" און מ'ווייזט די קונץ...

* *
*

„קאַזאַ מישעל” האָט דערווייל גערודערט. אָט איז צוגעקומען א נייער פליגל, אָט אַ פרישער עטאַזש און אָט איז גאָר ארויסגע־וואַקסן א הויכער קוימען, וואָס אין די נעפּלדיקע פּאַרטאָגן האָט ער ארויסגעלויכטן פון די צעפּאַרעטע בערג — געשפּריצט מיט גליענדיקע פונקען און געזעצט מיט קנוילן רויך — גלייך אין הימל אריין.

לאַנדסלייט האָבן גענומען אונטערווינקען צו זייערע צייטיקע טעכטער.

— קינדערלעך, ס׳אַ שמאַלץ־גרוב — טאַקע אַ שטיקל גולם גע־ווען אָבער, זיך אויסגעמענטשלט...

קאָקעטישע מיידלעך האָבן זיך געלאָזט אויף יאַגד... געשפּו־נען חלומות: — אַ פּרעכטיקע ווילע אין פּעטראָפּאָליס, קייזערלעכע פּאַלאַצן אויף קאָפּאַקאַבאַנאַ. און זיין בלויער אויטאָמאָביל איז פּונקט ווי דעם פּרעזידענטס. און צו זיין דאָס ווייבל פון אַ באַרימטן פאַברי־קאַנט איז אויך עפּעס ווערט...

ווענן אַ וויכטיק נדבהלע צו מעכלען האָבן אַלע שיינע מיידלעך זיך געריסן נאָכן גרויסן כבוד... אויסגעסטראָיעט אין די שענסטע קליידער, האָבן זיי אים, בעתן וויזיט געכישופט: אָט ליגט שלעכט זיין זיידן טיכעלע, אָט באַמבלט זיך נישט צוגעפּאַסט אַ ברייטער קראַ־וואַט און אָט — אַ גלעט איבער זיין בלאָנדער טשופּרינע...

מעכעלע האָט זיי געלאָזט טאָן אַלץ, וואָס זייער הארץ האָט גע־גלוסט, נאָר דערלאַנגענדיק די אַנזעעוודיקע „פּויטעקע”, זיי גע־וואָרנט:

„פאַרזיכטיק אויף די טרעפּ, פּאַמעלעך טייערע, זיי זיינען זייער גליטשיק... פּאַוואָליע דאָרטן דער „פּאַרענטש", ער איז פריש געשמירט, צ'עט ענק איינרעכטן ס'קלאַיד".

און פון ווייטנס נאָכגעשריען:

— „גריסט אייערע טאַטעס, למען השם"...

אָבער די טאַטעס האָבן געקנייטשט דעם שטערן, זיך געבראָכן די קעפּ און געזוכט דעם גולמס עקשנות צו ברעכן. ס'רוב אים פאַרטשעפּעט:

— „ביי אזא עשירות, ווו איז דער שכל? כ'מיין טאַקע, ווערסט עלטער, ס'לעבן שטייט נישט, נאָך א חודש, נאָך א יאָר — ווילסט דאָך נישט שטאַרבן אין קיין לייב-סערדאַק?".

— „צ'ווילט מיך דוקא חתונה מאַכן?" — פּלעגט אין מעכלען א שד זיך צעשפּילן.

— „מילא, נו — אָבער נישט פאַר קיין צעבאַלעוועט ליאַלקעלע, און אויך נישט פאַר א באַסטעגניטער „דאַנסינג-מויד", וואָס שווימט גאַנצע טעג אין „מקוה" אויף פּלאַמענגאַ! און אוודאי נישט פאַר א חנישל מיט לאַנגע שטעכנדיקע נעגל... מעכל זוכט א היימישע בולקע, יידיש געקנאָטן, אזא, וואָס א מאַמע האָט אויף איר א ברכה געמאַכט... צ'פאַרשטייט?" „יעך וויל א מויד, וואָס שמעקט מיט שוואָמען-גריין, מיט „א גוט שבת דיר, מעכל", מיט א „וואַש דיך צו דער סעודה מעכל"! און מיט א „מזל טוב דיר, מעכל!" — עין האָט אַזעלכעס — קענט עין מע צושטעלן"...

האָט עולם ווידער געהויבן מיט די פּלייצעס, זיך מער נישט גע־
ווינצלט נאָר איינגעזען, אז טאַקע א גרויסער פאַבריקאַנט, אָבער —
פאָרט א גולם...

* *
*

אהיימפאָרנדיק פון שפּאַציר, האָט דער פאַבריקאַנט באַפוילן
פאָרן גיכער. א שאַרפער ווינט האָט געצויגן פון ים. די לופט — קיל
און פייכט. פון די געדיכטעביימער פאלן געלע בלעטער און ער, מעכל
טראכט — טאַקע א טראַפּיש לאַנד, דאָך פילט מען שטאַרק דעם אָנקום
פון הארבסט...

חנהס ווערטער האָבן זיך אים פלוצים געגומען פלאָנטערן אין
קאָפּ — „אָפּגעפאָרן ס׳לעבן אָן שבתים, אָן יום־טובים"... ער האָט
דעם דאָזיקן געדאַנק נאָך ווייטער געשפּונען: וועט צוקומען נאָך א
פאַבריק, נאָך א פאַלאַסעט און נאָך א ווילע... אָבער — וואָס ווײַ־
טער? טאַקע באמת — וואָס ווייטער?...

* *
*

ווען חנה איז געקומען אויף וועטשערע, האָט זי געטראָפן אָנגע־
צונדן אלע גרויסע לאָמפּן. צעעפנט די ברייטע פענצטער, אָנגעשטעלט
דעם גראַמאָפאָן און ביים פראָנט — א גרינע שטייג מיט כלערליי פויי־
געלעך. פון ווייטנס האָט זי געזען דעם גאַנצן פאַרנעם פון פּרעכטיקן
ים־שפּיגל. בייכיקע כוואַליעס האָבן זיך רוישיק געקנוילט איינער אין
אַנדערן, אויפגעטויכט און אונטערגעטונקט. צאַרט און טרויעריק גע־

שושקעט און געזשומעט. די פּאַלמען אונטערן פענצטער האָבן גע־שפּילט א פלירט מיט די זיידענע גאַרדינען און הנהלע, פאַרשיכורט און צעשמייכלט, האָט אויסגערופן:

„לאַכטיקע מענטשן מיינע, אזוי פיל ליכט, אזא באַשטראַלונג? ווי די זון אינמיטן טאָג"...

מעכל האָט איר אויסגעשטרעקט ביידע הענט.

— נו, נו, נענטער, קומט נענטער...

און חנהלע נאָך אלץ צעשטרייט, האָט וויטער געשעפּטשעט:

„האַרציקע מענטשן מיינע, וואָס זיינען דאָס פאַרא ווילדע „מאַ־ליוואַנקעס" אויף די ווענט? — זעיץ נאָר די שפּיגלען?"...

מעכל לאָזט איר זיך וווּנדערן, קוקן, אויסלאָדן ביז זי באַקומט מער מוט.

— כ'לעבן ביי אונדז — נעמט זי ווערן דרייסטער — ביי אונדז אזא גרויסער גביר וואָלט געפירט א ספר־תורה אין שול אריין, וואָלט התונה געמאַכט אן אָרעמע יתומה... וואָלט — א דאגה, וואָס אונד־זערס א גביר וואָלט אלץ געטאָן? און דאָ? כאַכאַ־כאַכאַ־כאַ! — ווי ביי אונדז אין „קאָשטשיאָל" (קלויסטער), ס'פעלט בלויז אן אָרגל"...

מעכל האָט ארויפגעלייגט זיין פלאַטשיקע האַנט אויף אירע ברייטע אַקסלען, זיך אָנגעבויגן צו איר טונקעלן פּנים, ארייגעקוקט אין אירע לאַבוסעוואַטע אויגן און איר געגומען דוצן.

— הער זיך איין, דו קליין נאַרעלע, זעסטו די טויטע לייבן אויף די ווענט, און די קרישטאָלענע וואַזעס אין די שענק, מיט די זילבערנע קאַנדעלאַבערס אויף די טישן? איך דאַרף דאָס אַלץ אויף כּפּרות — ס'איז מיר סמוטנע מיט זיי, קאַלט און טרויעריק, ס'יאָגט אַ ווינט פון אַלע זאַכן, און איך — איך זוך אַ מענטשן, וואָס זאָל אַריינבלאָזן אַ וואַרעמען אָטעם אין מיין שטוב...

— „דאָס אַלץ, וואָס דו זעסט דאָ, איז בלויז פאַר דער צעבאַליעוועטער כאַליאַסטרע — האָבן מיך געלערנט „קלאַפּן" אויף קאַטאַוועס, אויף חוזק צו מאַכן... איצט קומען זיי און קריגן ס'קדחת פאַר פּחד... פאַר מעכלען האָבן זיי קיינמאָל קיין דרך ארץ נישט געהאַט, געקוקט אויף מיינע צעריסענע בגדים און נישט געזען, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק... פאַר טויטע לייבן אָבער, שטייען זיי, ווי אַ הונט אונטער דער טיר, שיקן פריער אַריין וויזיט-קאַרטעס און וואַרטן אויפן כּבוד כ'זאָל זיי אַריינלאָזן"...

אין מעכלען האָבן זיך צעעפנט פאַרשטיקטע קוואַלן, שטראָמען געפילן האָבן געזוכט אַ וועג, אַן אויסגאַנג. זיינע אָנגעצונדענע אויגן האָבן נחתדיק געבלישטשעט, פייכטע פייערלעך, ווי דינע שטראַלנדיקע נאָדעלעך האָבן געצונדן אַ שיינעם חלום אין חנהס האַרץ...

מעכל האָט דערוויל אַרויפגעלייגט זיין צווייטע האַנט אויף איר טאַליע, לייכט אָפּגעזיפצט און לאַקאָניש געפרעגט:

וואָס-זשע פאַר אַן אַרבעט וואָלסטו געוואָלט ביי מיר קריגן?
האַ? — אַנו, גיך, זאָג שוין מיידלטשינע...

חנהלען האָט זיך פּלוצים געגומען דאַכטן, אַז דאָס שאַרפע ליכט איז נאָך ליכטיקער געוואָרן, אַז דאָס שטילע זשומען פון ים האָט זיך

נאָך מער פאַרגרעסערט און אפילו די פּאַלמען הינטערן פענצטער האָבן זיך אויך שטאַרקער צערוישט...

— ווייסטו גאָר וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט איר מעכל פּאַטערלעך געקוקט אין די אויגן — אַנו, טרעף?

חנהלע האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די צעחושקעטע הענט, אַ שטאַרקן דרוק געטאָן צום האַרץ און געפּליסטערט:

— כ׳ווייס מעכעלע, כ׳ווייס...

און שטיל צוגעגעבן:

— „נאָר געדענקסט, אַז איך בין אַ יתומה און איר״...

אַ כליפּ און אַ לאַך, אַ לאַך און אַ כליפּ:

— „און איר זענט דאָך אויך אַ יתום״...

פון חנהס פּערלדיקע טראָפּעלעך זיינען מעכלס הענט אינגאַנצן

נאַס געוואָרן... ער האָט אַריינגענומען איר צעפלאַשעטן קאָפּ אין זיי־נע שטאַרקע דלאָניעס און געבעטן:

לאָז געמאַך חנהלע, נו, כ׳בעט דיך, לאָז געמאַך, כ׳לעבן ס׳לוינט נישט די גאַנצע גראַטישקע, כ׳מיין טאַקע צו וואָס?

און מיט אַ יום-טובדיקן קול, איר צוּוויסן געטאָן:

— „ביסט מיר א גלאַכער שותף, הערסט וואָס מען רעדט צו דיר? — גלאַך אויף גלאַך"...

און אז עולם האָט זיך דערוווסט וועגן מעכלס שידוך מיט דער פאַרעלטערטער חנה, האָבן זיי, ווי תמיד, אָפּגעפּסקנט: א גולם בלייבט א גולם!...

★ ★

★

חנה די פּאָפּקאָוויצער

מיין פרומער מומע רבקה׳לע לזכרון

חנה די פּאָפּקאָוויצער

35 יאָר איז חנה דעמאָלט אַלט געווען, ווען זי האָט אין אַ ווינטערדיקן שבת-צו-נאכטס זיך שטיל ארויסגעשלייכט פון רבקהלעס שטוב כדי צו פאַרווירקלעכן אירם אַ לאַנגסטיקן חלום.

אין אַ וואַרעמער שטובע, באַרכאַנטענער האַלקע, גרויער דערע ארום געגאָלטן קאָפּ האָט די אויסגעמאַטערטע חנה אויסגעקוקט פון אַ יאָר זעכציק.

דאָס קליינע שטעטעלע קראַשניק, איז געלעגן אַ מוצאי-שבת-דיקס, אַ שטילס, פאַרדרימלטס, אַן איינגעטוליעטס אין אַ בלאַנקנדיקן שניי. חנהס פאַרבאַבליעטער געשטאַלט האָט געוואָרפן טונקעלע שאָ-טנס אויף דער בלענדיקער ווייסקייט. אירע שווערע טשיזמעס האָבן הויך געסקריפּעט, איבערגעלאָזט מגושמדיקע פיגורן אויפן פאַרשנייטן ברוק און אַ טעמפּן ווידער-קול אין דער קאַלטער לופט.

אַ געדיכטע שורה קאַשטאַנען-ביימער, אין ווייסן שניי געפּעל-צלטע האָבן אויסגעקוקט, גלייך אַ קייסערלעכע גוואַרדיע וואָלט דאָ געהיטן דעם ליידיקן וועג, ווען אַ גרויסער שורה דאַרף באַלד פאַר-

בייצופאָרן... חנהס ברייטע טריט האָבן זיך פאַרנומען צום שמאָלן יאַמע-געסל, ווו נידעריקע שטיבעלעך מיט מאָכיקע שינדל-דעכער האָבן אין דער ווייסער אויסגעשטערנטער נאַכט אויסגעקוקט, ווי אונ־טער בערג מיט פרישן מעל פאַרקאַפּעטע. ביי א קליין געהויקערט הייזקעלע, מיט שמאָלע פענצטערלעך און א האלב-צעבויגענער טיר, האָט חנה שטיל אָנגעקלאַפּט און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, אָן עפן געטאָן די פאַרזשאַווערטע קליאַמקע, א שטילער גרילץ און א טוכלער ריח האָט א ווייע געטאָן אויף חנהס פאַרפלאַמטן פנים.

אין שטיבל איז געוועזן האַלב טונקל. ביי א לאַנגן נאַקעטן טיש, איז געזעסן האַלב איבערגעבויגן אן עלטערער ייד מיט א גרוי־שפּיציק בערדל און האָט מיט א גענדזענער פעדער עפּעס געקריצט אויף א ברייטן פּאַרמעט. א קליין חלבנע ליכטל האָט געוואָרפן לאַנ־גע שאָטנס אויף די פיר-קאַנטיק געכתובהטע אותיות. אין א ווינקל פון שמאָלן חדר האָט רויכיק געקאָפּטשעט א קליין נאַפט-לעמפּל. פון א צעלעכערטן פעסל האָט מאָנאָטאָן געטראָפּט אין א בלעכענעם בעקן אריין. אָפּגעקלאַפּט פּינקטלעך, ווי אויף נאָטן: טריפּ, טראָפּ, טריפּ, טראָפּ.

— „א גוטע וואָך אייך ר׳ יעקב״.

האָט די שעמעוודיקע חנה מיט א נידעריקער שטימע און אין גרויספאָרכטיקייט שטיל אויסגערופן.

מיט פלוצלינגער שרעק האָט דער שטעטלשער סופר אויפגע־הויבן זיינע פאַרראָסטע אויגן פונעם אויסגעשפּרייטן פּאַרמעט און מיט נאָך גרעסערער פאַרוווּנדערונג גענומען שטאַמלען:

— „ה׳ ישמרני, עמיץ איז דאָ גיקימען? וואָס האָט עץ גיוואָלט?״.

חנה אלץ פונווייטנס, נישט געוואגט זיך צו דערנענטערן נאָר מיט אן אונטערטעניק קול צוריקגעשטאַמלט:

— „יאָ גיקימען. יעך חנה די פאַפּקאָוויצער. גיקימען וועגן אַ הייליקער זאך״ — האָט זי זיך פלוצים אָפּגעשטעלט, טיפער אָפּגעאָטעמט און גענומען ציילן די ווערטער איינציקוויז:

— „יעך וויל עץ זאָלט מיר שראַבן א ספר־תורה פאר דער שיל״.

— „רבונו דעלמא כולא!- א ספר־תורה?״ — האָט ר׳ יעקב פארחידושט איבערגעפרעגט און באלד אַ טראכט געטאָן: — נעבעך, אראָפּ פון זינען די דאָזיקע אומגליקלעכע עגונה, משוגע געוואָרן פאר צרות...

— „יידענע, גייץ ענק געזינטערהייט״! — האָט דער צעטומלטער סופר איר שטרענג א זאָג געטאָן און צוגעגעבן מיט א קול פון רחמנות: — „השם יתברך וועט זיך נאָך איבער ענק מרחם זיין, זייט דיך נישט מייאש חנה״ — האָט זיין ווארעם קול איר געגלעט און גע־טרייסט. געזען אָבער, אז חנה שטייט, ווי פארגליווערט, רירט זיך נישט פון אָרט, אירע פארשאָטנטע אויגן קוקן ווי פארכישופט צום אָפּע־נעם פארמעט און פון אירע טונקעלע וויעס נעמט גאָר טריפן ווי פון א צעטאָפּיעט ליכט, — איז ר׳ יעקבס האריץ אביסעלע ווייכער געוואָרן:

— „וואָס הייסט” — האָט ער גענומען רעדן מיט א גמרא־ניגון — „א יידענע וויל לאָזן שרייבן א ספר־תורה? עץ האָט שוין אַמאָל אַזעלכים גיהעיעט?”.

— איז דען אַזעלכים פארבאָטן? — האָבן חנהס בלוילעכע ליפּן לייכט געציטערט.

— „פארבאָטן”? — האָט דער סופר ווי זיך אליין א פרעג גע־טאָן און גענומען קנייטשן זיין גערינצלטן שטערן, גלייך ער וואָלט זיך אליין געוואָלט דערמאָנען אין אַזאַ מין דין און ארויסגעניגונט, זיך האַלטנדיק מיט א האַנט ביי דער גאָמבע:

— „פארבאָטן איז טאַקע נישט, נאָר סתם אזוי — נישט געהערט געוואָרן אזא אויסטערלישע זאַך און דער עיקר — ס'קאָסט דאָך א מטמון מיט געלט! און ווו וועסטו דאָס נעמען אזא ריזיק פּ א ר מ ע ג ן?

שטיל — אָן א וואָרט צו פארלירן — האָט חנה אראָפּגענומען א פארקניפּטן זעקעלע פון איר ארומגעהילטן האלדז, אוועקגעלייגט ביים סופר אויפן טיש און מיט א פארטרעטן קול זיך אַביסל געשטיקט ביים ר ע ד ן:

— „צוואַנציק יאָר האָב איך אויף דעם געהאָרעוועט. צוואַנציק יאָר געלייגט א גראָשן צו א גראָשן. צוואַנציק יאָר נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום עולם הזה, ווי נאָר דאָס, אז ווען די שעה וועט באַשעהן, ווען איך וועל לייגן דעם קאָפּ צו מיינע הייליקע אָבות, זאָל פארבלייבן נאָך מיר א ספר־תורה אין שיל”.

ר' יעקבס האַלב־גרויער קאָפּ האָט זיך א וואַקל געטאָן אין דער ברייט. זיינע טריפנדיקע קאַליע־אויגן, געהילט אין צוויי פּאָר פּאַר־

דראָטענע גלעזער זיינען פּלוצים פאַרלאָפן געוואָרן, ווי ווינטערדיקע טאָפּל-פענצטער נאָכן אויפשיינען פון דער זון. און דורך דער דאָזיקער פאַרנעפּלונג האָט ער אדורכדרינגלעכן בליק געוואָרפן אויף חנהס קיי-לעכדיקן פּנים פון וואנען עס האָבן זיך בלויז ארויסגעזען אירע שוואַר-צע, ווי מיט פּייער אָנגעצונדענע אויגן, וואָס מיט זייער שניידיקן גלאַנץ האָבן זיי אדורכגעבויערט ר׳ יעקבס צוויי פּאָר ברילן, טיף אריין אין זיינע אויפגעפּראַלטע שוואַרצאַפּלען. זיינע פאַרחידושטע בליקן האָבן באַלד צוריקגעשטראַלט מיט אָפּשיי, מיט באַוואונדערונג און שוין אָן א שמץ פון ספק, נאָר מיט טיפן גלויבן אין חנהס רייד, איר באַלד גענומען פאַרגלייכן צו דער הייליקער חנה... צו שרה, רבקה, רחל און לאה.

און חנה — אַזוי שטיל ווי זי איז אריין, אזוי צניעותדיק איז זי צוריק ארוים. נישט מער, פאַר גרויס שמחה האָט איר אָפּגעשוואַכט האַרץ אַביסל שטאַרקער געקלאַפּט. פאַר דאָס זיינען אירע שווערע טשיז-מעס איצטער גרינגער געוואָרן, אזוי לייכט, אז חנה האָט פּשוט גע-שוועבט אין זיי און די געדיכטע שטערן אין הימל האָבן איר באַ-לויכטן דעם קלאָרן וועג. אויך דער געפרוירענע שניי איז איר איצ-טער געוואָרן, ווי אַ ווייכער פּלושענער טעפּיך...

צוריק אין שטוב, האָט חנה בלויז פאַר רבקהלען צעפּראַלט איר פריידיק האַרץ. ארויפגעפאַלן אויף איר, געכליפּעט אויפן קול און מער נישט געקאָנט ארויסברענגען ווי:

— „רבקהשי, רבקה-לעבן, רבקהניו״.

אַ דערשראָקענע האָט איר רבקהלע אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— „וואָס איז געשען חנה? !- וואָס ביסטו אזוי צעטומלט?

— אפשר האָסטו געפונען דיין „ראָזבויניק״, וואָס האָט דיר אזוי פאַר-פינצטערט דיין לעבן״? — האָט רבקהלע געפּרווט טרעפן.

— „ניין רבקהשי״ — האָט חנה פריידיק אויסגעשריגן און גענומען אביסל קומען צו זיך:

— „ניין, נישט מער פינצטער מיין לעבן. ס׳איז מיר שוין לעכ-טיק, זייער לעכטיק, כ׳וועל מיט גאָטס הילף פירן א ספר-תורה אין שיל אריין״...

* *
*

„פּאָפּקאָוויצער״ האָט מען חנהן גערופן דערפאר, ווייל זי איז געבוירן געוואָרן אינעם פוילישן דאָרף „פּאָפּקאָוויצאַ״. געכאָוועט ביי אַ טאַטן אַן אָרעמען פאכטער, וועמענס קליינע איינגעשרומפּענע ווייבל האָט פון איר קוים אָנזעעוודיקן בייכל ארויסגעגעבן צען געזונטע דאָרפישע יונגען, מיט נייגונג צו פערד, אָקסן און אַנדערע דאָרפישע פראצע. זייער עלפטע און לעצטע קינד איז געווען חנה. און מאָדנע: בעתן טראָגן מיט חנהן, האָט זיך דער פאכטערקעס קליינער טראַכט אזוי גרויס צעוואָקסן, גלייך איר באַנומענער געשטעל וואָלט גע-מאַכט אַ ברייטע וואַרע פאר דעם נייעם נפש, וואָס האָט נאָך גע-דרעמלט אין איר אינגעווייד. שפּעטער האָט זיך חנה אויך אַנדערש געכאָוועט. תמיד געווען שטיל, פארחלומט. ליב געהאַט זיך שפּילן אליין אין פעלד. גאנצע שעהן אָפּגעזעסן אונטער אַ צעוואַקסענעם

בוים, ביי שטילע טייכלעך, און צו שפּראָצנדיקע בלומען האָט חנה ממש תפילה געטאָן.

אויף ראש השנה און יום־כפור, פלעגט חנה — צוזאמען מיטן גרויסן געזינדל — פאָרן אין שטעטל אריין, מיטגעגאַנגען אין שיל, איינגעזאַפּט אין זיך הייליקע תפילות און אָנשטאט זיך צו שפּילן אויפן הויף צוגלייך מיט אַלע קינדער האָט חנה בעסער ליב געהאַט אראָפּצוקוקן פון דער ווייבער־שול און אריינגעפאלן אין גרוים עקסטאַז בעת זי האָט געזען ווי מען נעמט ארוים פון קליינעם שענקעלע אזא קיילעכדיקע זאך... וואָס טראָגט א זילבערנע קרוין מיט קליינע גלעקעלעך... יידן צעוויקלען עס פאָרכטיק, מיט אזא גרויסער ליבשאַפט, איז אויך אין חנהן אריין א הייליקער פּחד. איר קליינער גופל האָט קינדיש געציטערט. אירע טונקעלע אויגן פלעגן זיך אָנפילן מיט טרערן און שטיל, פון זיך אליין קאַפּיען, קאַפּיען. אז חנה איז נאָך די ימים־נוראים אהיימגעקומען פון שטעטל, פלעגט זי לאנג נאָך בלייבן אונטער דעם איינדרוק פון די אין זיך איינגעזאַפּטע תפילות. ס׳רוב, קיינער זאָל נישט זען, זיך אוועקגעשטעלט אין פעלד, מתפלל געווען צו די צעצווייגטע ביימער און טיילמאָל אריינגעפאלן אין אזעלכע האלו ציִנאַציעס, פון וועלכע זי פלעגט שפּעטער דערוואכן, ווי פון א טיפן חלום.

ווען חנה איז אלט געוואָרן 13 יאָר, איז פּלוצים אוועק איר גערוויינלעכע רו... זי האָט אָפטער געזוכן פארשווינדן פון שטוב, ארומגעלאָפן א באָרוועסע איבערן פעלד, פרומער תפילה געטאָן צו צייטיקע ביימער... אריינגעכליפּעט איר מאָדנע בענקשאַפט אין רייפע בלומענבייטן און נישט געקאָנט זיך אין ערגעץ קיין אָרט געפינען:

— „נישט אנדערש נאָר עפּעס א ווילדער משחית איז אריין אין אונדזער מויד” — פלעגט חנהס מוטער — די כּשרע דאָרפס־יידענע — זיך קלאָגן פאר איר מאַן: — „אפשר וואָלט מען געדאַרפט אי־בערצוקוקן די מזוזהס, פאָרן מיט איר צו גוטע יידן, אָדער זי נעמען גאָר צו א רופא?”...

* *
*

ס'איז געווען אין א הייסן תמוז־טאָג. געדיכטע ביימער, פולע מיט צייטיקע פּרוכטן, זיינען געשטאַנען אונטערן פאַכטערס פענצטער, שווערע, איבערגעלאָדענע, פארשמאַכטע און געוואַרט אויף א פּיצל ווינטל, וואָס זאָל זיי אָפּפרישן פון דער גרויסער היץ מיט וועלכער דער גאַנצער ארום איז געווען אָנגעלאָדן. אויך די גליענדיקע זון האָט אויס־געקוקט אַזוי מיד גלייך אלע אירע פייער־רעזערוון האָבן מיט איין מאָל אויסגעברענט. אויפן מאַט־געוואָרענעם הימל האָבן זיך גענומען ארויסרוקן טונקעלע וואָלקנס, וואָס האָבן אָנגעיאָגט פון אלע זייטן און באַלד זיך קאָנצענטרירט אין איין גרויסער געדיכטער כמארע, וואָס האָט א בלאָז געטאָן אויפן דאָרף פּאַפּקאָוויצאַ מיט בליצן, דונערן, רעגן און שטורעם...

פון שטויביקן טראַקט האָט זיך פּלוצים באַוויזן א יונגער דאָרפס־גייער, מיט ווינט אין פארפלאַמטן פּנים, ווינט אין זיינע צעפּאַטלטע האָר, ווינט אין די האַלב־שיקלדיקע אויגן, אויך זיין רירעוודיקער גע־שטעל האָט אויסגעקוקט, ווי פון א הייסן ווינט געטראָגן...

דערציילונגען

— „מ׳קאָן דאָ איבערוואַרטן דעם וויסטן שטורעם?״ — האָט ער אויף גיך זיך אַ ווענד געטאָן צו דער פאַרחלומטער חנהן און גלייך אָוועקגעלייגט דעם זאַק פון זיינע פּלייצעס.

— „יאָ מ׳קאָן — האָט חנה אים באַלד פאַרגעלייגט אַריינצוגיין אין שטוב. גלייך האָט דער פרעמדער באַמערקט, אַז אויף דער שלאַנק־צעוואַקסענער חנהן פענקעט שוין איר גוט פאַרשפּיליעט בלוז־קעלע... אויך איר קראַטענע באַרכאַנקע גרייכט שוין פאַר אירע קני־ען... און צו וועמען זיך אַהיימיאָגן האָט ער אויך נישט געהאַט, איז ער דערווייל געבליבן דאָרט נעכטיקן...

צומאָרגנס האָט דער שטורעם זיך געשטאַרקט און קיינער טרייבט אים, חלילה, נישט אַרויס... בלייבט ער ווידער נעכטיקן און ווען די אויסגעבאַדענע זון האָט שפּעטער צוריק אויפגעשיינט, העל באַלויכטן די אויפגעפרישטעביימער, וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן פאַרשיכורטע ריחות פון צייטיקע פּרוכטן, איז שוין דעם פרעמדן אַ רחמנות געווען איבערצולאָזן אַן איינזאַם מיידל נעבעך, איינע אַליין אין אַזאַ וויסטן העק... איז מילא — ס׳מיידל האָט ליב ס׳פעלד? גייט ער מיט איר אין פעלד... זי וויל זיך באָדן? — באָדט ער זיך אויך... האָט טאַקע לאַנג נישט גענומען און חנה איז צוריק רואיק געוואָרן... צוריק שטיל, פרום, אַ צדיקת...

ווען דער סופר איז געקומען איבערקוקן די מזוזהס, האָט אים דער פאַכטער באַלד אַ זאָג געטאָן, אַז — שוין, נישט נייטיק מער זיין טרחה, שוין פאַרטריבן די משחיתים... די פאַכטערקע ווידער, זעענ־דיק, אַז מיטן פרעמדנס קומען איז דאָס מיידל געראַטעוועט, האָט שטיל אַ טראַכט געטאָן: פאַראַן אין שטוב עלף פּיסקעס, וועט זיין נאָך אַ

פרעסער... נאָר ווען ביי חנהן אונטערן פאַרטעך האָט זיך פּלוצים גענומען בערגלען... האָבן די כאַפּטע דאָרפישע ברידער א נעם גע־טאָן דעם צעשראָקענעם „רעטער” פאַר זיין צעווינטיקטער טשופּרינע און אים אריינגעשריגן אין זיינע ממזרישע אויגן:

— „אָדער דו שטעלסט גלייך א חופּה, אָדער מיר מאַכן פון דיר א קופּע!”.

האָט דער יונגער דאָרפס-גייער אויסגעקליבן — בעסער א חו־פּה... נאָר 5 טעג נאָכן ווערן מיט מזל א טאַטע, איז ער פאַרשוואונדן ווי אין וואסער אריין... האָט חנה געזוכט סגולות ביי גוטע יידן. גע־זאָגט שפּרוכן ביי צעברויזטע טייכן, דאָרטן אריינגעוואָרפן קרישקעס ברויט, א ציצה פון פאַרשוואונדענעם מאַנס טלית-קטן... אָבער, ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן... פאַרשוואונדן און פּטור. אויך דאָס פּיצל נעבעך, איז געווען א דריבנענקעס, און אויסגעדייוועטס. פאַר ווייטיק און צער, איז חנהס מילך אין אירע ברוסטן פאַרזויערט געוואָרן. האָט דאָס קינד גיך גענומען זעגן מיטן אָפּגעשוואַכטן הערצעלע, געכרי־פּעט איבער דער שטוב מיט אַזאַ יאָמערלעכן טרויער, אז חנה האָט פון זיך שטיקער קלייד געריסן. זיך געבראָכן די הענט און הויך גע־כליפּעט: — „פאַרוואָס טאַטעשי? פאַר וועלכן, מאַמעניו?”... און אז דעם קינדס הערצעלע איז אינגאנצן שטיל געבליבן, האָט חנה שוין נישט געהאַט מער וועמען ליב צו האָבן, וועמען צו דינען, פאַר ווע־מען זיך מקריב צו זיין... געבליבן אין עלנטע, פאַרבלאָנ־דזשעטע נשמה... דעריבער האָט זי ווידער גענומען גיין אין פעלד, בעטן צו דיביימער, וויינען פאַר די בלומען. ווייל חנה האָט געבענקט נאָך עפּעס אין וועלכן זי זאָל זיך קאָנען אויפלייזן אינגאנצן, נאָך עפּעס וואָס זאָל זיך לאָזן ליב האָבן... פאַרגעטערן...

דער פאַכטער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, זיך געוואָלט דער־מאָנען: — „אין וועמען איז זי געראָטן חנה? און פון וואנען קומט צו אים אזא אויסטערלישע מויד? אויף וויפיל ער געדענקט, זיינען זיי פון דור־דורות פשוטע דאָרפס־יידן, נישט געווען אפילו קיין איין פרומער חסיד אין זייער משפחה. און דאָ — אזא הנח!־ א „משלחת״, וואָס ציט איר נאָר צו תפילות, צו הייליקייטן, וואָס פּאַסן גיכער פאר א יינגל... אָבער אזא מויד? ס׳טע געזען א צרה?״...

און דעריבער האָט דער פאַכטער איינגעזען, אז זיין אומגליק־לעכע 15־יאָריקע עגונה חנה, דאַרף מען וואָס גיכער שיקן אין שטעטל אריין: — „זאָל זי כאָטש ווערן א לייטישע דינסט־מויד״.

* *
*

אין שטעטל איז חנה אָנגעקומען אין איין באַרכאַנטענעם קליידל, מיט גראָבע כאַלאַפּטשעס אויף אירע דינע פיס. און אזוי ווי איר גע־קרויזטער קאָפּ איז שוין סיי ווי געווען אָפּגעגאָלט און איר פארבי־טערט הארץ — צעבראָכן, האָט זי מער נישט געוואָלט טראָגן קיין שייטל, נאָר אין א פשוט קאָפּ־טיכל מיט א גרויער ראָגזשע אויף אי־רע שמאָלע פּלייצעס, אָנגענומען געוואָרן ביי רבקהלע מלכה רחלס אין דער קליינער בעקעריי אויף א שטעלע.

רבקהלעס פרומער מאַן, ר׳ חיים מישיקער פלעגט זיצן יומם ולילה, צוזאמען מיט זיינע פיר זין, על התורה ועל העבודה. פארקלינ־גען די אָרעמע שטוב מיט תורה־ניגונים פון ש״ס און פוסקים. חנה, וואָס האָט פון איר קינדהייט אָן געבענקט, — נישט וויסנדיק אליין פאר־

וואָס — נאָך עפּעס אזעלכעס, וואָס זאָל ארויסגיין פון דער טעגלעכער וואָכנדיקייט, וואָס זאָל זיין מער א באפרידיקונג פאר איר נשמה, ווי פארן גוף, האָט געגלויבט באמונה שלימה אין א לעבן נאָכן טויט. דער־ריבער האָט זי אין דער דאָזיקער שטוב פון תורה־געזאנג באלד געפו־נען איר גרויסע טרייסט, איר מנוחה... איר נשמה־געזאנג. חנהס געזונטע, שטאַרקע הענט פלעגן זיך אָפּשטעלן אינמיטן קנעטן די ברייטע דייזשעס. מיט דער שמאָלער לאָפּאטע צווישן אירע הארטע דלאָ־ניעס, פארטראַכטע אויגן און אָנגעשפּיצטע אויערן געוועןדעט צום שכנהשן אלקער. איר צאפּלדיק הארץ האָט ארייננגעאָטעמט די באַ־טעמטע ניגונים פון גמרא־מוזיק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער צווייטער שטוב אין א טערצעט, וואָס האָט ארומגענומען חנהן, ווי א באצויבערנדיקער כישוף...

ביים אויפרוימען דעם פארמעליקטן אלקער, פלעגט זיך חנה לענגער פארהאלטן ביים ספרים־שענקל, גלעטן די געגילדעטע רוקנס פונעם אויסגעלייגטן ש״ס און ס׳רוב פארגנבעט אהין אירע ציטערדיקע ליפּן... עפּעס שטיל געמורמלט, געזשומט ביז ס׳פלעגט איר ווערן אזוי גרינג, ווי נאָך אירע שטילע תפילות צו די בלומען אין פ ע ל ד...

אין די שבתים און ימים־טובים, פלעגט חנה גיין מיט רבקה־לען אין שול. טיף זיך איינגעהערט צום חזנס קלינגענדיקן קול און כאָטש זי האָט ווינציק וואָס פארשטאַנען, האָט זי אָבער שוין געקענט די גרעסטע טייל תפילות פון אויסנווייניק: — „אדוני, אדוני״. — פלעגט זי אונטערכאַפּן אויפן קול און שטאַרק פארקוועטשט די אויגן, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־נעגל און פרום איבערגעחזרט:

— „אדוני, אדוני״ — געפילט, אז איר געליטערדט הארץ איז אינגאנצן באהאפטן מיט גאט...

דעם העכסטן עקסטאז פלעגט חנה דערפילן בעת מען האט צע־עפנט דעם ארון־קודש און ארויסגענומען דעם ספר. זי פלעגט נישט קאנען אפרייסן אירע פארבענקטע בליקן פונעם אויסגעשפרייטן פאר־מעט. די דאזיקע ליבשאפט צו העכסטער פארגעטערונג האט זיך ביי איר פארוואנדלט אין א פייערדיקער לײדנשאפט: פארגעטערונג צו אזעלכעס, וואס נערט אירע שטילסטע טרוימען. א באפרידיקונג צו ווידמען אירע פארבארגנסטע ליבשאפטן צו א גאט, וואס דארף זיך געפינען אין הימל און צו זיינע געבאטן, וואס געפינען זיך אין א ספר־תורה אויף דער ערד... אזוי האט זי געפילט חנה, אז נאר דארטן, אי־נעם אויסגעשפרייטן ספר, איז דאס סאמע העכסטע פון אלע הייליקייטן און דאס סאמע טיפסטע פון אלע אירע שטילסטע חלומות...

* *
*

יארן זיינען געלאפן. די עגונה חנה האט זיך פריציייטיק געעל־טערט. אין איר קיילעכדיקן פנים האבן שוין געפעלדלט בולטע קנייי־טשן. ארום אירע טונקעלע אויגן האבן בלויע רינגען געשאטנט, אבער זי האט נאך אלץ געקנעטן די אויפגעווירעטע טייגן אין רבקהלעס בע־קעריי, אלץ נאך געטראגן איר ציצענע בארכאנקע, גראבע בארלאטשן און א טונקעלע קופקע אויפן געגאלטן קאפ און אלץ נאך געשלונגען מיט א טיפן אייפער די גמרא־ניגונים מיט וועלכע ר׳ חיימס שטוב איז תמיד פול געוועז. פונעם בלויזן צוהערן זיך האט חנה אויסגעלערנט שטיקער תלמוד, שטיקער תנ״ך און דאס טייטש־חומש, וואס רבקהלע

פלעגט פאר איר אין די שבתים פאַרלייענען, געקענט אינגאנצן פון אויסנווייניק. אז רבקהלע פלעגט אמאָל ביים פאַרלייענען איינדרעמ־לען און בעתן אויפכאַפן, פארטוישן די שורות, פלעגט איר חנה — מיט גרוים ציטערניש — צוריק ארויפפירן אויפן גלייכן וועג: — „גאָט איז מיט דיר רבקהניו" — פלעגט זי אויסשרייען א פארציטערטע — „נישט אברהמען האָט מען געפירט צו דער עקדה, נאָר יצחקן"... אָדער — „דערבאַרעם דיך רבקהשי, יוספן האָבן די ברידער פארקויפט, נישט בנימינען"...

אין שטעטל האָט זיך עולם לאנג געחידושט: — „די דאָזיקע חנה נעבעך, קיין מאן קיין קינד — פאר וועמען באהאלט זי אירע אָפּ־געשפּאָרטע קערבלעך?" טייל האָבן געפרוווט טרעפן: — „זאמלט אוודאי הוצאות אויף א רייזע ארום דער וועלט, אפשר וועט זי ערגעץ פאקן איר פארשווונדענעם „ראָזבויניק"... אנדערע האָבן זיך גע־קליגט: — „זי וויל ארויסקריגן א היתר פון מאה רבנים כדי צו קאָ־נען נאָכאמאָל גיין אונטער דער חופה"... בלויז חנה אליין האָט שטיל אין זיך געשמייכלט. געלייגט א גראָשן צו א גראָשן. געטראָגן עס אויפן האַלדז אין א לייוונטענעם זעקעל און עס געוואַרעמט פאר א גרויסן ציל, וואָס נאָר זי אליין האָט געוווסט. ביז זי האָט אַנטפּלעקט פאר ר' יעקב סופר אירע טיפסטע פארבאָרגענישן.

* *
*

צוויי יאָר צייט פלעגט חנה — אין די פרימאָרגנס — זיך פאַר־גנבענען אין יאַמע געסל, כדי צו זעען, ווי ר' יעקב גייט זיך טובלהן איידער ער נעמט די גענזענע פעדער צו שרייבן איר — חנהס ספר־

תורה — וואָס וועט בלייבן א זכר נאָך איז פאַרוואָגלטן לעבן. חנהס פאַרעלטערטער פּנים, איז מיט יעדן טאָג יינגער געוואָרן... אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך איר לאַנגיאָריקע עגונהשאַפט. איר פאַרביטערט לעבן האָט צוריק באַקומען א טיפן זין, א פעסטן אָנהאַלט...

דאָס גאַנצע שטעטל יידן האָט זיך פייערלעך געגרייט צו דעם גרייסן יום־טוב פון סיום הספר. ר׳ פייוול איסר — דער זייגערמאַכער — האָט מיט זיין רייכער פאַנטאַזיע, געסטראָיעט א טאָוולנע לאַמ־טערנע מיט פיר־קאַנטיקע פענצטערלעך, וואָס זיינען פון אינעווייניק באַלויכטן געוואָרן דורך צענדליקער קליינע ליכטלעך. און ווען מען האָט די לאַמטערנע געטראָגן אין דער נאַכט אויף א הויכן שטעקן, האָט עס אויסגעזען, ווי עפּעס א פאַנטאַסטיש־לייכטנדיקער באַלאָן האַלט געהאָנגען צווישן הימל און ערד.

די נאַכט פון פירן חנהס ספר אין שול אריין איז געווען א ווייסע, און אויסגעשטערנטע. ביים סופר אין שטוב איז דאָס נייע ספר געלעגן צעוויקלט. חשובע בעלי־בתים זיינען געשטאַנען ארום, ווי ביי א פריש געבוירן קינד, וואָס מען גייט ערשט יידישן... פאַרמעגלעכע יידן האָבן געקויפט אותיות, זיך אריינגעפּאָרן אינעם מקח... זיל־בערנע קערבלעך זיינען געפלויגן צום שטאָט־משמש אין קאָפּל אריין. איינער ביים אנדערן האָט אויסגעכאַפּט דאָס בעסטע אות... איבער־געשטיגן מיטן פּרייז פאַרן טייערסטן וואָרט...

פון אלע עקן שטאָט האָבן ווייבער געצויגן צו חנהן אין שמאָלן אלקער אריין. דאָרטן איז זיך געלעגן יחוסדיק אויסגעשפּרייט א שטיק רויטער סאַמעט, אויסגעהאַפטן מיט זילבער־שטעך די 10 געבאָטן און צוויי שטרענגע לייבן ביי די זייטן האָבן געהיטן דאָס הייליקייט. עס

האָט בלויז געפּעלט מען זאָל צוזאַמענגייען דעם סאַמעט כּדי ס'זאָל ווערן דערפון אַ מענטעלע פאַרן נייעם ספר... אָבער אַ שטאָך אינעם הייליקן מלבוש האָט באַדייט אַ סגולה צו פאַרשידענע חולאתן... צו עקרהשאַפט, אַלמנהשאַפט און יתומהשאַפט... פאַר אַ „צענערל" האָט מען זיך געקאָנט קויפן אַ שטאָך אינעם הייליקן מענטעלע. די לעצטע צוויי שטעך אָבער, זיינען די וויכטיקסטע, ווייל מיט זיי איז דאָס מלבוש פאַרענדיקט געוואָרן. איז דאַריבער אָנגעגאַנגען אַ גרויסע קאָנקורענץ... אסתרל דוד קאָנס, די ערשטע גבירטע, אין איר שפּיצענעם הייבל, דריי בייטשן גראָבע פּערל אונטערן ראָזן גוידער, האָט יהוסדיק אַ זאָג געטאָן: — „פינף קערבלעך פאַר די לעצטע צוויי שטעך".

שרהלע זרכיהס, צווייטע גבירטע, אין איר טאַפטענער קרינאָלינע, וואָס האָט נגידיש געראַשט ביי יעדן ריר, האָט איבערגעלשאָגן דעם פּרייז מיט: — „אַכט רובל פאַר די לעצטע צוויי שטעך".

האָט אסתרל אַ גלעט געטאָן איר געקרעפּטן זשאַבאָט און קאַלטבלוטיק צוריק אַטאַקירט: — „צען קאַרבוינצעס פאַר די לעצטע צוויי שטעך".

ביילע־מינקע, די שטאָט־גבאיטע, אין איר פּעלענעם שייטל, ווי פון פּאַקאַלים, מיט העלע טריפנדיקע אויגן, צעלאָזטע בלוזקע איבער אַ האַלב טוץ אונטערספּאָדניצעס, וואָס זי איז געווען אויפן גוטן אָרט און האָט אַריינגערעדט אין הייליקן צדיקס אוהל: — „ביסט פאַרבעטן צו דער שמחה רבינו... זאָלסטו נישט פעלן הייליקער צדיק, קומען צו דער רעכטער צייט"...

קוקנדיק פארבליפט מיט אירע וואסערדיקע אויגן אויף דער צע־פלאקערטער „געלט־מלחמה", האָטביילע מינקע א הייב געטאָן אי־רע טרייסלענדיקע הענט צום נידעריקן סופיט און אויסגערופן מיט א תחינה־ניגון:

— „רבונו של עולם, מיש דער אראן"...

אריינגעמישט האָט זיך אָבער ר' פייוול איסר, וואָס האָט מו־רא געהאט, אז די חלבנע ליכטלעך אין זיין קינסטלערישער לאמטער־נע קאָנען נאָך — חלילה — אויסגיין איידער די צוויי גבירישע עק־שנטעס וועלן קומען צו אן אויסגלייך...

— „יעך האָב א גיטע עצה" — האָט ר' פייוול איסר א פינטל געטאָן מיט זיינע קלוגע אויגן — „יעך לייג פאָר, אז אסתרל זאָל אריינשטעכן די נאָדל און שרהלע זאָל ארויסציען דעם פאָדים... נאָך דעם, זאָל שרהלע אריינשטעכן די נאָדל און אסתרל זאָל ארויסציען דעם פאָדים און זאָל זיין שלום על ישראל"...

— „אין א מזלדיקער שעה" — האָבן אלע אויסגעשריען.

* *
*

נעבן סופרס נידעריקן שטיבל, איז די שטאָט־קאַפעליע שוין געשטאַנען גרייט. ר' אלי קלעזמערס אויסגעפוצטער טראָמבאָס האָט אין דער טונקלקייט אזוי שטארק געבלישטשעט, גלייך אונטער זיין קו־פערנער הויט וואָלטן דינע שפיזעלעך געברענט. ר' שמועל יעקל מיט

זיין ברוינעם פידעלע אונטער דער שמאָלער גאָמבע, האָט אָנגעלענט דאָס לינקע אויער אויף די שטייפע סטרונעס און געהאַלטן אין איין סטראַיען, קלינגען, זשומען, זוכן דעם ריכטיקן טאָן. זישע דער גאָלער האָט גענאָגט צווישן זיינע דינע, מיידלשע ליפּן דעם שפּיץ פון זיין געזילבערטן טראָמפּייטל, ארויסגעלאָזט דריבנע פיגעלעך און גלייך מיט אַלע געוואַרט אויפן ערשטן ארויסמאַרש. דער האלב בלינדער זרח האָט געטראָגן די גרויסע פויק מיט א ברייטן רימען ארומגעגארטלט איבער זיין שמאָלער פּלייצע און מיט א הילצערן שטעקעלע האָט ער געהאַלטן אין איין אויספּרוון די מעשענע טאַצן, וואָס האָבן אזוי גע־ברומט גלייך מען וואָלט אין זיי הארטע שטיינדעלעך געוואָרפן. און ווען ר׳ יעקב סופר האָט זיך באַוויזן אין זיין צעדריוולטער קאַפּאָטע מיטן נייעם ספר צוגעדריקט צום הארץ, האָט די אָנגעסטראַיעטע קאַ־פּעליע גענעבן אזא הילכנדיקן שפּיל־אויף, אז אלעמענס פיס האָבן זיך גלייך גענומען הייבן צום טאַנץ און דער יום־טוב מארש איבערן שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן. שטעטלדיקע בעלי־בתים פארקליידעטע אין מיליטערישע „אַבראַניעס" מיט היטלען פון דראַגונער, פון פּאָיאַצן זייזען געריטן אויף פערד מיט געצונדענע לאַמטערנדלעך אין די הענט אין צוגעזונגען שמחת־תורהדיק. אַנדערע זיינען געגאַנגען אויף שטאָלצן מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אויף הויכע שטעקנס און גע־האַלטן אין איין צווייסן געבן: „סיום הספר, לכבוד דער הייליקער תורה".

פיר בית־המדרשניקעס אין זייערע געהאַקטע קאַפּאָטעס מיט פּליטשקע היטעלעך אויף די קעפּ האָבן געטראָגן די חופּה־שטאַנגען. אונ־טער דער חופּה האָבן א קרענצל יידן ארומגערינגלט ר׳ יעקבן מיטן נייעם ספר. די אויגן פארגלאָצטע צום הימל, האָבן זיי געטאַנצט ביזן העכסטן עקסטאַז.

חנה די פאפקאָדױצער
Sidransky
1966

חנה די פּאַפּקאָוויצער אין א ניי קארבירט שייטל, וואָס זי האָט אָנגעטאָן נאָך צוואנציק יאָריקער עגונהשאפט, איז מיט א פארפלאַמטן פּנים, ווי א כלה, געפירט געוואָרן דורך ביידע גבירטעס און דאָס גאַנ־צע שטעטל ווייבער מיט געצונדענע ליכט אין די הענט זיינען נאָכ־געגאנגען פון הינטן. ביילע־מינקע האָט צוגעפּאטשט מיט די הענט: „אין א גוטער שעה, אין א מזלדיקער שעה". איבער אַלעמענס קעפּ האָט א פולע לבנה געוואָרפן פאסמעס זילבער אויפן נאָענטסטן וועלדל, פון וועלכע העלע צווייגן־קעפּ האָבן זיך געזען פונוויטנס. ס'האָט זיך געדאכט — אז זיי — די ביימער — יום טובן מיט. אויך די צייטי־קע פעלדער און די אין גרין־געהילטע לאָנקעס האָבן מיט זייער פאר־שיכורנדיקע זומער־ריחות פערפומירט די הייליקע שמחה. אויפן שפּיץ־דאך פון דער אלטער קראָשניקער שול, האָט די פולע לבנה, וואָס האָט באַגלייט דעם מארש איבערן גאנצן שטעטל, זיך אָפּגעשטעלט די ערשטע... צוגעלויכטן דעם אָנקום פון נייעם ספר, געוואָרפן פאסן זילבער־שיין אויף די זינגענדיקע און טאנצנדיקע יידן.

צוזאמען מיט אלע שטעטלשע ווייבער, האָט אויך חנה די פּאָפּ־קאָוויצער געמוזט זיך אָפּזונדערן ארויף אויף דער ווייבערישער גאַ־לעריע. אונטן האָבן די מעשענע קאַנדעלאברעס מיט די זילבערנע הענג־לייכטער און הונדערטער ליכטער באַזונט און באַלויכטן די געמאָלענע שיל־ווענט, ווי אויף דער מזרח־זייט איז געלעגן אויסגעמאָלן, — ווי לעבעדיק, — אַ לאַנגער פיש, דער סימבאָל פון לויתן, דער שור הבר. און קעגנאיבער, — אויף דער צווייטער וואנט, — יונגע מלאכים מיט פּייקלעך אין די הענט, האָבן אויסגעזען גלייך זיי וואָלטן געשוועבט אויף די ווענט.

חנהס פארפלאמטע פּנים האָט געלויכטן, ווי די שכינה. זי האָט געוווסט, אז דאָס ווארטן די מלאכים אויפן שופר של משיח... און אז יידן וועלן ווערט זיין, וועלן זיי צעשניידן דעם לויתן מיטן שור הבר און אלעמען טיילן שיריים לכבוד דער אויסגעבענקטער גאולה... הנהס צעשטראלטע אויגן האָבן געקוקט מיט שמחה ווי דער עולם אונטן איז זיך פריידיק משמח. געהערט זיי מאַכן די ערשטע הקפות מיט איר ספר: — „אנא אדוני הושיע נא; אנא אדוני הצליחה נא״... די מוזיק האָט ליריש צוגעשפּילט און חנה האָט דייטלעך געהערט, ווי די מלאכים אויף די ווענט קלאַפּן צו אויף זייערע געגילדעטע פּייקעלעך...

פלוצים האָבן די ווייבער איר גענומען שטורכען, טאָרען, וועקן פון איר פארחלומטקייט: — „מעגסט אראָפּגיין חנה, נישקשה, זיי וועלן דיך אריינלאָזן... ס'איז דאָך דיין שמחה״ — האָבן זיי איר געשושקעט אין די אויערן אריין. אָבער חנה האָט זיך געשעמט, געררויטלט ווי א כלה־מיידל און אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: — „גאָט באַהיט. א זינדיקע אישה אראָפּגיין אונטן? חלילה, נישט כדאי זיך צו שטופּן... סיידן ווען די צייט וועט קומען... אז זי וועט ווערט זיין מען זאָל איר אריינטראָגן אין שיל — דעמאָלט יאָ״...

זי וועט קומען, די צייט. חנה פילט עס א גאַנצן טאָג אינעם אויסטערלישן קלאַפּן פון איר פריידיק האַרץ... שוין א פּאָר מאָל אפילו אָן אָטעם געבליבן... זי ווייסט, אז אלץ קומט איר פון צופיל פרייד... פון האָבן דערגרייכט איר לאַנג־יאָריקע שטרעבונג. איר אויסגעחלומטן חלום... איצטער איז איר סיי ווי גאָרנישט מער קיין נפקא־מינא...

און בעת עולם האָט אונטן אויפגעמאַכט דעם אָרון־קודש ארייג־צושטעלן דאָס נייע ספר, האָט חנה געזען, אז דאָס עפנט זיך נאָר א טירל פון הימל... דערזען אַ פלאם פון טויזנטער ליכטער; געהערט דאָס שפילן פון דער הימלישער קאַפעליע און געפילט, ווי זי נעמט זיך הייבן... ... העכער און העכער... נאָך א טראָפּעלע, נאָך א טראָפּעלע און אָט — די הימלישע טויערן האָבן זיך ראפטום צעפראלט פאר איר...

— „געוואלט! חנה חלשט!־ וואסערר!־" — האָט עולם פון אלע זייטן גענומען ליאַרמען.

נאָר ביז מען איז געקומען מיטן ביסל וואסער, איז שוין חנה די פּאָפּקאָוויצער געווען אין גן־עדן"...

★ ★

★

מאַקומבאַ

רייצן יאָר איז זי אַלט געווען, ווען זי האָט פאַרלאָזט דעם אומ־היימלעכן קרעש (1), שוין ווי אַ פּאַרטיקע דינסט־מויד. די אָנפירער פון „פינדל־הויז" האָבן נישט געוווּסט וועמענס זי איז, מען האָט זי געפונען, ווי אַ סך אַנדערע, אונטערגעוואָרפענע, ביים טיר פון יתומים־הויז, אָן אַ שום ציכן ווען איר אָפּשטאַם... איר שוואַרץ־פּנימל, מיט די גרויסע סאַמעטענע אויגן האָבן אַרויסגעפינקלט פון די ברודיקע שמאַטעס און אַזוי ווי איר פעסט געבויט קערפּערל איז אויך געווען זייער שיין געפורעמט, האָט דער יונגער וועכטער, פאַר גרויס באַגייסטערונג אויסגעשריען: „אָ, לינדאַ!" (שיינקייט) איז זי שוין ביים דאָזיקן נאָמען פאַרבליבן...

אָלינדאַ האָט זיך געכאַוועט אַזוי ווי אַלע היימלאָזע קינדער, זשעדנע נאָך אַ גוטן בליק, נאָך אַ פריינטלעכן גלעט און מיט געוואַלדיקן נייגיר צו דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס געפינט זיך אויף יע־נער זייט פון אַרומגעצוימטן פּאַרקן... להכעיס איר וויסטער דאָליע, זיך אַנטוויקלט מיט אַן עלאַסטיש־קערפּערל, ווי פון גומי, מיט שיינע, שלאַנקע פיס און גלאַטינקער הויט, ווי געפוצטער בראָנדז. איר קיילעכ־דיק פּנימל, מיט די שוואַרץ־סאַמעטענע אויגן האָבן איר געגעבן דעם אייסזען פון אַ קינסטלערישן טעקעלע. אָלינדאַ האָט באַלד געקראָגן אַ

---

(1) אַ יתומים־הויז.

גוטע שטעלע, ס׳ווייסע פאַרטוכל האָט בולט געצייכנט אירע פּריציי־טיק אַנטוויקלטע בריסטלעך. ס׳רונדע טשעפּיקל איז איר געלעגן, ווי אַ זילבער־קרוינדל אויפן געקרויזלטן קאָפּ און — אַז קינדער האָבן אויך טאַטע־מאַמע, ווען דעם האָט זי ערשט גענומען טראַכטן נאָכן אָנ־הייבן ניאַנטשען דאָס רייכע מיידעלע, וואָס זי האָט יעדן טאָג געפירט שפּאַצירן אין אַ ראָז - עמאַלינעם וועגעלע... פּלוצים האָט זי דער־פאַרן ווי מען ציטערט איבערן קינדס אַ קרומער מינע, מען האָט מורא ס׳זאָל זיך חלילה נישט צעקלאַפּן דאָס פּיסעלע, פאַרקלעמען ס׳געפּיעש־טשעטע הענטעלע — „וואָס פאַר אַ צימעס זיי מאַכן עם פון אַ פּיצל קינדעלע ?! ״...

נאָך אירע דרייצן פאַרשפּאַרטע, אָפּגעצוימטע, עלנדע קינדער־יאָרן, זיינען די דאָזיקע צערטלערייען איר פרעמד געווען אפילו — דערווידער...

קיין שום בילדונג, שרייבן, לייענען, האָט מען אין „קדעש״ נישט געלערנט, וואָס איז געלט ? — דאָס האָט אָלינדאָ נישט געוווסט... ווי עס האַלט דער טאָג, די נאַכט ? — גיי ווייס, וואָס עס ווייזט דאָרטן אַ רונדיק טעלערל מיט שוואַרצע שטריכעלעך ?... איבעריקנס, וואָס איז איר די נפקא מינה ? זי עסט ווען ס׳הונגערט איר, שלאָפט ווען ס׳איז איר נויטיק און ס׳ביסל „פּאַפּירעלעך״, וואָס זי באַקומט פאַר איר אַר־בעט פאַרטאַכלעוועט זי גיך אויף בלוזקעלעך, קליידעלעך, פאַרביקע קרעלן, אוירינגלעך... שטאַרק ליב געקראָגן זיך צו סטראָיען, אָלינ־דאָ... אַלץ פּאַסט איר, ס׳טאַנצט אַראָפּ פון איר שלאַנקן גוף. און ווען זי פאַרשלייערט זיך אין די אַלע פאַרביקע צאַצקעס, סטענגעס, ווייפּע־לעך, בראָשקעלעך — טרעטן די „קאַשעראָס״, (די, וואָס צעטראָגן שפּייז־פּראָדוקטן אין די הייזער), נישט אָפּ פונעם פענצטערל, דרייען

דערציילונגען

זיך נעבן איר ווי בינען ארום האָניק, קומען מיט אויסריידן, לייגן פאַר פּראָדוקטן, נאַשווארג און כאַפּן דערוויל א הייסן גלעט פון אירע פיי־ערדיקע אויגן, קריגן די ניכפּה פאר איר גליענדיקן קוק, פארן ווילדן לאַך און קעצישער צוגעלאָזנקייט...

אָלינדאַס ערשטער קאַרנאַוואַל אויף דער פריי.

די גאַסן זיינען אויסגעפּוצט מיט פאַרשידנקאָליריקע לעמפּלעך, וועלכע לויכטן אראָפּ פון טויזנטער געסטראָיעטעביימער. אויף עלעק־טרישע דראָטן, טעלעגראַפן־סלופּעס, ווענט און פּלויטן שלענגלען זיך די קאָליריקע סערפּעטין־סטענגעס, וואָס פלעכטן זיך אין א שלאַנגען־געדריי, בינדן צונויף פענצטער מיט טיר, אויטאָמאָביל מיט פוס־גייער, מאַן מיט פרוי — א שפּינען־נעץ, וואָס וויקלט אלעמען אריין אין זיך... דורך אָפענע באַלקאָנען שיטן זיך כוואַליעס קאָנפעטיעס, ווי אַ קאָליריקער שניי פון הימל אראָפּ. און אויף פּראַסעס, פאַרקן, גערטנער, ווילִיעס, הילכן פרייל‌עכע קאַפּעליעס, פאַרטויבן די אויערן מיט זייער בראַזגעריי, פּויקעריי און קאַרנאַוואַל־מוזיק, וואָס צענדלי־קער טויזנטער זינגען־מיט, טאַנצן־מיט, אלץ צום טאַקט פון „סאַמבאַ", מאַרשן אָן אויך מוזיק צו אָריגינעלע נעגער־טענץ.

די דאָזיקע פאַרשפּילעניש, זינגעניש און טאַנצעניש, האַלט אָן דריי טעג מיט דריי נעכט, אָן אָפּשטעל, אָן איבערייס, גלייך עפּעס אַ געהיימער כוח, אַ צעהודזשעטע מוזיק וואָלט זיך אין אַלעמען אריינ־געכאַפּט, העצקעט מיט זייערע פיס, הענט, קעפּ, בייכער, גלייך אַן עלעקטרישע קראַפט וואָלט געטריבן זייערע צעלאָזטע גופים, וואָס הערן נישט אויף זיך צו דרייען, בייגן, ברעכן אָן אויפהער, אָן אָפּהאַלט ווי טאַנצנדיקע אויטאָמאַטן...

ר אָ ז אַ פּ אַ ל אַ ט נ י ק

ערב איר ערשטן קאַרנאַוואַל האָט אַלינדאַ פאַרשליאַנדערט איר גאַנץ ביסל פאַרדינסט. זיך פאַרפּוצט אין אַ הויכן טורבאַן מיט אַ סך פּאַפּירענע בלומען, מיט סטענגעס, קינסטלעכע פרוכט און אַ גאַנצן פּאַק מיט ציטער־שפּיזעלעך. דאָס אַלץ אַרויפגעזעצט אויפן סאַמע שפּיץ־קאָפּ, וואָס האָט זי געמאַכט צוויי מאָל אַזוי הויך און לאַנג. אַ קורץ, ברייט קליידל האָט איר קוים געגרייכט ביז די קני, אויפגעדעקט אירע לאַנ־גע פיס, וואָס האָבן אַרויסגעכישופט צווישן געדיכטע פאַלדן... אַן אויסגעפּאַסט בלוזקעלע, דעקאָלטירט אונטן ביז צו דער טאַליע, פאָרנט, אויפגעדעקט בלויז אַ העלפט פון אירע רונדע, שטייפע בריסטלעך... אויף איר שמאָלן האַלדז פאַרשידנפאַרביקע בענדער, הייליקע פיגור־לעך, הענטלעך, פייגן, קמיעות... אויף אירע שמאָלע הענט, אַ שלל בראַסלעטן, דראָטענע, בלעכענע, באַגילדעטע, ביז צו אירע עלנ־בויגנס... און לסוף — מעשענע סיגנעטן, צו צוויי אויף יעדן פינ־גער... אָבער, כדי אויסצוקוקן ווי אַן עכטע „באַיאַנקע", האָט איר נאָך געפעלט אַ לעדערן פּייקעלע מיט קלינגענדיקע גלעקעלעך, נאָר אויף דעם האָט שוין אַלינדאָס פאַרמעגן נישט געסטאַיעט... דאָך, ווען זי איז אַרויס, מיט איר האַפּסלדיקן געגעלע און ווילד - פאַרשייט גע־לעכטערל אויף דער צזוניקט־צעזונגען און צעטענצלטער גאַס, האָט זי אַרויסגערופן נייגיר נישט בלויז ביי אירע פאַרליבטע „קאַשעראָס", נאָר אויך ביי די סטאַטעטשנע מענער און לייטישע זינדלעך... אפילו צווישן די קרענצלעך פאַרשלייערטער, מיט די טייערסטע „באַלאַנגאַנ־דאַנעס", (קינסטלעכע צירונג פון גרעסטן ווערט) האָבן זיך אירע פּשוט־טע שמאָכטעס שטאַרק אָנגעזען, גלייך זי וואָלט אויך געווען אַן אָפּ־שטאַם פון — ווער קאָן וויסן פון וועמען?...

דער עיקר האָט געצויגן אויפמערקזאמקייט איר פאַרקישעניש אין די ווילדע טענץ, דורך וועלכע זי וויל זיך איצטער אָפּנעמען, אַלינ־

דאָ, פּאַר אַלע אירע איינזאַמע, צעטרענצלטע, פאַרלוירענע — יאָרן. .
און כאָטש זי האָט קיין מוזיק נישט פאַרשטאַנען, האָט זי אָבער גע־
האַט דעם סאַמבאַ־טאַקט בירושה אין אירע צעברויזטע בלוטן. אַלע
אירע אברים, ווי געשולטע מוזיקאַנטן, האָבן אַקאָרדירט דעם באַוועג
פון אירע פעסטע מוסקולן. ס'האָבן מיטגעטאַנצט אירע קיילעכדיקע
היפטן, דער פלאַכער בויך, איר פאַרשפּיצט־אונטערשטער געשטעל;
ס'איז נישט געווען קיין טאַנצן סתם, נאָר ווי עפּעס אַ ווילדע תפילה
צו שדים און רוחות, מיט וועלכער איר גאַנץ וועזן איז אין יענעם מאָ־
מענט געווען באַהאַפטן.

איר טאַנץ־כוואַליע האָט זיך אָנגעהויבן גלייך פון די שפּיץ־
פינגער, איבערגעגאַנגען צו די אָפענע קניען, צו אירע לאַנגע הענט,
וואָס האָבן זיך באַוועגט אין אַ בייגל־געדריי — אַהין און צוריק, ווי
דער אומרו פון אַ וואַנט־זייגער... ס'טאַנצט איר ברוינע פּלייצע, ווי
אַן אבר פאַר זיך, דאָס טאַקטפולע טרייסלעניש גיט זיך איבער צום
רונדן בויך, אַט וואַרפן זיך אונטערן בלוזקעלע אירע שטייפע בויכט־
לעך, גלייך צוויי האַרטע באַלימלעך וואָלטן זיך אליין צעשפּילט. עס
בייגט זיך צום טאַקט איר שמאָלער האַלדז, דער שוואַרצער קאָפּ, אַפי־
לו אירע געקרויזטע שעפּסן־האָר צעפלאָשען זיך ווילד, גלייך אַ שני־
דיק ווינטל וואָלט אין זיי אַריינגעהוליעט. אַלינדאָס קרעטאָנע קליידל
דרייט זיך, ווי אַן אָנגעבלאָזענער באַלאָן, וויכערט אין קאַראַהאַד, אַ
פאַרביקע קאַרוסעליע.

איר צעחושט טאַנצעניש רייסט אויך מיט די געסטראָיעטע מו־
זיקאַנטן. דער גראָבער טראָמבאַליסט, אַ שוואַרצער יאַט אין אַ רויטן
סטאַניקל, דונערט איר גלייך אין פּנים אַריין. דער סאַקסאָפאָניסט, אין
גרינע הויזן מיט אַ געלער שאַרף — קוויטשעט איר אין די אויערן

אריין. ס'קלאַרנעטל, ביי אַ הויכן נעגער צווישן זיינע גראָבע ליפּן, — כיכיקעט. און הונדערטער פּייקעלעך, ביי פאַרמאַסקירטע מענער, פאַרשטעלטע ווייבער — פּייקלען, גלעקערן, קלאַפּן איר אַנטקעגן אויף מעשענע טאַצן, אויף הילצערנע פּודעלעך און אַ כאַפּטע, האַלב נאַקעטע, גאַנץ באָרוועסע, שלעפּן זיך נאָך, פּייפן, צוויטשערן ר מיען... און — הינטער דער דאָזיקער צעזשומעטער פּראָצעסיע, קריכט שווער אַ שורה גלאַנציקע אויטאָמאָבילן, אינעווייניק, שוין אָפּגעפּאָרענע מענטשן, ווילן דווקא זיך אַדורכשלאָגן דורכן פאַרצוימטן וועג, אַדורכהאַקן מיט די שפּיץ־נעזיקע מאַשינען, דעם ווילד־וואַלדיקן — געוואַי -- פּייפן זיי אויך, טראָמבייען זיי אויך, קוויטשען, ריטשען, ליאַרמען, ס'גייט זיי אין לעבן צו געווינען, וואָס פריער אַ שטיקל פרייען שטח... איינער וויל דעם אַנדערן איבערשרייען, איבערטומלען, כדי אַדורכצוּיעבן זי צוימען. אָבער זי, אַלינדאַ, אַ פאַרטראָגענע אין אַנדערע וועלטן, האָט זיי אַלעמען ערגעץ אַנדערש... — ס'איז היינט איר ערשטער קאַרנאַוואַל, איר ערשטע פרייד אין לעבן, הערט זי נישט, זעט נישט און האָט בכלל איבער זיך קיין שליטה נישט... מיט געשלאָסענע אויגן און ווי פאַרהיפּנאָטיזירטע גלידער, דרייט זי זיך צום טאַקט פון די אָרקעסטערס און טרומייטערס. הונדערטער, אַנדערע, ווי זי, דרייען זיך־מיט פאַרטורעטע, באַנומענע, פאַרדמיונטע און פאַרחלומטע וואַקלען זיך אַלע פאַרטראָגענע אין אַנדערע וועלטן אַריין...

* *
*

איז אין אָט דער דאָזיקער ערשטער קאַרנאַוואַל־נאַכט, האָט אַלינדאַ, אין איר באַגייסטערטער פאַרשפּילעניש, צום ערשטן מאָל געפילט באַהעפטונג מיט — מלאכים און שדים... אָט טראָגט מען זי

צום העכסטן בארג פון „קאַרקאַוואַדאַ", ארום איז שטיל, דאָס מאָנאָ־טאָנע פליסן פונעם ברייטן וואסער־פאַל, פארגרעסערט נאָך די טיפע שטילקייט. עמעץ גלעט איר יונג לייב, מען קושט איר אויס יעדן אבר... און דער לויטערער הימל זייעט זילבער־שפריי איבער איר קאָפּ. די מיליאָנען שטערנדלעך ווינקען צו איר, לויפן זיך דורך, פאַלן איינער אויפן אנדערן און קושן זיך אויך. פאַראן אזוי פיל פרייד אין דעם, א ים מיט גליק, שטענדיק וועט זי דאָס געדענקען — איי ביק...

און שפּעטער, איז אַלינדאַ צוריק געקומען צום גערודער, און — זי געדענקט נישט ווי אזוי, נאָר מען האָט זי גאָר געשלעפּט אין ווייסטע טאָלן, שטעכלקעס האָבן צעבלוטיקט איר פריש לייב, מאָס־קיטן צעביסן איר פנים — עמעץ האָט געריסן פון איר ס׳פּיצל צע־קנאָדערט קליידל, איינגעקלעמט אירע ציטערדיקע בריסטלעך ווי אין אייזערנע צוואנגען און — געפּייניקט, געמאַטערט, ביז חלשות...

נאָך דעם האָט אַלינדאַ לאַנג נישט געקאָנט דערוואכן פונעם שווערן שלומער, נישט געוווסט צו אונטערשיידן פון חלום און וואָר, ביז די פייקלדיקע מוזיק פונעם דריטן קאַרנאַוואַל־טאָג האָט איר אויס־געניכטערט, זי געשטעלט אויף די פיס און ביינאכט, אויסגעפּרעסט דאָס, וואָס עס האָט זיך נאָך געלאָזט פּרעסן... זיך ווידער באַהאַנ־גען מיטן ביסל צעדריוולטן צירונג און צוריק אריין צווישן דער צע־הוליעטער מחנה, שוין מער אַ באַזינטע, אָבער די טאַנץ־שיכרות איז איר אויפסניי אריין אין די פיס, מיטן זעלבן כוח און מיט דער זעל־בער צעחושעניש זי ווידער פארטראָגן אין אַנדערע וועלטן און ווידער האָט זי זיך געפונען ערגעץ אין שאול־תחתיה...

פאַרטאָג, האָט הימל שוין געצאַרנט מיט בייזע ווינטן, גע־בייטשט די אַלע מידע פון דר ייטעג און דריי נעכט טאַנצעניש. האָבן א סך געדרימלט ביי נאסע שוועלן, אַנדערע געכראָפּעט אונטער טריפנדיקעביימער, אונטער בריקן און פלויטן... און זי, אַלינדאַ, מיט צעריסענע בייטשן קרעלן, אָפּגעריבענע בראסלעטן, צעקנייטשטן טור־באַן און פאַרזשאַווערטע פינגערלעך, האָט איצטער, — אונטערן נאסן־שאַרעיעדיקן הימל — אויסגעזען ווי עפּעס אן אויסגעוויקטע בוב־שפה, וואָס האָט שווער געטאָפּטשעט אין געדיכטער בלאָטע, אין צע־ריסענע קליידער, געלעכערטע שיך און צעקאַליעטשעטן גוף, זיך געשלייכט ווי א שאָטן, אינעם גרויען טונקל־אויפגייענדיקן מיטוואָך ארייַן...

פונקט צו די ניין חדשים און צו אירע פערצן יאָר, איז אַלינ־דא געוואָרן אַ מאַמעלע. א שיין מאַמעלע פון עפּעס א געמיש — שווארץ, ברוין, בראַנדז, מיט גאַנץ העלע הערעלעך. אָבער, אָן שום אנונג וועגן טאַטן פון דעם קינד...

*   *
*

אַלינדאַס צווייטער קאַרנאַוואַל איז מיט ווינציק וואָס געווען אַנדערש, איר אלטן „טראַזש”, (אָטועכין) פאַרלאַטעט און פאַרשמאַ־טעט. דאָס ווילדע טאַנצעניש, גלייך ס׳וואָלט זיך נאָך געצויגן פון פאַ־ראַיאָרן. בלויז איר ניי־געבוירנס איז דאָס מאָל געווען אַ בלאַנד ממש... ערשט נאָכן דריטן קאַרנאַוואַל, איז ביי אַלינדאַן געקומען אַ פּשוט נעגערל, אָן א שום צומיש, שווארץ ווי סמאָלע...

און אז אַלינדאַ האָט זיך איינמאָל גוט איינגעקוקט אין אירע דריי „קאַרנאַוואַל-מתנות״, געזען זייער פאַרשידנקאָלירקייט, גע־זוכט צו דערכאַפּן אין זכרון עפּעס אַן ענלעכקייט צו די אַלע קאַוואַ־ליערן, וואָס האָבן זי פאַרוויילט, האָט זי לסוף באַשלאָסן, זיך ווענדן צו דער אלטער מארפא, אפשר וועט זי דערגיין, דורך מאַכן „מאַקום־באַ״, (אזא מין כישוף, וואָס שטאַמט פון אפריקאַנער שבטים) ווער עס זיינען די טאַטעס פון אירע דריי „קאַרנאַוואַלעסקאַס״. אזוי טוען א סך פון אירע חברטעס און זיי ראַטן איר שוין פון לאַנג אויך אזוי צו טאָן...

* *
*

און אַלינדאַ האָט אויפגעזוכט די שווארצע הייל פון דער באַ־רימטער „מאַקומביסטין״ און איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן פון די יאָמערדיקע קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די הייל־טיפענישן... אויפן ערשטן מאָמענט האָט אַלינדאַ געמיינט, אז זי איז אריינגעפאלן אין א הויז פון משוגעים. אָט זעט זי אַ האלב נאַקעטע פרוי, שלאָגט זיך אין בויך, קנייפּט אירע בריסטן, רייסט די האָר פון קאָפּ און לאָזט ארויס יאָמערלעכע געשרייען. אין א צווייטן ווינקל שאָקלט זיך פרום א יונג מיידל, אירע אויגן געשלאָסן, די האָר צעלאָזט, די הענט אויף דער ברוסט און וואַיעט, כאָרכלט, ווי אַ געשאָכטענע בהמה, ביז איר געיאָמעריי גייט איבער אין ספּאַזמען, וואָס באַוועלטיקן, אינגאנצן איר צעטרייסלט וועזן. מען זעט, אז זיי אַלע זיינען באַהערשט פון עפּעס א פרעמדנכוח, וואָס מאָרדעוועט און פייניקט זיי אָן זייער ווילן און אָן זייער וויסן...

אין דער שטיינערנער הייל איז טונקל. א קליין נאַפט-לעמפּל שמינקלט ערגעץ טיף אין א ווינקל, וואַרפט באַוועגלעכע שאָטנס אויף די שוואַרצע ווענט. פון דרויסן קוקט אריין אַ פּיצל פאַרכמאַרעטער הימל, עס דאַכט זיך, אז דאָס דאָזיקע שטיקל הימל האָט זיך אָפּגע-ריסן פון אויבן, איז אריין אין דער פינצטערער הייל, זיך אויסגעמישט מיט די סודות׳פולע „גייסטער״ — א שטיק יענע-וועלט האָט זיך אין דער וועלט אריינגעריסן...

אין מיטן פון דער טיפער הייל — באַוועגלעכע פיגורן דרייען זיך ווי ווילדע שלאַנגען, זשוזשען, זשומען, שאַרכן, זיפצן, קרעכצן, ביז דאָס זשומעניש דערגרייכט צום קלימאַקס און עס ברעכן אויס גרויליקע געוואַלדן ווי א לייב וואָלט אריין צווישן דער מחנה און זי געדראָעט צו פאַרצוקן...

אָפּגערוקט אין א זייטיק ווינקעלע זיצט זיך די אלטע מאַרפא אויף אן איינגעלייגטער קלאָץ, זיצט א שטאָלצע, מיט גראָבע פיס אין א ברייטער ספּאָדניצע און דיריזשירט, ווי אַ קאַפּעל-מייסטער, מיט דער דאָזיקער צעיושעטער קאַפּעליע...

די אַלטע מאַרפא האָט א גרויען קאָפּ מיט זילבער-האָר. אַ ברייט שוואַרץ פּנים, ווי טינט, מיט א פעטן גלאַנץ, וואָס מיניעט זיך ווי א שפּיגל. אויגן האָט זי קליינע, אָבער זייער שאַרפע, שפּיציקע, ווי ביי גיפטיקע שלאַנגען, ווי א גלאַנץ פון א חלף. איר נאָז איז ברייט און פלאַטשיק, מיט געדיכטע ארויסשטאַרצנדיקע הערעלעך. אויף איר לינקער באַק שטראַלן צוויי וואַרצעלעך, געדיכט באַוואַקסענע מיט זילבער-האָר, וואָס טיילן זיך אויס, צוליב דער שוואַרצקייט פונעם פּנים, ווי גלאַנציקע בראָשקעלעך אויף טונקעלן געוואַנט. איר קיר-

צער האָלדז איז הוילע קנייטשן. אירע לאַנגע הענט, ווי מיט אַ גע־
מאַרשטשעטער פעל איבערגעצויגן. מאַרפאַ האָט גרויסע, מעכטיקע
בריסטן, וואָס פאַרנעמען דעם גאַנצן פראָנט פון איר האַרץ־ברעטל,
און טיילן זיך פונאַנדער, ווי צוויי אָנגעבלאָזענע באַלאָנען, וואָס באַ־
וועגן זיך, וואַרפן זיך, האָפּקען אונטער, גלייך זי וואָלט דירייזשירט
אירע געהיימע גייסטער, נישט מיט אירע לאַנגע פליגל־הענט, נאָר
מיט אירע מעכטיקע בריסטן... אירע שאַרפע, שלאַנגען־אייגעלעך
דרינגען אַדורך די אַלע פּאַציענטן, וועלכע קומען צו איר מיט זייערע
נשמה־ווייטיקן, זוכן ביי איר אַ רפואה צו זייערע צעבראָכענע
הערצער.

איינע פון די דאָזיקע איז געווען אָלינדאַ. מאַרפאַ האָט זי קודם
אַדורכגענומען מיט אירע שפּיציקע אייגעלעך און קנאַהדיק באַטראַכט
איר שיינעם געשטעל, איר זיידענע הויט מיט די סאַמעטענע אויגן, איר
געזען — אַדורך און אַדורך און באַלד איר איינגערוימט אַ סוד אויפן
אויער: „אַזאַ שוואַרץ טייבעלע, וועט שוין געפינען טאַטעס פאַר אירע
ממזרימלעך... דאַרפסט נאָר אַביסל פּייניקן דיין גוף, לייטערן דיין
נשמה, און זיי וועלן זי דשוין אָפּזוכן, וועלן זיך אָפּזוכן"...

און אָלינדאַ האָט געגלויבט, ווי אַלע אַנדערע — געגלויבט...
בלויז אין אָנהויב איז זי געשטאַנען פון ווייטנס, מורא געהאַט זיך צו
דערנענטערן צום „גייסטער־משפּט", וואָס די אַלטע מאַרפאַ פירט
אַדורך מיט שמייסן און פּייניקן דעם אייגענעם גוף, זיך שלאָגן אין די
בריסטן, קנייפּן ס'פלייש, רייסן די האָר און ברענגען דעם זינדיקן
גוף צו לייטערונג. פאַרטרייבן די מרה שחורה, וואָס באַוועלטיקט די
אַלע אויסגעגליטשטע, פאַרפירטע, צעפּייניקטע — און סתם אַזעלכע
פון גאָר נישט וויסן און גאָר נישט קענען — פינצטערע און דערשלאָ־

גענע מענטשן... אין די הונדערטער האָט זי זיי, — די אַלטע מאַר־פּאַ — קרבנות פון הפקרות, פון ווילדעניש, פון אומוויסנקייט און פון אויסגעלאַסנקייט, זייערע קינדער האָבן נישט קיין טאַטעס, קיין מאַמעס, און ווייסן זעלטן ווען און פון וואַנען מען איז אַרויסגעקומען, און פון וועמען מען איז — באַמאַמעט געוואָרן...

די אַלטע „מאַקומביסטין״, וואָס פּראַקטיצירט שוין אירע מופּתים אַזעלכע פופציק יאָר און איז שטאַרק באַהאַוונט אין די אַלע פאַרוויקלטע נשמה־פּראָבלעמען, האָט גלייך דערקענט אין דער טרויעריקער אַלינדאַס אומרואיקן רעדן, אין איר בייסן די נעגל, נישט קאָנען איינשטיין אויף קיין אָרט — דעם אמתן קרבן: — „שוואַרץ טייבעלע מיינס — האָט זי איר געגלעט איבערן פּנים: — אין קאַרנאַוואַל האָסטו זיי פאַרלוירן. די טאַטעס פון דיינע קינדער און אין קאַרנאַוואַל וועסטו זיי צוריק געפונען... דאַרפסט זיך נאָר גוט אויסוויינען, אויסקלאָגן, אַרויסשרייען די פּיין, וועט עס דיך באַפרייען פון באַטערנישן און דאַן — וועט ווידער זיין אַ — קאַרנאַוואַל״...

צוביסלעך האָט זיך אַלינדאַ צוגעוווינט צו די ווילדע סעאַנסן, באַקומען גלויבן אין דער דאָזיקער זאַך, אַליין נישט וויסנדיק ווען און ווי אַזוי, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אויסטערלישן כישוף־געווירבל און באַהערשט ווי פון עפּעס אַ סטיכישער קראַפט, האָט זיך איר גוף גענומען בייגן, ברעכן, שליידערן און אַרויסגעבן משונהדיקע קלאַנגען, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען אין אַ ווילדן געוואַי, אַ חיהשן געברום, ביז אַ מוראַדיקער קוויטשעריי, גלייך הונדערטער משחיתים וואָלטן געשמיסן איר זינדיק לייב און געקאַרטשעט אירע אברים, פון וועלכע ס׳האָט גערונען אַ געדיכטער שוויים, זי אויסגעווייקט, ווי אונטער אַ שלאַקס־רעגן, אָנגעצונדן איר גלאַטיק פּנים ווי מיט גליענדי־

קע ריטער און — געמאַטערט, געמאָרדעוועט, ביז די ווילדע משוגעת־כוואַליע האָט ביסלעכווייז געגומען אָפּטרעטן, די געשרייען — שטי־לער, געדעמפּטער, ווי אויסגייענדיקע עכאָ־קלאַנגען אין אַ געדיכטן וואלד... און דאַן איז אויף איר געקומען אַזאַ שטילע, אויסטערלישע רו, ווי באַפרייט פון שווערע, אייזערנע קייטן... אַהיימגעגאַנגען אַזאַ צניעותדיקע, אַזאַ ריינע און לויטערע, גלייך זי וואָלט נאָר וואָס אויפ־סניי געבוירן געוואָרן... און — זיך געגומען גרייטן צום פּערטן קאַרנאַוואַל...

* *
*

דאָס מאָל האָט זיך אַלינדאַ נישט אַזוי שטאַרק אויסגעסטראָ־יעט, איר בידנער פאַרדינסט האָט קוים געקלעקט איף אויסצוהאַלטן אירע דריי נפשותלעך, וואָס זי האָט נישט געוואָלט קיינעם אונטער־וואַרפן... אָבער, סיי ווי, האָבן זיי זיך געכאָוועט אויף גאַטס באַראָט, נאַקעט, באָרוועס, זיך געגערט מיטן אָפּפאַל פון די געמאַרקן און גע־ווען — הפקר.

אַלינדאַ האָט זיך בלויז געקויפט אַ פּאָר קורצע, רויטע הייזע־לעך, אַרום די בריסטלעך פאַרשלייפט אַ זיידן שאַליקל און אויסגעזען מיט אירע נאַקעטע קניען און האַלב־אָפענער ברוסט, ווי אַ מאַריאָ־נעטקעלע, וואָס טענצלט פרום לויטן ווילן פון באַהעדשער און ווערט רעגירט ערגעץ מיט אַ שטריקל אויפן בוידעם... איר פולער געשטעל איז איצטער געווען מאַסיווער, קיילעכדיקער און — רייף, ווי אַ גוטע צייטיקע פרוכט.

און — זי האָט זיי געפונען — אַלע דריי. יעדן טאָג האָט איר אַן אַנדערער פאַרזיכערט, אַז ער איז עס טאַקע איר פאַראַיאָריקער „נאָמאָראַדאָ" (געליבטער). אויך אָלינדאָ איז כמעט ווי זיכער געווען אין דעם, נישט געווען קיין שום אונטערשייד אין זייער באַנעמונג. דאָס זעלבע אָנטרינקען זיך מיט „קאַשאַסאַ" (בראָנפן), די זעלבע פאַר־שלעפונג ערגעץ אין די בערג, דאָס זעלבע קושן און האַלדזן איר נאַ־קעטע ברוסט, די זעלבע פאַרזיכערונג צו זיין אַ טאַטע צו „זייערע" קינדער און — די זעלבע אומגעכטיקע פאַרלוירנקייט. די זעלבע נאָכ־גיביקייט... ביז — דאָס דריבנע, שיטערע רעגנדל, וואָס גיסט כמעט תמיד אין די סוף־קאַרנאַוואַל־פאַרטאָגן, זייפט זיך אויך איצטער דורך אירע צעפלאָשעטע האָר, ריזלט ריטשקעדיק איבער איר אַנטבלויזטן האַלדז, וואַשט און קילט איר האַלב־נאַקעט לייב און — זי דערזעט זיך ווידער — אַליין, אַליין אונטערן נאַקעטן הימל. . אַלץ דאָס זעל־בע, וואָס איז איר שוין אַזוי גוט באַקאַנט. בלויז אירע רויטע הייזע־לעך גיבן איצט אַרויס אַ געדיכטע פליסיקייט, ווי בלוט, וואָס פאַר־שפּרייט זיך אויף אירע נאַקעטע פיס, וועלכע קוקן אויס גלייך מען וואָלט זיי נאָר וואָס צעהרגעט...

●

ס'איז ווידער מיטוואָך. דער טאָג פון „אַש", פון תפילה און תשובה...

אין דרויסן ליגן נאָך הויפנס צעטראָטענע קאָנפעטיעס, נאַסע סערפּענטין־סטענגעס, וואָס זיינען ענלעך צו אָלינדאָס אויסגעוויקטע הייזעלעך. אויף די אומגערייניקטע גאַסן שמעקן נאָך די טויזנטער אויסגעגאָסענע פּערפומען, וואָס קיצלען אין דער נאָז מיטן ריח פון באַגאַנגענע זינד, ס'וואַלגערן זיך אויף די פאַרבלאָטיקטע טראָטואַרן צעבראָכענע שטולן, גליטשיקע ברעטער אויף געהובלטע דרענגער,

מכשירים פון די אימפּראָוויזירטע בינעס, וואָס קוקן איצטער אויס, ווי הרוגים נאָך א גרויסער שלאַכט.

*　*
*

עטלעכע חדשים שפּעטער נעמט אַלינדאַס פלאַך בייכל ווידער אויפגיין, ווי א פריש פאַרראַשטשינעט טייג, גלייך מען וואָלט איר דאַרטן א באַלעמל אונטערגעלייגט... ס'איבלט איר ווידער אויפן האַרצן און ס'פייניקן איר אויפסניי שווארצע מחשבֿות. איר איינציקער אויסגאַנג פון קלעם איז ווידער — פּראָוועןֿ „מאַקומבאַ", גוט אויסוויינען דאָס צעבראָכענע הערצל, באַרואיקן איר פינצטערע דאָליע...

די אלטע מאַקומביסטין האָט געכאַפּט א מבינישן קוק אויף אַלינדאַס פאַררונדיקטן בייכל, מיט אירע חלפים-אייגעלעך אָפּגעמאָסטן אַלינדאַס טרויעריק פּנימל און מיט פעסטן גלויבן אין איר וויסטן כוח א באַפעל געטאָן: „שטופּ דיך אריין אין הייל, צווישן דער מחנה תשובה-טוער! דו קליין נאַריש לעמעלע, קיינער האָט דיך נישט באַווארנט צו.קאָנען שטיין אויף די אייגענע פיס, מוזסטו אָנקומען צו מיינע געטער, זיי וועלן דיך רייניקן, ארויסבייטשן דאָס שלעכטס פונעם זינדיקן גוף, דיר געבן כוחות צו געבוירן דעם פערטן תכשיט — היידא, אריין צווישן די זינדיקע!...

און אז אַלינדא האָט א פּאַרציטערטע, מיט פעסטן גלויבן אין דער אלטערס כוח — ארויסגעקרעכצט: — „מאַרפּאַ, גוטע מאַרפּאַ, וואָס וועל איך איצטער טאָן מיט פיר קינדער? און וואָס וועלן זיי טאָן מיט זייערע היימלאָזע הפקרדיקע לעבנס?"...

האָט מאַרפּאַ א גנבישן ווונק געטאָן מיט אירע בלישטשענדי־קע אייגעלעך און שטיל איר איינגערוימט אויפן אויער: נאַריש בהמה־לע דו, זיי וועלן טאָן, וואָס אלע אזעלכע טוען: אויסזאַקסן גוטע טרע־גערלעך פאַר די געמאַרקן, געזונטע „קאַשעראַס" פאַר די „אַרמאַזע־נען" (שפּייז געשעפטן) און אין די קאַרנאַוואַלן, וועלן זיי טאָן דאָס זעלבע, וואָס זייערע טאַטעס האָבן געטאָן... און שפּעטער, וועט איר אַלע צוזאמען דאָ אהער קומען, אויסלייזן אייערע פאַרזינדיקטע נש־מות, רייניקן די פאַרפּאַטשקעטע גופים, פּראַווען „מאַקומבאַ" — „מאַקומבאַ", פאַרשטייסט צי ניין?"...

* *
*

דעם פינפטן קאַרנאַוואַל האָט שוין אַלינדאַ באַשלאָסן, אז אזוי קאָן עס ווייטער נישט אָנגיין... זי מוז עפּעס טאָן, זי וועט נעמען איר גורל אין די אייגענע הענט אריין... זיך אויסגעסטראָיעט אין באַרשידנקאָלירקע פּאַפּירן, זיי פשוט אַרויפגעקלעבט אויף אירע אַל־טע, אויסבליאַקירטע הייזלעך. זיך ארומגעהילט מיט פאַלבאַנקעס פון געליישטן זילבער־פּאַפּיר.

אויף די נאַקעטע פיס, פּשוטע „טאַמאַנקעס" (שטעק־שיך פון האָלץ) נאָר אין א שמאָלינקער קעשינקעלע פאַרשטעקט א קליין ראַ־זיר־מעסערל... זיך פריער גוט געשפּיגלט אין דעם, עס געדרייט אהין און אהער, און געכיכיקעט פון איר קלוגן איינפאַל, גערעדט צו זיך אין דער שטיל: „נישט מאַרפּאַס גייסטער, נאָר דאָס דאָזיקע קליינע מע־סערל... כיק — און פּטור"...

און ס'איז געווען דער זעלבער אויסגעשטערנטער הימל, וואָס איז איר געהאַנגען איבערן קאָפּ, ווי אַ אגרויסע, געהאַפטענע חופּה. דער זעלבער ברייטער וואסער־פאַל האָט געזשומעט זיין אייביקע זשו־מעניש. די זעלבע פייכטע גראָזן האָבן פון זיך ארויסגעגעבן שאַרפע, פארשיכורנדיקע ריחות און אַ פּאָר ווארעמע מענער־הענט — אפשר אויך די זעלבע? — האָבן צאַרט געגלעט איר בענקנדיק לייב. זיך איינ־געגעסן אין איר גליענדיק מויל און — די זעלבע פאַרזיכערונג, הונ־דערטער פאַרזיכערונגען... ביז, די זעלבע אָפּהענטיקיים, די זעלבע נאָכגעביקייט... די זעלבע... אלץ די זעלבע...

און אַ דריבנע רעגנדל האָט אויפסניי געוואַשן אַלינדאס פאַר־שלאָפן פּנים... די צעווייקטע פּאַפירן אויף אירע נאַסע קליידער, האָבן זיך נאָכגעשלעפּט ווי צויטן, אויסגעקוקט ווי אָפּגעשינדענע הויט פון אייגענעם גוף... דאָס פאַרקילטע לייב האָט איר אדורכגעשוידערט יעדן אבר... און אז אַלינדא האָט זיך אויפגעהויבן פון פייכטן געלע־גער, זיך גענומען אויסגלייכן די ביינער, אויסטרייסלען די פאַרגאַנגע־נע קאַשמאַרן, איז איר דאָס ראַזיר־מעסערל ארויסגעפאַלן פונעם קע־שענקעלע און ערשט איצטער זיך דערמאָנט אין אירע צוגעגרייטע פּלענער... זי האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבערן חלל שאַרף און שניידיק און באַלד איז דער געלעכ־טער איבערגעגאַנגען אין אַ הילכיק געוויין, אין אַ ווילד־שלוכצן, וואָס האָט זיך צעטראָגן אין צענדליקער ווידער־קולות. ס'האָט זיך אַלינדאַן געדאַכט, אז דאָס הערט זי נישט בלויז איר אייגן געוויין, נאָר דאָס קלאָגן אזוי ארוים, פון די בערג און טאָלן, אַלע אירע קאַלעגעס און חברטעס, און וויסטע שדים מיט בייזע רוחות טראָגן די דאָזיקע גע־שלוכצעריי אויף זייערע שווארצע פליגל, טראָגן עס צו דער טונקעלער הייל פון דער קלוגער כישוף מאַכערין — מארפא...

* *
*

דאָס מאָל האָט אַלינדאַ שוין נישט געוואַרט ביז איר בויך וועט ווידער אויפּיוירן... אירע פיס האָבן בלינד געפאָלגט דעם גורל, גע־גאַנגען דאָרטן וווּ זיי וועלן נאָך אַ סך מאָל גיין, ביז אין דער שוואַר־צער הייל וועט אַמאָל נעמען טאָגן... און דערווייל, אָן אַ וואָרט אפּי־לו, האָט זי זיך אַריינגעשטופּט צווישן אַ מחנה קרעכצנדיקע סילועטן, באַלד זיך גענומען שלאָגן אין די בריסטן, בייסן ס׳פלייש ביז בלוט און אַרויסגעשריגן די גאַנצע, אָנגעזאַמלטע פּיין אירע, אַדורכגעפירט מיט דער פולער כוונה דעם ריטואַל פון — „מאַקומבאַ"...

★ ★
★

צוויי מאַמעס

אויף „פראסטע אַנזע", לעבן דער יידישער יאַטקע, ביי די שמאַ־לע טרעפּ, וואָס פירן צו א ברייטן קלויסטער, זיצט איצט חיה־שרה אויף אַ שטיינערנער באַנק, איז אומגעדולדיק פון לאנגן ווארטן אויף איר גוטער פריינדין ביילע־גיטל, וואָס קומט כמעט טעגלעך פון ווייטן „איפּאַנעמאַ", כדי — ווי ביילע־גיטל רופט עס אָן — „צעוויקלען די לאַנגע „מליגות" פון זייערע אָנגעווייטיקטע מאַמעשע הערצער".

איצט איז פּסח־צייט. די שווערע טראָפּישע היץ האָט אביסל נאָכ־געלאָזט. קילע הארבסט — ווינטעלעך בלאָזן שוין פון אויפגעשטור־רעמטן ים, פון די אָפטע רעגנס קוקן די גאָענטע בערג אויס טריב, ווי פאַרוויינט.

חיה־שרה זיצט איינגעקריליעט אין איר אלטפרענקישער שובע. איר לענגלעכער קאָפּ איז ארומגעוויקלט מיט אַ שווארץ־זיידענעם שאַ־ליק. אירע טאָפּלטע ברילן זיינען מיט קילער פארע פארהויכט.

חיה־שרה האלט זיך אין איין חידושן: — אַ ווא — אַ ווא — האָט זיך דאָס היינט ביילע־גיטל פארשפּעטיקט. אַ ווא, אַ ווא — פלו־צים דערפילט זי א לייכטן צופּ ביים אָרבל: — אָ: קרוינעלעך מיינע — שרייט חיה־שרה אוים, עץ זענט מיך גאר באַפאַלן פון הינטן?

ביילע־גיטלס העל, דעליקאַט פּנים קוקט אויס שטאַרק צערו־דערט. אירע גרויע, זילבער־האָר, פריזירט אַלאַ גאַרסאָן, זײַנען אין אומאָרדענונג, צעוואָרפן. מיט באַהערשטן כעס טוט זי אַ שטילן זאָג:

— אַלץ צוליבן „דראַן" דעם שוואַרצן „קוטשערל", וואָס ציט הכנעה־דיק דעם „טשאַפּניק" פאַר מיר, בוקט און נויגט זיך ביז צו דער ערד, נאָר מיטנעמען מיך אין שטאָט אַרײַן — דאָס נישט. ר'האָט נישט — זאָגט ער — קיין „אָרדער" (באַפעל) פונעם סעניאָר אָסקאַר... אַזאַ „ליידאַק", מיטצונעמען דעם באַלעבאָס מאַמע, דאַרף ער האָבן אַן „אָרדער"?.

— חיה־שרה טוט אַ פּייכטן פינטל מיט אירע רויטלעכע קאַליע־אויגן וואָס שפּיגלען אָפּ אין אירע טאָפּלטע ברילן, ווי אַ בליץ פון אַ פאָ־טאָגראַפּישן אַפּאַראַט. טוט דערביי אַ טרוקן הוסטל און שלאָגט איבער ביילע־גיטלען אינמיטן:

— וואַ־זשע איז ער טאַקע שולדיק, דאָס אָרעמע שאַפערל, נע־בעך? איך האַלט, אויב אייערע קינדער זאָגן אים נישט אָן אייך תמיד מיטצונעמען, מוז ער זיי פאָלגן... חיה־שרה האָט דערווייל געמאַכט פּלאַן, ביילע־גיטל זאָל זיך אָוועקזעצן. זי האָט געזען אין ביילע־גיטלס פאַרטרויערטע אויגן עפּעס אַ גליאַיק פייערל, זיך שוין משער געווען, אַז ס'איז גלייכער אָפּצוּוואַרטן ביז די אָנגעפילטע „קוואַלן" וועלן פון זיך אַליין אַ שלאָג טאָן... דעריבער געבליבן זיצן שטיל. זינט זיי ברעפן זיך, האָט טאַקע איצט צום ערשטן מאָל, זיך פּלוצים דערהערט אַ פאַרשטיקט געוויין וואָס איז געקומען פון ביילע־גיטלס פאַרבאָרגענע ביפּעניש... חיה־שרה האָט איר געלאָזט זיך גוט אויסוויינען, און לסוף אַ זאָג געטאָן:

— נענוג! לאָמיר בעסער הערן, וואָס ס'האָט פּאַסירט... דערציילט...

* *
*

חיה־שרה אוןביילע־גיטל האָבן זיך באַקענט אויף אַ שיף, וואָס האָט ביידע יידישע מאַמעס געבראַכט צו זייערע קינדער קיין בראַזיל. צווישן הימל, וואַסער און שאַרכנדיקע ים־כוואַליעס האָבן זיך צעעפנט זייערע אָנגעוויטיקטע הערצער און מ׳האָט זיך גענומען דערציילן.

— געהאַט אַ טייערן מאַן — האָט חיה־שרה גערעדט — אַ פרו־מער ייד, אַ בן־תורה. געהאַט ווילע קינדער, צו גאָט און צו לייט. נאָר מיט פרנסה איז געווען פּאַסקודנע... געפינצטערט יאָרן מיט עסן ״שוואַרצע ראַזשוגע, רעטשינע קליסקעלעך. אין די שבתים ״פּאַפּלתי־קעס״, ״וויסקראַבקעס״ און, יאַקאַש, ״געטשערפּיעט״... ביז ס׳האָט די קינדער גענומען ציען — דעם בכור קיין אַרגענטינע, דעם צווייטן קיין מעקסיקע, דעם מיטלסטן נאָך אויסטראַליע, צוויי קיין בראַזיליע. און ביז מ׳האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט, איז מען געבליבן ״דזשאַד און באַבע״. אינגיכן האָט אויך איר פרומער מאַן גענומען אונטער־קרעכצן:

— נאַדיר אַ שיבוש פאַרן עולם השקר — די אמתע וועלט איז ערשט דאָרטן... איינס און צוויי און ר׳איז אויך אוועק... האָבן די קינדער באַלד גענומען שרייבן: — ״נאָך וואָס באַדאַרפסטו ״פּראַזשיין״ אַ קאַלטן פּריפּעטשיק? היטן די מתים אויפן בית־עולם? קום בעסער צו אונדז — טאַקע אַ טריפהנע מדינה דאָ, אָבער ווער ס׳וויל האַלטן כשר שטעלט מען אים נישט צו קיין ביקס צום קאָפּ...

קיין גרויסע זיבן זאַכן איז נישט געווען צו פאַרפּאַקן: ס׳מעשע־נע חנוכה־לעמפּל, ס׳זילבערנע בשמים־ביקסל, אַ קופּערנער מערזשער, ס׳אייזערנע ראַנדל, אָט דאָס איז די גאַנצע ירושה, וואָס איך פיר צו די קינדער...

ביילע-גיטל, ווידער, וואָס האָט מיט א קלוג שמייכעלע זיך איינ-געהערט אין היה-שרהס געשיכטע, האָט צום סוף א זאָג געטאָן — אויך מיר א טראַגעדיע? — מיט מיינעם זעט איר האָב איך דוקא אָפּגעפינצטערט די בעסטע יאָרן... געווען א „סאַמאָוואָליעץ", דאָ מעק דער נישט, דאָרט שטעל דער נישט, און ס׳מאַמעלע זיינס — פונקט ווי ער: לאָקשן וואַלגערט מען נישט זיצנדיק, און כריין רייבט מען נישט שטייענדיק... צוויי „קאָמאַנדאַטשיקעס" געהאַט... איז מיר באַלד צווישן זיי ענג געוואָרן ס׳לעבן. אזוי לאַנג און אזוי ברייט ביז מ׳איז אוועק צום רב... אז דער הייליקער רבי האָט אָבער פאַר-גנבעט א זייטיקן בליק אויף מיין פאַרשפּיצטן בויך, האָט ער גלייך א דריי געטאָן מיט זיין געהויקערטער נאָז: — „מעוברתע ווייבער גיב איך קיין גט נישט"...

ווען מיין אלטער-לעבן איז געקומען אויף דער וועלט, האָט דער רבי נאָך אַלץ געטענהט: — ניין ס׳א צילם נעבעך, באַדאַרף די בריסטן און אז מ׳גיט די בריסטן, ווייסט מען נישט ווו מ׳האַלט מיט טהרות... בקיצור — עץ קאָנט נאָך דערוויל אהיים גיין...

געזען ס׳איז א מעשה אָן א סוף, האָב איך זיך אָפּגעזונדערט פו-נעם מאַן... און ביז כ׳האָב דערלעבט מען זאָל מיר שוין דערלאַנגען די רויטע פּאַטשיילע מקבל קנין צו זיין, אז איך גיב מחילה, איז מיין קליינער תכשיט שוין געגאַנגען אין חדר אריין...

און וואָס האָב יעך אַלץ נישט געטאָן צו דערציען מיין איינציקן קדיש? געהאַנדלט מיט „ליעזשלקעס", מיט „שאַרע ראַנעטן", פרעמ-דע פּאַדלאָגעס געוואַשן... נאָר ווען ס׳האָט זיך אים באַוויזן דער ער-שטער שפּראָץ אויף זיין שמאָלער גאָמבע, איז אים ענג געוואָרן דער מאַמעס שטובל און — אוועק... חתונה געהאַט, א קינד איז געקומען. אָבער די מאַמע האָט דאָס אַלץ פאַרנומען דורך דער „פּאַפּירענער

בריק"; דאָרטן פאַרמעגלעך געוואָרן, רייך, צולעצט — אַן עושר. שרייבט ער מיר:

— קום זעך דורך מאַמע, וועסט הנאה האָבן... נאָר געדענק, לייטיש אָנגעטאָן... דער עיקר — אין אַ שיינעם קאַפּעלוש...

— „כע־כע, — כע־כע,־כע — האָט זיךביילע־גיטל צעלאַכט אין מיטן דערציילן, — אויסגעהאַרעוועטע הענט, ווייטיקן אין די פיס, אַ שטעכעניש אין די פּלייצעס און אַ קאַפּעלוש אויפן קאָפּ... און דער עיקר, ווו זאָל איך ביי אונדז נעמען אַ קאַפּעלוש? אַז אין גאַנצן שטעטל איז נישט געווען מער ווי איין שטרויענער קאַפּעלוש. סיי זו־מער, סיי ווינטער, אַז אַ מיידל האָט זיך געדאַרפט זען מיט אַ חתן, האָט איינע ביי דער אַנדערער אויסגעבאָרגט דעם קאַפּעלוש... בין איך טאַקע עקסטרע געפאָרן קיין לובלין איינגעהאַנדלט עפּעס אַ סאַ־מעטענע יאַרמולקע, וואָס קוקט אויס, ווי אַ פּלאַטשיקע „פּאַטעלניע" און אָט פאָר איך קיין בראַזיל"...

* *
*

אין אַ טראַפּיש - הייסן זומער־טאָג זיינען ביידע מאַמעס אַראָפּ פון שיף. היה־שרה, אין אַ סאַטינדעליאָנע קלייד מיט געקרעפּטע קריי־זשעס, קאַרבירטן שייטל און פאַרפלאַמטן פנים, האָט אויסגעקוקט, גלייך זי וואָלט נאָר וואָס געקומען פון שבתדיקן דאַווענען. ס'האָבן זי באַלד אַרומגערינגלט אירע צוויי הויכע פעסט־געבויטע זין מיט זייע־רע באַחנטע, פּשוטע יידישע ווייבלעך. אַ האַלב טוץ איייניקלעך אַלע האָבן זיך צוגעטוליעט:

— באבע! שוויגער! מאמע! — האָבן אַלע צוזאַמען זיך גע־פרייט מיטן גאַסט, געקושט, געהאַלדזט, געטומלט, נישט ערגער, ווי אין דער אַלטער היים.

געלאַסן, מיט געמאָסטענע טריטעלעך, איז אויך צו ביילע־גיטלען צוגעקומען אַן אויסגעפּראַנטעוועטער מאַן, פון מיטעלן וווּקס, אין אַן עכטן פּאַנאַמאַ־הוט, גאָלדענע זונברילן אויף בלויע אויגן, זיך דזשענ־טעלמעניש פאַרנויגט און שטיל אויסגערופן: האַלאָ מאַמאַ! נו וואָס, דערקענסט מיך טאַקע נישט מאַמאַי?...

— אָ! — האָט ביילע־גיטל אַזש אויפגעציטערט — דאָס ביסטו, אַלטער־לעבן? — באמת „נישט דערקענט".

ביילע־גיטל האָט זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן אויף זיין האַלדז, וויינען, לאַכן, שרייען, קוויטשען, אָבער זיין שטייפע, אָנגעצויגענע האַלטונג האָט זי אַביסל אָפּגעקילט...

סעניאָר אָסקאַר האָט זיין מוטער אַ גאַלאַנטן קוש געטאָן און גלייך אין אומצופרידענעם בליק געוואָרפן אויף איר צו־פּליטקע קאַפּעלוש... איר אַ ווייז געטאָן אויף אַ גלאַנצנדיקן אויטאָמאָביל, וואָס האָט שטאַרק געבלישטשעט פון וויטנס: — דאָרטן וואַרטן פּעפּיניו און זשאָרזשיניו — האָט ער אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער אויף וועלכן ס׳האָט געבלים־קעט אַ גרויסער בריליאַנט...

— וואָס־זשע — האָט ביילע־גיטל אַ פרעג געטאָן מיט אַ קלוג געלעכטערל — זיי האָבן נישט קא „פּאַסירשיין" אויסצושטייגן?...

סעניאָר אָסקאַר האָט איר קודם געבעטן אויסטאָן די „פּלאַטשי־קע פּאַטעלניע", אָפּגעשטויבט איר צעקנייטשטע קלייד און געלאָזן זי צוגעפּיצט צום וואָגן, ווו א שוואַרצער שאָפער האָט מיט גרויס דרך־ארץ אויפגעמאַכט די ברייטע טיר.

די צעשטראַלטע זון האָט א פּלייץ געטאָן מיט צעגאָסענעם זיל־בער, העל באַלויכטן אַ דיקע יידענע אין א בלויען הוט מיט ווייסע פעדערן: — האָלאַ שוויגער, „ענטרע" (קומט אריין) — האָט דאָנאַ פּעפּאַ מיט א דין שטימעלע פאַרבעטןביילע־גיטלען איינצושטייגן. — האָלאַ וואָווא — האָט אויך דער קליינער זשאָרזשיניו, צערעמאָניאַל, געקושט ביילע־גיטלען אין דער האַנט...

ביילע־גיטל האָט זיך דערפילט אביסל אומהיימלעך: — אזוי גאָר? — האָט זי שטיל אין זיך א טראַכט געטאָן — אויב רייך, הייסט עס, אז טאָקע פּריצים? — און אין גערדאַנק שוין מקנא געווען חיה־שרהן...

אין דער רחבותדיקער געגנט פון „לעבלאָן" ביי א וואונדערלעכער איינגעשטאָקיקער געביידע, ארומגעצוימט מיט אַ געדיכט־באַבלומטן גאָרטן, איז פון דאָרטן צוערשט אַקעגנגעשפּרונגען דער הויכער הונט באַליעק און מקבל־פּנים געווען ביילע־גיטלען מיט אזא אויסטערלישער געבילעריי, אז ס'האַרץ איז איר אזש פאַרצאַפּלט געוואָרן: — אַ פּו־דזשאָץ! — האָט זי זיך געגומען ציטערדיק אָפּיאָגן פונעם כלב — ווי איז צו מיר, א פודזשאָץ, פּשאַ קרעוו! — און אַ טראַכט געטאָן: — זעין נאָר דעם שיינעם סקאָצל קומט...

ווען מ'איז אריין אין צעבליטן גאָרטן, האָט די טראָפּישע זון שוין געפּאַרבט די ביימער־שפּיצן מיט ראָזע קאָלירן. די ווייסע נעלקן האָבן

זיך שוין גענומען איינוויקלען פארן שלאָף, און די ליליא-אנזשעליקאס האָבן פאַרשיכורט מיט זייערע זיסע ריחות.

אז ביילע-גיטל האָט דערזען אינמיטן פון שמעקנדיקן גאָרטן א פּאַלאַץ פון מירמלשטיין, האָט זי גענומען גיין אזוי פאַרזיכטיק, ווי אויף גלאָז... ס'האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אז אָט-אָט וועט זי זיך אויסגליטשן און אַוועקפאַלן...

אין גרויסן אויפנאַם-סאַלאָן האָבן שווערע בראָנדז-פיגורן גע־דרעמלט אויף הויכע קאָלומנעס. קאַסטבאַרע אייל-בילדער זיינען גע־האָנגען אזוי געדיכט, כמעט איינס אויפן אנדערן...

— נו, מאַמע, וואָס ביסטו אזוי צעטומלט? מאַך זיך היימיש, מאַמע. — האָט סעניאָר אָסקאַר איר געוועקט פון צעטומלעניש.

— כ'זאָל אזוי וויסן פון א בייז אויג ווי כ'ווייס באמת נישט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר — האָט ביילע-גיטל געהויבן די דאַרע פּליי־צעס, צוגעשאָקלט מיטן גרויען קאָפּ און געהאַלטן אין איין שטוינען: -- אזא רחבות... אזא עשירות — ראָטשילד...

יעדער ווײַלע האָט דאָנאַ פּעפּאַ א קלונג געטאָן מיטן גלאָק. אַלע־מאָל האָט זיך באַוויזן אַן אנדער שיקסל, אויסגעהערט מיט הכנעה די באַפעלן און פאַרשוווּנדן געוואָרן.

פון קליינעם זשאָרזשיניוס צימער האָבן זיך געטראָגן גרויסע קו־לות: — דאָס קינד וויל נעבעך נישט אראָפּשלינגען קיין ביסן — האָט דאָנאַ פּעפּאַ אויפגעקלערט די געשרייען פון זשאָרזשיניו: — מען מוז אים תמיד שטאָפּן, אנדערש וויל ער נישט עסן... און ביילע-גיטל, מיט

דער חכמה פון אַ סך שווערע, איבערגעלעבטע יאָרן, האָט שטיל שמייכלענדיק אַריינגעוואָרפן:

— כ׳געדענק גאָרנישט ביי אַלטער לעבן קיין שלעכטן אַפּעטיט... פאַרקערט, ס׳רוב איז גאָרנישט געווען מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער...

נאָך דער זאַטער וועטשערע, האָט מען דער מאַמען גענומען וויזן דאָס גאַנצע, גרויסע הויז: אין אונטן מיט אין אויבן... געשניצטע לוקסוס מעבלען, פּערסישע טעפּיכער, די שווערע זילבער־כלים, וואָס זיינען געווען אַזוי געפּאַקט, אַז די ברייטע שופלאַדן האָבן אַזש אונטערגעקרעכצט... און לסוף — אויך געפירט איר וויזן דעם גרויסן גאָרטן, דעם געפלאַסטערטן הויף און אויך דעם הונטס אויסגעפּוצטע שטיבעלע, וואָס האָט אַ נידעריקן דיוואַן מיט באַזונדער עס־געשיר און אפילו אַ קליין באָד־צימערל איז אויך דאָ... ביילע־גיטל האָט ווינציק גערעדט, אויף אַלץ געקוקט מטושטש, ווי אין חלום, נאָר לסוף אַ שטילן פרעג געטון: — וואָס האָסטו אַזוינס געטון אַלטער־לעבן, כדי זיך דאָס אַלץ צו „דעראָביען?"...

— וואָס האָב איך נישט געטון? — האָט סעניאָר אַסקאַר פאַרטראַכטערהייט צוריקגעפרעגט און גלייך צוגעגעבן: — געקלאַפּט אין בראַזיליאַנער טירן, געטשאַפּעט אויף גליענדיקע בערג, געשלאָפן אין „הילפּס־פאַריין", געגעסן רייז מיט שוואַרצע פאַסאָליעס, געלעגן ניין אײלן טיף אין דער ערד... ביז... ביז... נו, מאַמע, ס׳אַ צו לאַנגע מעשה...

דורכן הונטס קליינעם פענצטערל האָט מען געזען דעם גרויסן הימל, געהערט דאָס קוואַקען פון קליינע זשאַבעלעך, און דאָס הילכן פון בראַזיליאַנער „קאַרנאַוואַלעסקאַ"...

דאָנאַ פּעפּאַ האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, דיסקרעט אַ בליק געטון אויף איר ברילִיאַנטענעם האַנט-זייגערל און שטיל אויס-גערופן:

— ס'איז שפּעט, מען דאַרף דער שוויגער פירן שלאָפן...

אין ביילע-גיטלס האַרץ האָט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסן...

— מיך פירן? — האָט זי מיט אַ צעשראָקן קול און מיט אַ פאַרבאָר-גענעם אומרו געפרעגט — וואָס עפּעס פירן? ס'איז דען אַזוי ווייט מיין געלעגער?"...

סעניאָר אָסקאַר האָט זיך געגעבן אַ גיכן צעקנעפּל דעם קאָל-נער... דערפילט אַ שטאַרקע היץ, געוואָלט קלאָר מאַכן... אָבער דאָנאַ פּעפּאַ האָט אויסגעכאַפּט: — ווייט? ווער זאָגט עס, אַז ווייט? — אָט, דאָ-אָ באַלד, אויף דער צווייטער גאַס... סעניאָר אָסקאַר האָט דערווייל צוריק באַקומען ס'לשון: — דו, מאַמע — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַביסל אַ געדעמפּטער שטימע — האָסט דאָך ליב רואיק, שטיל, אָן רעש, אָן טומל, זאָלסט קאָנען דאַוונען... עסן כשר און...

פון ביילע-גיטלס האַלדז האָט זיך פּלוצים גענומען אַרויסרייסן אַ דריבנע געלעכטערל, אַזאַ שפּיציקס, אַ פּייכטס... — אָבער מאַמע! האָט איר סעניאָר אָסקאַר איבערגעשלאָגן, — ס'איז דאָך נאָר פאַר-שטייסט, דיר צוליב... ביילע-גיטל האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער און אָט אַזוי לאַכנדיק, האָט זי מיט איין האַנט פאַר-שטעלט איר זונס מויל, און מיט דער צווייטער געווישט די „לאַכנדי-קע" טרערן:

— נו, גוט, נו גוט, נעם זיך נישט צום הארצן... אבי — אַל־מער־לעבן... — נאָר ביי יידישע מענטשן, איז... פּטור און עסק...

דער צעוואקסענער הונט באַליעק האָט זיך פּלוצים א וואָרף געטון אויף זיין נידעריקן דיוואַן... אויסגעשטשירעט זיינע שפּיציקע ציין און זיך ווילד צעהאַוקעט גלאָט אין דער וועלט אריין.ביילע־גיטל האָט אויפגעצאַפּלט, געוואָרפן אַ קנאַהדיקן בליק אויפן הונטס ציכטיקן שטיבעלע... א פּוץ געטון איר צעקנאָדערט קליידל און נאָכאַמאָל אי־בערגעחזרט:

— גוט, גוט, סאַ נפקא־מינה וווּ מ׳שלאָפט? — כ׳וועל שוין מסתמא דאָרטן געפינען מיינס גלייכן?...

*   *

*

אז ביילע־גיטל איז שוין געלעגן אויף איר ניי געלעגער, האָבן זיך ערשט גענומען אויסדעמפן די אויסטערלישע איינדרוקן פון איר ערשטן טאָג אין בראַזיל. אירע געפּרעסטע געפילן, זינט זי איז אראָפּ פון שיף, זיך באַמיט צו דערשטיקן, אין שטראָמען שטילע טרערן זיי אויפצולייזן...

א פולע לבנה, קיילעכדיק, ווי א גרויסער זילבערנער מעדאַליאָן, איז טרויעריק געהאַנגען פונקט קעגנאיבער איר פענצטער, געקוקט איר ממש אין די אויגן אריין און ווי עפּעס באַרואיקט, געטרייסט: אַ מאַמע טאָרנישט ווערן אין כעס... אַ מאַמע דאַרף פאַרשטיין... מוחל זיין...

לאַנג האָט זיך ביילע־גיטל געוואָרפן אויפן פרעמדן געלעגער, שטיל געקרעכצט, געהערט ווי די פאַרעלטערטע מאַטראַצן קרעכצן מיט, און ווען ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אז די פולע לבנה נעמט זיך דערנענטערן צו איר פענצטער, אזוי נאָענט ממש מיט די הענט צו דערלאַנגען, דערזעט זי גאָר פּלוצים, אז ס׳איז נישט די לבנה, נאָר דער הונט, באַליעק, ער שטשירעט אויף איר זיינע לאַנגע ציין, ברומט

ווי א לייב, רייסט פון איר די קאָלדרע און וויל זי גאָר איינגאַנצן איינ־שלינגען...

א באַגאַפּטענע מיט שוויים האָט זיך ביילע־גיטל אויפגעכאַפּט פון קאָשמאַרנעם דרימל געזען די לבנה איינגעדישעט אין א שוואַרצן וואָלקן. פון טונקעלן הימל האָט זיך דריבנע געזיפּט א שיטער רעגנדל:

— א מזל פון א כּלב — האָט ביילע־גיטל גערעדט אין דער טי־פער נאַכט אריין — אזא טריפהנע הצלחה צו האָבן... כאָליעט נגי־דיש ביי מיינע קינדער אין פּאַלאַץ און בילט נאָך אויף דער מאַמען?... פּשאַ קרעוו"!...

* *
*

ווען ביילע־גיטל האָט זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט איר שוין־שוועסטער חיה־שרה, איז יענערס צעצויגן פּנים שוין געווען אוים־געגלעט, ווי מיט א וואַלגער־האָלץ. אויך אירע שווערע „טשיזמעס" זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף לייכטע לעטשעלעך. היינט זי אליין — לוסטיק און פריילעך, א כאַפּ געטאָן ביילע־גיטלען אונטערן אָרעם:
— קרווינעלעך מיינע, פאַרוואָס זענט עץ אזוי סמוטנע? אייערע קינ־דער שמן דאָך פאַר גבירים־אדירים... ווי לעבט זיך אייך טאַקע ביי אזעלכע רייכע קינדער? האַ?

אויף דער „פּראָסטע אָנזע", ווו חיה־שרה האָט געוווינט זיינען יידן געזעסן אין די טומלדיקע קאַפּעען און געטאַשט די „קליענטעלע־קאַרטאָנדלעך". — ווער ס'האָט געדימט די גוטע קונים און ווער גע־

שאַלטן די וויסטע „משוועקעס״... אזביילע-גיטל מיט איר גע־טאַקטן גאַנג און ווירדיקן אויסזען האָט זיך באַוויזן, איז עולם ארוים פאַר דער טיר: — אָט איז דעם גבירס-מאַמע, אַ „סטאַטעטשנער״ מענטש... יידישע ווייבלעך האָבן אראָפּגעקוקט פון די פענצטער, זיך איבערגעוואָרפן מיט מיינונגען: — אַ שיינע, נאָר אַ טרויעריקע — אַ זגראַבנע, ווי געבוירן פאַר אַ פריצה׳טה.

ביילע-גילט מיט איר ספּעציפיש שמייכעלע האָט דערווייל גע־ענטפערט חיה-שרהן: — ס׳גייט מיר זייער גוט... ווי דער שטייגער האָט זי לאַקאָניש צוגעגעבן — ביי רייכע קינדער...

— און מיר גייט אויך זייער גוט — האָט חיה-שרה זיך גענו־מען ארויסשטעלן — פאַרקערט, עס גייט מיר גאָר גוט... מיינע זין גייען נישט אוועק פריער ביז מ׳זאָגט נישט אַ גוט מאָרגן דער מאַ־מען... און מיין שנור — דעם ערשטן טעלער לאָקשן דערלאַנגט זי דער שוויגער... אויך די אייניקלעך קלעפּן זיך צו מיין קלייד. טרעטן נישט אָפּ פון מיר נאָר פאַרשטייען, נעבעך נישט, וואָס איך רעד צו זיי... באַלאַגאַטשען אַ לשון וואָס דרילעוועט אביסל, אין קאָפּ, יאָ קרוינעלעך מיינע — די גרויסע פאַרשטייען דאָ נישט וואָס די קליינע בועון ריידן... אַ וועלט אביסל און אָט איז מיין שטוב — עפנט חיה־שרה די טיר צו אַן אלטפרענקיש הויז, מיט אַ סך קליינע שמאָלע פענצטערלעך: — קוקט נאָר, טייערע, אַלץ האָבן זיי מיר צוגעגרייט — רעדט חיה-שרה צעשטראַלט פון נחת — זעט, אַ ליכטיק צימער, היימישע קישנס, נייע טעלערס מיט טעפּלעך... טאָמער גלויב איך נישט אין זייער כשרות קאָך איך מיר טאָקע באַזונדער...

אין ביילע-גיטלס העלע אויגן האָט געשפּיזט אַ פייכט גלאַנצל. מיט באַהערשטער רואיקייט און כלומרשטן געלעכטערל האָט זי אַ פרעג געטון:

— און קיין הינט האָבן נישט ענקערע קינדער?...

— הינט? — האָט חיה־שרה ערנסט איבערגעפּרעגט, גאָיט שוין גאָיט — מיינע קינדער זיינען פּשוטע „קלאַפּערס”, טשאַפּען געבעך אין די גליענדיקסטע טעג אויף די ליימיקע בערג, באָדן זיך אין טייכן שוויים און, מ׳לעבט יאַקאָש... אָבער הינט? — ווו וועלן זיי האַלטן הינט? — אַכיבע אונטערן בעט — האָט חיה־שרה פאַרענדיקט מיט א געלעכטערל.

ביילע־גיטל האָט דערפילט, אז זי וועט זיך סוף־כל־סוף צעכליפּען אויפן קול... האָט זי מיט אָנשטרענגונג א שטילן זאָג געטאָן: נו, כ׳וועל שוין גיין, ווייל ס׳וועט באַלד שווער זיין צו קריגן אפילו א שטיי־פּלאַץ אינעם אָנגעפּילטן טראַמוויי”...

אין חיה־שרהס ליכטיקן צימער איז די זון שוין געלעגן אריבער־געבויגן איבערן פענצטער, גלייך זי וואָלט זיך באמיט צו כאַפּן נאָך א לעצטן קוק אויף דער פריילעכער שטוב...

— צו מיינע שונאימס קעפּ! — האָט חיה־שרה אויסגעשריען — א טראַמוויי גאָר? און ווער? דעם גרויסן נגידס מאַמע? — אייער זון קאָן נישט אהערשיקן זיין שאָפער מיטן סאַמאָכאָד? — איז חיה־שרה שטאַרק אין כעס געוואָרן... אָבער ביילע־גיטל האָט אירע ווערטער געזיפצט צווישן די ציין, ווי זי וואָלט זיי פריער געוואָלט גוט אהורכלייטערן, האַמעווען, זיי זאָלן נישט ארוים צו שאַרף:

— מיין אַלטער לעבן — האָט זי גענומען פאַרטיידיקן — איז, געבעך שטענדיק שווער פאַרהאָרעוועט... א קלייניקייט אזא עול אויפן קאָפּ... וואָס־זשע דאַרף איך אים נאָך דערקוטשען?...

חיה־שרה האָט אַ טראַכט געטון: — זי פאַרעדט מיר די ציין... בילא נו, זאָל איר ווייל באַקומען... אויךביילע־גיטל האָט בעתן אהיים פאָרן אַ קלער געטון: — אפשר באַהאַלט חיה־שרה אויך דעם אמת? ווער ווייס?... אָט אזוי האָבן זיי זיך ביידע גענאַרט און גע־נומען טרעפן כמעט טעגלעך, זיך אויסדערציילט, וואָס אונטערן האַרץ, נאָר דעם סאַמע עיקר פון ביילע־גיטלס אנטוישונגען, דאָס האָט תמיד פאַרשוויגן... ביז... ביז זייער לעצטער טרעפונג...

* *
*

— רעדט ביילע גיטלשע, עפנט אייער האַרץ, כ׳וועל אייך נישט אָפּלאָזן פריער ביז איר וועט רעדן — האָט חיה־שרה געהאַלטן אין איין צושטיין צו ביילע־גיטלען, וואָס איז אַלץ געזעסן, ווי פאַרשטיי־נערט. אירע העלע אויגן האָבן געקוקט אין דער ווייטקייט, צוגע־שאָקלט מיטן אַרומגעהילטן קאָפּ, אירע שמאָלע פּלייצעס האָבן זיך ביטגעשאָקלט:

— נו? — איז חיה־שרה נישט אָפּגעשטאַנען — לאָמיר שוין הערן, רעדט, ס׳וועט אייך גרינגער ווערן...

פון נאָענטן בית־המדרש, — ווו אַ פּאָר פרומע יידן דאַווענען יעדן אָוונט מנחה, — האָבן זיך איצטער געהערט זייערע שטילע תפי־לות. פון ברייטן קלויסטער האָט זיך געטראָגן דאָס פרומע געזאַנג פון „אַווע־מאַריאַ". אויפן פאַרכמאַרעטן הימל האָט פּלוצים אויפגעלויכטן אַן איינציקער שטערן.

ביילע־גיטל האָט אַ ציטער געטון, גלייך זי וואָלט דערוואַכט פון עפּעס אַ שלעכטן חלום, אַ רעזיגנירטן מאַך געטון מיט דער האַנט און

ארויסגערעדט, ווי פון שלאף: — גרינגער ווערן? וועמען? — מיר?... מילא, נו — געטון א לעך־אן איר פארוויינטע פנים אויף חיה־שרהס ברייטן אקסל, און זיינע זיי טרעפן זיך, דאס ערשטע מאל היינט זיך צעקליפעט אויפן קול... ארייננגעהעשעט אין חיה־שרהס האלדז, זיי פאר אן אייגענער שוועסטער, גענומען אויסגיסן אירע פארשטיקטע, אנגעזאמלטע ביטערקייטן...

— כ׳קען נישט מער — איזביילע־גיטלס שטימע געווארן אביסל הייזעריקער, — כ׳האב געוואסט — האט זי אנגעהויבן — אז מיין איי־ניקל זלמן לעבן יערט זיך אליאדע טאג, געהערט, אז מען גרייט א גרויסן יום־טוב, געזען פון ווייטנס, מען פוצט די פענצטער, מען רוימט דעם גארטן... נו, בין איך דאך א באבע, האב איך אין דער שטיל זיך אויך געגרייט... א ניי קליידל, נייע שיך, א שווארץ טעשל... ווייל וואס אמת איז אמת, אלטער־לעבן זשאלעוועט מיר נישט קיין געלט... אבער — ביילע־גיטל האט זיך ווידער צעקלי־פעט — צו וואס באדארף איך זייער געלט, אז ס׳איז נישטא קיין פיצל הארץ? אז דאס „גאלדענע קאלב" האט דאך זיי פארטשאדעט די מוחות? בלינד און טויב געמאכט, פארגעסן אין כיבוד־אם — האט ביילע־גיטל אזש אויסגעשריען. — איך גיי היינט ארויס — האט זי ווידער אנגעהויבן — זע איך, א גאנצע שערענגע אויטאמאבילן ציען זיך ביז צו זייער שטוב... גאטעניו! האב איך אזש א ציטער גע־טון — היינט? היינט איז זלמעלעס יום־טוב? און מיר אפילו נישט צו וויסן געטון?... — גיי איך אליין אהין, כ׳בין גרייט זיי דורס צו זיין, קומט מיר באלד אנטקעגן די שנור: — „שוויגער־לעבן — הויבט זי גלייך אן מיט איר דין שטימעלע, וואס פאסט גאר נישט פאר אזא ברייטן גוף — „ס׳וועלן זיין גרויסע סוחרים, פאבריקאנטן, אינדוס־טריאלן, זיי פארשטייען נישט א ווארט יידיש... נאך וואס זאלט איר דארפן זיצן ווי א שטומע? — ס׳איז דאך גלייכער איר זאלט...—

כ׳האָב זי נישט געלאָזט מער פאַרענדיקן, געוווסט, אז וואָס זי וועט אויסרעדן, וועט זיין אַ זינד... האָב איר זי בלויז טיף אַנגעקוקט זייך באַהערשט נישט צו חלושן, און בין אוועק אָן א וואָרט... געשטעלט זיך קוקן פונוויטנס אויף מיין אייניקלס שמחה און געבעטן ביי זיין ליבן נאָמען: שטראָף זיי נישט, — גאָטעניו, — פאַר דער פאַרבלענ־דעניש פון עשירות... ס׳זיינען דאָך מיינע קינדער... כאָטש אין הארץ טוט וויי... אזוי שטאַרק ווי... — און איר הערט חיה־שרה -- אזעלכע זינד זעצן זיך דאָך אָפּ ביים מענטשן אין הארץ, בלייבן דאָרטן פאַרבאָרגן לאַנג... אָבער אין א טאָג, ווען איין „שרייפּעלע״ טוט זיך נאָר א דריי אויף צוריק... דעמאָלט שטייען זיי אויף די זינד, ווי משחיתים... און פייניקן... פייניקן...

— איך שטיי פונוויטנס, באַווייזט זיך זייער שוואַרץ שאַפּערל מיטן גלאַנציקן שפּאַציר־אויטאָ. קוקט ער מיך שטאַרק אָן... גלייך ער וואָלט מיך נישט דערקענט. — נעמסט מיך מיט אין שטאָט אריין? ... — פרעג איך מיט געבעט, דרייט ער אוועק דעם קאָפּ און ענטפערט וואָרטשענדיק... — איך האָב נישט קיין „אָרדער״ * — אוודאי געהאַט אַן אָרדער צו פאָרן ברענגען עפּעס א „שטראַנצל״ אויף דער שמחה, וואָס רעדט נישט קיין יידיש... איי געלט! ס׳מאַכט טויב, בלינד, שטום... איר געדענקט, חיה־שרהשי, ביי אונדז א באַ־בע איז געווען אַ צירונג, אויף יעדער שמחה געזעסן אויבנאָן... אָבער דאָ — ווי דער האָר האַלט דאָס הינטל, אזוי דאָס גאַנצע געזינדל... א סימן האָט איר, זייער פאַרשיוועער הונט: איינער גלעט אים, א צוויי־טער וואַשט אים, דאָס אייניקל קושט אים, אָבער פאַר דער מאַמען האָט אפילו דאָס שוואַרצע שאָפערל קיין דרך־ארץ נישט...

---

*) אָ ר ד ע ר — ב אַ פ ע ל

היה־שרה, וואָס האָט אַליין זיך אויך צעכליפּעט, האָט ביילע־גיטלען אַרומגענומען מיט ביידע הענט, געקוקט אויף איר מיט גרויס אַפּשיי, ווי מען קוקט אויף עפּעס אַ הייליקער, זיך שטיל געווישט די טרערן און לסוף, אָפּגעזיפּצט מיט עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם לויב צו זיין ליבן נאָמען... אַ לויב און אַ שבח פאַר די גרויסע חסדים, וואָס ער טוט דאָ מיט איר... און ביילע־גיטל האָט געפילט, אַז אַלע טויערן פון צדק, פון גערעכטיקייט וועלן זיך דעמאָלט עפענען פאַר איר, ווען זי וועט אויסגיסן דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס האָט זיך אין איר אָנגעזאַמלט... זי האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף די קני, זיך צוגעשאָקלט ווי ביים לייענען דאָס טייטש חומש און גערעדט שוין ווי צו זיך אַליין: — אָפּגעפינצטערט אַ לעבן, אַוועקגעגעבן עס דעם איינציקן קדיש... אַרויסגעקוקט אויף דעם איינציקן ליכטיקן שטראַל... געמיינט מ׳וועט מיך האַלטן אין כבוד, ווי אין דער היים אַ מאַמע... איז מען דאָך אָבער געוואָרן רייך... פּריצים... נו, באַדאַרף איך זיך פריער איינמעלדן ביים שוואַרצן נעגערל. איידער איך באַטרעט זייער שוועל... קום איך אין גאָרטן, באַפאַלט מיך תמיד דער הונט... אָ, דער הונט, היה־שרהשי, דער הונט! ער וועט יאָ זיין אויף מיין אייניקלס געבוירנטאָג... און די שנור איז דען בעסער? טוט פון ווייטנס אַ מאַך מיט דער האַנט: אַנטשולדיקט שוויגער, כ׳גיי צו אַ „דעספּי־ליאַדע מאַדאַם״... (קליידער־אויסשטעלונג)... און אַלטער־לעבן האָט שטענדיק אַ „רעאוניאָן״ (פאַרזאַמלונג)... זוכן כבוד... בלויז פאַרן ביסעלע כבוד־אַם איז נישטאָ קיין צייט... קושן מיר די האַנט, קושן אין שטערן... טשוטשעלע־מוטשעלע, פּונקט ווי אין די „אילו־זיאָנען״... בלויז אויף צו פאַרבלענדן די אויגן. ווער באַדאַרף עס? גיט מיר בעסער אַ פּיצעלע הערץ, אַן אייגן ווינקעלע אין אייערע פּאַלאַצן... די רעשט איז אָנשטעל, טריאַטער... נעכאַי וואָלטן זיי בעסער געמאַכט אַ יידישע „שקאָלע״, מיין זלמעלע זאָל כאָטש פאַרשטיין, וואָס די באָבע רעדט צו אים... —

ביילע־גיטל האָט אויסגעגלייכט איר צעקנאָדערטע בלוזקע אָפּ־געווישט אינגאנצן דאָס פאַרוויינטע פּנים און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— נאָך אַלעם, אפשר וואָלטן מיר אויף זייער פּלאַן, אויף אַזוי געוועזן? ווארום עס האָט דען אַ שיעור צו דעם ווילדן כוח, וואָס עס ליגט אין דער נאַרישער פאַרבלענדעניש פון גרויס עשירות?... כ'געדענק מיין אַלטער־לעבן איז אין דער היים גאַר געוועזן אַ... ווי האָט מען עס דעמאָלט גערופן — „אַ ציצעליסט" — און דאָ? — כ'דער־קען אים נישט מער...

— אָבער, געדענקסט, חיה־שרהשי — האָט איר ביילע־גיטל דער־לאַנגט אַ ציטערדיקע האַנט — געדענקסט, זאָל עס בלייבן צווישן אונדז ביידע...

— גייט געזונטערהייט — האָט חיה־שרה ווארעם ארומגענומען ביילע־גיטלען, איר אויסגעקושט די פאַרוויינטע אויגן און גענומען גיך אַוועק גיין ווי זי וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון דעם שלעכטס, וואָס קאָן נאָך — חלילה — זי אויך טרעפן... — זייט זיך נישט מצער — האָט זי איר פונווייטנס נאָכגעשריען — גאָט איז אַ פאָטער...

מיט אַ פאַרבאָרגענעם ציטער אין האַרץ און אַ שטילער פרייד אין די אויגן, איז חיה־שרה גיך אריין צו זיך אין שטוב, געזען ווי אירע קינדער זיצן שוין ארום טיש און ווארטן נאָר אויף איר מיטן עסן... האָט זי אָפּגעגעבן אַ דאנק און אַ לויב צו זיין ליבן נאָמען פאַרן גרויסן זכות אבות, וואָס טוט איר דאָ ביישטיין...

★ ★
★

חשבון־הנפש

ס'איז פיר אזייגער פארטאָג.

דורך א ברייטן פענצטער פון אַ צוואנציק־שטאָקיקן אַפּארטאַ־מענט־הויז, קוקט סעניאָר פּעדראָ צו די פארנעפּלטע בערג, וואָס זיי־נען איצטער אין געדיכטע וואָלקנס, ווי אין גרויע ליילעכער איינגע־הילט. זיינע פארטרויערטע אויגן שטעלן זיך צומאָל אָפּ אויף די שאָרכנדיקע ים־כוואַליעס, וואָס זעגן זיך פונוויטנס און וואָס קאָלערן זיך און יאָגן זיך נאָך עפּעס אין דער וועלט אריין...

דאָס דאָזיקע יאָגעניש פון די כוואַליעס דערמאָנען סעניאָר פּעדראָן אין יענעם ראָזן קאַיאר, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דעם בראַזיליאַנער באָדן באַטראָטן. ס'איז אויך געווען אזא אויפגייענדי־קער, פארנעפּלטער פרימאָרגן. דער בלויער ים האָט אויך אזוי גע־רוישט, געיאָגט זיך — פונקט ווי ער — נאָך דעמאָלט אַ יונגערמאַנ־טשיק, וואָס האָט זיך גערופן שלום־פּנחס און אויך געיאָגט זיך נאָך עפּעס אין דער וועלט אריין...

סעניאָר פּעדראָ דערמאָנט זיך, ווי עפּעס אַן אָפּגעכוימערט מענטשל מיט בלויע ברילן, האָט נייגעריק געקוקט אויף זיין גויאישער

„מאטשעיובקע", לאנג זיך געישובט: יאָ א ייד — נישט אַ ייד? און לסוף אים אָפּגעשטעקט א קילן שלום עליכם:

— „כ'בין פון „הילפּס־פאריין" — האָט ער שטיל ארויסגע־זאָגט — געקומען מקבל־פּנים זיין יידן... און איר זענט דאָכט מיר אויך א...? נו, קומט־זשע צונינץ, עטיץ קריגן אַ שטיקל געלעגער, אַ קאַפּ „שיטערם", א טראַפּעלע „דריוונעס" עטיץ שפּעטער קענען געבן א פּלייצע"...

סעניאָר פּעדראָ טוט א וויש די טריבע אויגן, דרייט זיך אַוועק פון פענצטער און שלייכט ארוים אין זיינע ווייכע שטעק־שיך אויף דער ברייטער ווּאראנדע. פון דאָרטן זעט ער די ליימיקע בערג ווו עס זיינען איינגענעגלט געהויקערטע שטיבעלעך מיט לעכער, אנשטאָט פענצטער. די דאָזיקע שטיבעלעך דערמאָנען אים אין זיינע ערשטע אכסניות... פון דאָרטן פלעגט ער אין אָנהויב קוקן פון אונטן ארויף... וואָכן און חדשים זיך געשליאָנדערט מיטן פּעקל שקאַרפּעטן, קראַ־וואַטן, באַרג ארויף, באַרג אראָפּ, אָנגעקלאַפּט אין אלע טירן, אין כלערליי לשונות אויסגעפּרוּווט דאָס מזל און — גלייך אלע וואָלטן זיך דעמאָלט אָפּגעשמועסט צו געבן אים איין תשובה:

— „נאָן פּרעסיזאָ נאַדאַ"...

און שלום־פּנחס פלעגט צוריק וואָרטשען: — „נאָן פּרעסיזאָ נאַדאַ" — און אין דער שטיל זיך געפּרעגט: — פון וואַנען זיינען דאָ אויסגעוואַקסן אזעלכע גרויסע יידישע שניט־קראַמען? און פון ווו, אזא ברייטע יידישע פאַבריקאַציע? אז מ'קריגט גאָר מאָזאָליעס פון בהינומדיקן קלאַפּן? — אז „נאָן פּרעסיזאָ נאַדאַ"?... (זיי באַדאַרפן גאָרנישט).

וואָכן און חדשים האָט שלום־פּנחס דעמאָלט געטשאָפּעט אויף די ליימיקע בערג, אין א פּאָר היימישע בּאָרלאַטשן, אָן אָפּגעטראָגן רעקל, געזוכט עפּעס א פּאַרטל, וואָס זאָל אים מיט א מאָל א הויב טאָן צו די מאַרמאָרנע וואָראַנדעס... ס'האָרץ זיינס האָט פלוצים גע־נומען לעכצן צו די הויכע אַפּאַרטאַמענטן: דער קלוגער קאָפּ האָט געזוכט די וועגן... און זוכנדיק, דערוויל פאַרגעסן, אַז קיין בראַזיל־יע איז ער גאָר געקומען וועגן אַן אַנדערן ציל... פאַרגעסן אין די געהיימע פאַרזאַמלונגען אויפן ווייסן באַרג, פאַרגעסן אין סאָציאַלע גערעכטיקייטן... שלום־פּנחס האָט גיך געגומען איינזען, אַז דאָ — אויב מען וויל נישט גיין אין „שפּאַן”, ווי די נעגער־יונגען, וועט קיין סאָציאַלער קאַמף נישט העלפן... — דאָ באַדאַרף מען — פּליי־צעס, און קענען „טשאַקען”...

אין שלום־פּנחסן האָבן זיך אָנגעהויבן די „ויתרוצצום”, די קאַמפן מיט זיך אַליין... ר'האָט א פּרווו געטאָן צו ווערן א פּשוטער קאָנדוקטאָר און ביים אָפּקלאַפּן די בילעטן זיך שטיל אונטערגעזונגען:

— „חיצ שלי וחצי שלך”...

אָבער גלייך האָט דער יצר־טוב אים א טאָרע געטאָן: — היתכן? שלום־פּנחס? — דו איך?... נאָר באַלד האָט דער יצר־הרע אריינגע־שושקעט:

— „למאי וועלוועלע גרומינס? אויך געווען אַן אידעאַליסט, צו־געזאָגט קעמפן פאַר גערעכטיקייט, ברענגען משיחן... און, נאָך א פּאָר יאָר שפּיצלעך און דריידלעך אויפגעבויט א „פּייפער”, וואָס דריינושעט א מהלך ווייט... בעת דו, שלום־פּנחס דער אינטעליגענט, זאָלסט גיין אונטערן פעדל, נאָכטראָגן א פרעמד פעקל, מאַכן „טשווע־

קעם״ שטאַט קונים, באשר־בכן ביסט געווען „אַ קעמפער ?״... נאַ־רישקייטן...

— „דאָרטן אין גרינעם וועלדל, אויפן שמעקנדיקן גראָז, צווישן רויטע יאַגדעס, — ווייסע שוואָמען, — מיט א מויד ביי דער זייט, האָבן אזעלכע לאָזונגען געהאַט א טעם... דאָ אָבער: „נאַדיר א שפּיי פאר אַזעלכע זאכן״...

און אזוי־אָ — צווישן דער גערעכטיקייט פון יצר־טוב און פאַר־פירערישקייט פונעם יצר־הרע, האָט שוין פּנחס געפונען די „וועגן״, וואָס פירן אָ קאַפּעטשקע העכער... און מיטן עסן, איז געוואַקסן דער אַפּעטיט, וואָס מער ר׳איז אריין אין די פעדערן, אלץ קלאָרער האָט ער געגומען איינזען, אז אנדערע, ווינציקערע חכמים ווי ער, האָלטן שוין א סך ווייטער... און דאָס יצר־הרעלע האָט ווידער א טאָרע גע־טאָן: — „און אז מען האָט שוין אָ שטיקל געשעפּטלטשינע ? און מ׳שפּאָרט שוין א ביסעלע מזומן ? — אנטקעגן יוסף קנאָפּ, איז עס ווערט אָ שפּיי״... און — ווער איז ער דאָס דאָרטן אינגאנצן דער יאָסל קנאָפּ ? פּנחסל געדענקט אים נאָך אלס א פּשוטן קצב־יונג, און דאָ „כאַליעט״ ער אין „קאַפּאַקאַבאַנאַ״, טעלעבענדעט ארום אין איי־גענע „קאַטשן״ און טאָמער באַוויזט ער זיך אין זיין אויסגעטראָקע־וועטן קאָסטיום, טענצלט ער פאַרביי, דערקענט נישט מער קיין אלטן חבר... אָדער „נעמט, למשל, שכנא־גרונמס״ — פלעגט פּנחס רעדן צו זיך אליין — „דער דאָזיקער שכנא, נאָך איין יאָר אין בראַזיל איז באַלד פון אים געוואָרן: סעניאָר סאַבאַט... באַלד פאַרגעסן, אז שלום־פּנחס האָט אים געלערנט א„ב... און דאָ — אַ גאַנצער למדן געוואָרן אויף אלע גרויסע שמחהלעך, איז תמיד: — „יעמוד״ סעניאָר סאַבאַט האָט דאָס וואָרט... און כאָטש דאָס שטומפּיקע קעפּל זיינס דינט אים נישט ארויסצוברענגען א לייטישן געדאַנק, איז — ווער באַדאַרף דאָ לייטי־

שע גאַדנקען, אַז ער פאַרמאָגט אַ לייטישע פאַבריק? — ס׳איז גענוג ער זאָל זיך בלויז ראַזמאַכלעווען צום רעדן, אַ דריי טאָן ס׳ווייסע קעל-נערל אַהין, אַ צי-טאָן ביים צעפלויגענעם שניפּסל אַהער, און שוין — בראַוואָ! מויל און אויערן כאַפּן אויף זיין תורה... אַלץ ווייל אַ שאַ-פּער מיט אַ גלאַנציקן דאַשיקל פּירט אים אַרום, פאַרנייגט זיך ביי יעדער מאָל עפענען דאָס טירל — אַ גרויסע חכמה!... פאַרן ביסל „קלינגערס" וועט ער זיך דאָס שאָפערל... לאָזן טרעטן אויך...

שלום-פּנחסן האָבן אַזוי לאַנג געמוטשעט די פרעמדע נישט-פאַרגינערישע דערפאָלגן ביז — ר׳האָט אַליין איינגעשטעלט:

ס׳איז געווען נאָך האַלבער נאַכט, דורך די פאַרמאַכטע טיר-און-פענצטער פון זיין קליין שניט-קרעמל, וואָס איז געווען גוט אַסע-קורירט, האָבן פּלוצים גענומען הודזשען פייער-צונגען גלייך אין הימל אַריין... אַ רויטע לאַנע האָט פאַרשפּרייט ראָזע טישטעכער ביז אינ-מיטן ים אַריין און — די ישועה איז געקומען...

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, האָט מען אויפן זעלבן פּלאַץ שוין געבויט פּנחסעס אַ מעבל-פאַבריק...

אָבער פּנחסעס הימל, איז נאָך אַלץ נישט געווען גענוג לויטער. אַ טונקל שאָטנדל, האָט אַלץ נאָך פאַראומערט זיין פאַרבענקט האַרץ, אַ געטרייע חברטע האָט אַלץ נאָך געוואַרט אין דער אַלטער היים... געוואַרט אויף דער באַפרייאונג פון די מאַסן... און אויף פּנחסעס אַ שיפס-קאַרטע...

* *

*

אין דער אלטער היים, איז שלום־פנחס געווען דער רעוואָלו־ציאָנער פון שטעטל, געאַרבעט ביי שמואל לאַטיאָוש, דאַמסקע־שניידע־ריי... און אז דאָס שטעטל האָט באַשלאָסן מזוג צו זיין, פינטשע תם מיט דער צעדרייטער לאהקע, האָבן פרומע גאַבעטעס אָנגעטראָגן זיי־ערע גלאַנציקע קרינאָלינעס, מיט די פאַרשימלטע טוניקעס, וועל־כע זיינען כל־ימים געווען אין עבירה אַרויסצוואַרפן, האָבן זיי זיך לסוף דערוואָרט אויף אן אויסשטייער פאַר די אָרעמע חתן־כלה... דער לאַ־טיאָזש האָט דעמאָלט געגעבן צו פאַרשטיין זיינע געטרייע געזעלן, אַז:
— „די דאָזיקע „וויפּראַווע”, וועט געמאַכט ווערן אויף גאָטס־רעכע־נונג... וואָרעם נעבעך, ס׳איז פאַר קיילעכדיקע יתומים, ס׳וועט זיי ברענגען עולם־הבא”...

אָבער שלום־פנחס האָט אונטערגעוואָרטשעט: — „עקספּלואַ־ציע — שמאַך און שאַנדע — טוען מצוות אויף אונדזער חשבון”...
און אַז ס׳איז שפּעטער אַריינגעקומען אַ ביסל לייטישע אַרבעט, האָט ער אַ באַפעל געטאָן צו זיינע קאָלעגן: „סטאָפּ־מאַשינאַ, אינץ סטרייקט מע”... ווי אַ פונק געוואָרפן אין אַ וואָגן שטרוי — האָט עס דעמאָלט אָנגעצונדן אַלע שוסטער און שניידער־יונגען אין אַ פייער פון רעוואָ־לוציע וואָס איז באַלד דערגאַנגען צו די „מעשענע קנעפּלעך”, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט שלום־פּנחסעס שטוב און דער „אָנפירער” האָט גע־מוזט מאַכן אַ „ויברח”...

* * *

אין אַ האַרבסטיקן פאַרטאָג איז אַ דראַבינאַסטער וואָגן פאַר־פאָרן צום שול־קלאַפּערס ליימיקער כאַטע, שלום־פנחס האָט פלינק אַ שפּרונג געטאָן אויפן הויכן געזעס, קאָלעגן האָבן אים אַרומגערינגלט...

דער שול-קלאַפּער, — פּנחסעס טאַטע, — אין אַ קראַטענעם שפּענצער, האָט שוין געהאַלטן דעם הילצערנעם האַמער גרייט, ביים ערשטן פּאַ-סיקל ליכט צו רופן יידן — „אל עבודת הבורא״... באַלד האָט דאָס קלינגען פון רעדער אויפגעוועקט דאָס שלאָפנדיקע שטעטל פון אירע זיסע חלומות... חברים האָבן נאָכגעשריען: — „זאָלסטו חלומען אונד-זער חלום! קעמפן אונדזער קאַמף!״... בלויז פון דער קליינער חנה-טשען האָט זיך שלום-פּנחס נישט געקענט אָפּרייסן. אין האַריזאָנט האָט שוין אַ גרויער הימל זיך גענומען אָפּערשאַרן פון אונטער דער שוואַרצער פּלאַכטע, אויפן ווייסן באַרג זיינען אויסגעוואַקסןביימער, טעלעגראַפן-סלופּעס, פעלדער-גערטנער ביז דער פורמאַן האָט אַ זאָג-געטאָן צו שלום-פּנחסן: „זאָל זי שוין אַראָפּגיין „ס׳משלחת״ דאַנס, כ׳על נישט צוריקפירן די מויד אין שטאָט אריין״... — אָבער חנה-טשע מיטן צעפּאַטלטן קאָפּ איז נאָך לאַנג געלעגן אויף פּנחסעס אַקס-לען, דאָרטן אריינגעכליפּעט: „אין אַזאַ וויסטן עק, אָן דיר, אָן ציוויר-ליזאַציע״... און פּנחס האָט געטרייסט: — געדולד חנהטשעלע — „כ׳וועל דיך אַרויסראַטעווען פון גיהנום״...

אַז דאָס פערדל האָט אַ צי געטאָן אין לובלינער וואַלד אריין האָט זיך חנהטשע געמוזט אָפּרייסן פון געליבטנס האַלדז און פּנחסל האָט זיך דערזען אַליין... בלויז די פולע לבנה איז אים נאָכגעגאַנגען ביז טיף אין וואַלד אריין און שפּעטער שוין מיט אַ האַלב אויג אים לאַנג נאָך נאָכגעקוקט פון ווייטנס...

* *
*

נאָך אַ פּאָר יאָר כסדרדיקע מאַטעריעלע דערפאַלגן אין בראַזיל, איז שלום-פּנחסעס צעוואַקסענער גוף געוואָרן שווערער, זיין בלאַנדער

קאָפּ, העלער, דאָס דיקע פּנים — שמאַלציקער און ערשט דעמאָלט האָט ער גענומען טראַכטן וועגן תכלית...

אויסגעסטראַיעט אין די בעסטע קאָסטיומען, מיט גאָלדענע ברילן אויף דער געבערגלטער נאָז, פּלעגט ער לאַנג שפּאַצירן ביים ראַנד פון ים, קוקן אַ פאַרבענקטער צו די נאַקעטע מיידלעך, וועלכע פליעסקען זיך אַזוי זאָרגלאָז אין די רוישנדיקע ים־כוואַליעס און אין רעיון האָט אויפגעטויכט זיין קליינע חנהטשעלעס הויכע פּיס, איר זגראַבנע געשטעל, אירע פולע, זאַפטיקע ליפּן... — „אָבער — האָט ער נישט איינמאָל צו זיך גערעדט, געבראָכן זיך דעם קאָפּ — „ווי אַזוי ברענגט מען זי דאָ אַהער, אַז ס׳זאָל אַרויסקומען: אי שפּיציק און אי קיילעכדיק... ס׳הייסט, ווי אַזוי וועט זי קוקן אויף דעם נייעם רעדל, וואָס עס דרייט זיך דאָ און נישט האַלטן אים פאַר קיין פּורים־שפּי־לער?... אַז אָנשטאַט קעמפן, איז ער גאַר אַליין געוואָרן אַ באַקעמ־פער... אַ „בורזשוי"... — איי דאָ איז נישט דאָרט... און דאָס לעבן האָט דערצו געטריבן? חנהטשען, — האָט ער מורא, — וועט שווער זיין איבערצוצייגן"...

אָבער ווען אין פּנחסעס געדיכטער טשופּרינע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פּאָר ווייסע האָר, האָט ער לסוף באַשלאָסן, אַז לענגער וואַרטן איז פּשוט אַן אומזין. וואָס אַ יאָר מער, ציט דער געלט־טייוול ווייטער און טיפער... מען מוז זי אַהער ברענגען.

נאָר — דערזעענדיק אויסשטייגן פון שיף, די צאַרטע חנהטשע־לע, אַזאַ שטילע, אַ דריבנינקע, מיט גראָבע ביכער אונטערן שמאָלן אָרעם, איז אים באַפאַלן אַ שרעק פאַרן דאַזיקן גרינעם מיידעלע מיט די פאַרביסענע ליפּעלעך... דאָך, ווען דאָס שלאַנקע חנהטשעלע מיטן שמאָלן אָדלער־נעזל און די שוואַרצע צעפּ ביז אין דער טאַליע, האָט

זיך א פּאָר נעכט גוט אויסגעשלאָפן אויף זייער א ווייך געלעגער, און אַ שוואַרץ דינסטל אין א געפּרעסטן פאַרטעך האָט איר אַריינגעבראַכט דאָס פרישע פּוטער־געבעקס גלייך אין בעט אַריין און דורכן אָפענעם פענצטער האָבן אַריינגעשמעקט טראָפּישע „אַנזשעליקאָס”, זיינען אי־רע בלייכע באַקן באַלד ראָזער געוואָרן, די מאַטע אויגן — גלאַנצי־קער, און ס׳האָט לאַנג נישט גענומען ווי חנהטשע האָט אָנגעהויבן גאָר אַנדערש צו קוקן אויף דער גאַנצער „זאַך”... און ווען שלום־פּנחס האָט איר גענומען טרעפן א קאָקעטיש צעפּיעשטשעטע, אין אויסגעפּאַסטע קליידלעך מיט ראָזע שפּיצעלעך אַרום ברייטן דעקאָלט, איז אים גלייך אַראָפּ א שטיין פון האַרץ...

* *
*

די קליינע חנהטשעלע האָט גיך דערטאַפּט, אַז אין בראַזיליע קוקט מען מער אויפן קוואַליטעט פון אירם א ניי קליידל, ווי אויפן טיטל פון א ניי בוך, וואָס זי פלעגט שטענדיק טראָגן אונטערן אָרעם... זי האָט גענומען קוקן אויף מענטשן, ווי דורך א לאָרנעטע, פאַרקריל־יעט אַ האַלב אויגל, ס׳קעפּל הויך פאַריסן, יחוסדיק זיך געגווידערט, אויף 10 פּראָגעס קוים באַוויליקט א שאָקל צו טאָן מיטן שמאַלצן קעפּל און אַלין נאָ דגערעדט אַ געמישטן פּויליש־יידיש.

— „מען דאַרף זיך חברן מיט „לודזשי אַריסטאָקראַטסקי” — האָט זי גיך אויפגעוויזן פּנחסן — „פאַבריקאַנטן, אינדוסטריאַלן, סתם גבירים... אונדזערס גלייכן” — און פּאָר איין וועג שוין צוגעגעבן: — „דיין נאָמען פּנחס, דערמאָנט מיך צופּיל אינעם שול־קלאַפּער... „פּעדראָ”, וואָלט געווען „דעליקאַטניע, לאַדניענשע”... און שלום־פּנחס, באַגייסטערט, האָט איר אָנגענומען ביים קליינעם שמאָלן נאָמ־

בעלע און מיט א ניגון, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פון מעביר זיין די סדרה, האָט ער אויסגעזונגען:

— „סעניאָר פּעדראָ, און דאָנאַ אַניטאַ־אַ־אַ"...

און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן.

* *
*

אז סעניאָר פּעדראָ האָט שוין געהאַט באַמעבלט און באַצירט אַ האַלבע מדינה, האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן מענטשן פאַר אים. אלץ האָט זיך שוין געדרייט ארום זאכן: פאַבריקן, מאַשינען, קווי־מענס... אַ מילכל האָט געדרעשט 24 שעה אין מעת־לעת: „געלט, געלט, געלט"... אַדורכפאָרנדיק מיט זיין בלויען „קאַדילאַק" די ברייטע פּליאַזשעס, האָט ער נישט דערקענט מער די היימישע „קלאַפּערס", נישט געדענקט מער די דאָזיקע שווארצע ארבעט, נישט געווען מער קיין שלום־פּנחס, אוים... איצט איז מען שוין סעניאָר פּעדראָ, וואָס קריגט אומעטום, דאָס ערשטע בענקל... און אז מען שפּאַצירט זיך אביסל דורך, איבער דער ליכטיקער „פּראַיע", שטעלט מען זיך שפּעטער אוועק, אַן אויסגעפּוצטער ביי דער גלאַנציקער שויבן־טיר פון זיין באַרימטן יובעליר־געשעפט און מ'הערט זיך איין מיט אַ זים שמייכעלע צו די הויכע קולות פון די קליינע סוחרימלעך, וועלכע דרייען זיך תמיד ארום מיטן נאַקעטן לייב אויפן ליכטיקן דרויסן, פאַרטומלען די גאַס מיט זייערע הילצערנע קראָמען, אָנגעהאַנגען אויף די אַקסלען, שרייען שעהנווייז: „נאָדלען, קנעפּלעך, העקעלעך, שפּילקעלעך; אַ בוזן פאַר אַ פינפערל! אַ טוץ פאַר אַ צענערל!"...

און סעניאָר פּעדראָ, ביים גלאַנציקן שוי־פענצטער, קוקט זיך מבּיניש איין אינעם בליאַסק פון זיינע גרויסע בריליאַנטן, וועלכע ליגן זיך אזוי יחוסדיק אויסגעבעט אין רויטן סאַמעט, קאָנקורירן מיטן פייער פון דער טראָפּישער זון... בעת שטילנקערהייט, — אליין נישט וויסנדיק, — האָבן זיינע דינע ליפּן אויך אונטערגעזומעט דאָס זעלבע, וואָס די שקצימלעך, אונטערגעהאָלפן דעם דרויסנדיקן כאָר: — „אַ טויזנט פאר א פינפערל! אַ טויזנט פאר צענערל!"... און בעת מעשה לאַקאָניש געשמייכלט אין זיין גרויסן שפּיגל אריין...

זיינען זיך אזוי געוואקסן ביי סעניאָר פּעדראָן די פאבריקן, כ'האָבן זיך געמערט די פּאַלאַסטן, געגלאַנצט דער פעטער גוידער געהויבן, דאָס בייכל... און ביי דאָנאַ אַניטאַן, דאָס גאָלד, פּערל, בריליאַנטן, דער גדלות... כאָטש גערעדט האָט זי נאָך אַלץ מיט א „יאַך" און מיט א „סקי", געחברט מיט „לודזשי אריסטאָקראַטסקי", זיך געקליידט „מענסקי" און געלעבט מיטן היינט, נישטאָ מער קיין נעכטן... און ווען ביידע זיינען כמעט ווי זיכער געווען, אז זייער מאָרגן איז אויך שוין פארזאָרגט, האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די מעשה מיט זייערע צוויי קינדער.

* *
*

ווען זשאָרזשיניאָ, — זייער בן־יחיד, — איז געקומען אויף דער וועלט, האָט דאָנאַ אַניטאַ דעמאָלט געוואָלט האָבן נאָר אן ענגלישע גאָווערנאַנטקע צום קינד... סעניאָר פּעדראָ, איז דווקא באַשטאַנען אויף א פראַנצויזישע „ניאַנקע", האָט מען זיך לאַנג געווערטלט: — „אן ענגלישע, א פראַנצויזישע"... ביז מען איז געקומען צו א פּשרה: מען וועט האַלטן ביידע — איינע וועט לערנען מיטן קינד פראַנצויזיש, די אנדערע — ענגליש...

אז מיט דריי יאָר שפּעטער איז געקומען אויף דער וועלט דאָס בת-יחידקעלע, בערטינִיא, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ מעשה מיט אַ דריטער גאָווערנאַנטין, דאַסמאָל שוין אַ דייטשקע... און צוויי בראַזיליאַנער „באָבאָס” האָבן זיך גלאַט ארומגעדרייט אין שטוב: — ווייל די קינדער מוזן דאָך קענען די לאַנדס-שפּראַך אויך!...

כאָטש צווישן זיך האָט דאָס פּאָרפאָלק נאָך גערעדט יידיש... כ׳איז זיי פּשוט באַקוועמער געווען... מען האָט זיך בעסער פאַרשטאַנען... נאָר צווישן מענטשן האָבן זיי דאָס דאָזיקע לשון אויפגעהערט צו באַנוצן... הגם סעניאָר פּעדראָ, האָט פאַרנומען אַנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע אמטן, — ווו מען האָט נאָר גערעדט יידיש, — אָבער זיין אומגאַנג-שפּראַך איז אומעטום געוואָרן פּאָרטוגעזיש. אַז די קינדער זיינען אויפגעוואַקסן, האָט דאָס פּאָרפּאָלק, אויך אין שטוב אויפגעהערט צו רעדן יידיש, ווייל צוואָס מוטשען די קינדער מיט נאָך אַ לשון? און מיטן לשון איז שוין אויך פאַרטריבן געוואָרן יעדער זכר, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ שייכות צו זייער פריערדיקן לעבן, צו זייער יידישקייט... און טאַמער האָט זיך פּעדראָ אַמאָל פאַרגעסן און ארויסגערעדט אַ יידיש וואָרט האָט דאָנאַ אַניטאַ באַלד אַ געשריי געטאָן: — „קאַלאַ באָקאַ”! * — „די דינסטן באַדאַרפן נישט צוויסן אונדזער אָפּשטאַם”...

ערשט ווען זשאָרזשיניאַ האָט זיך גענומען חתונה צו אַ מולאַטע שיקסל און בערטיניאַ, כלהן צו אַ בלאַנדן שייגעץ האָט די מכה געפּלאַצט... דעמאָלט ערשט, האָט דאָס פּאָרפּאָלק דערפילט, אַז מען איז אַראָפּ פון די רעלסן... אַז דאָס ביסל יידישקייט האָבן זיי בלויז געהאַט פאַריאָגט פון זייערע רייכע שטיבער, אָבער נישט פון זייערע

*) קאַלאַ באָקאַ — פאַרמאַך סימויל

הערצער... און ווען די קינדער האָבן זיך גענומען גרייטן צו א חתו־נה מיט גויים, האָט זיך טיף אין זייערע נשמות אויפגעהויבן אַ שרעק־לעכער רעוואָלט, א קעגנערשאַפט, וואָס איז שוין אָבער צו שפּעט געווען איצטער צו פאַריכטן...

די קינדער האָבן געקוקט אויף די עלטערנס צער און פאַרדראָס מיט צעחושטע אויגן... נישט פאַרשטאַנען דעם טאַטנס פלוצים גע־רינצלטן פּנים, נישט באַגריפן, דער מאַמעס קלאָגן זיך אויפן הארץ: — „יידן גאָר“? — האָבן זיי געשטוינט — „קיינמאָל נישט געהערט רעדן אין שטוב וועגן זייער באַלאַנגען צו יידן... און דאָ פלוצים, מ׳בייזערט זיך, מ׳סטראַשעט, נישט צו גיין צו דער חתונה?... מען דראָט מיט — סקאַנדאַלן...

* *
*

אין די זוניקע, רייכע סאַלאָנען, — ווו ס׳איז תמיד געווען אַזוי לוסטיק און לעבעדיק, — איז פלוצים געוואָרן זייער שטיל. אַן אומעט האָט גענומען ווייען פון די טאַפּעצירטע ווענט, פון די לוקסוס־מעב־לען... אַן אומצופרידנקייט מיט זיך אליין, מיט די גרויסע דערפאָלגן. און דערגרייכטע עשירותן האָט גענומען דריקן טיף אין זייערע נשמות... דאָרטן ווו ס׳איז נאָך געבליבן אַ ניצוץ פון דעם פאַרגאַנגענעם „אמאָל“, האָט דער קליינער ניצוץ זיך פאַרוואַנדלט אין א גרויסן „ליך“, אין א „בלאַזן“, וואָס האָט גענומען ארויסהוזקן פון די ווינקלען אין זייער רייכער שטוב — „אַלצדינג האָסטו שוין געהאַט דערגרייכט, סעניאָר פּעדראָ — האָט דער ליך געטאַטשעט: — עשי־רות, כבוד, תענוגים... איצט איז געקומען אַט אַזאַ „פּיצינקע קליינ־קייט“ — עפּעס א „גויעצל“ מיט אַ „שיקסלטשינע“, האָבן זיי אַ תל

געמאַכט פון דער גאַנצער אָנגעהאָרעוועטער פרייד... און אַלץ טאַקע איבער א „קלייניקייט״ — די קינדער האָבן נישט געוווסט, אז מען באַלאַנגט צו אַן אַנדער פאָלק... אז מען איז יידן... אויסבאַהאַלטן פאַר זיי... האַ? פּעדראָ — קלוגער־קאָפּ — אַלצדינג האָסטו פאָראויס־געזען, זיך גוט באַוואָרנט... אָבער די קינדער? — זיי ביסטו איצ־טער פרעמד... מען פאַרשטייט זיך נישט מער״...

אזוי טאָג און נאַכט, האָט דאָס „פּאַיאַצל״ געעגבערט זייערע מו־חות, געדריקט זייערע הערצער, געחוזקט... דערווייל, אַז ס׳נעמט גיין מיט דער פוטער אראָפּ, קומט אונטער נאָך אַ מעשה:

* *
*

דאָנאַ אַניטאַ האָט זיך גענומען קלאָגן, אַז עס ברעכן איר די געלענקען, ס׳קלאַפּט איר אין די שלעסער, ס׳קלינגען ביי איר די ביי־נער, ווי היימישע שטרולקעס... אין אָנהויב האָט סעניאָר פּעדראָ גע־לאַכט: — „געלט״ — ווייסט ער — קלאַפּט, „מאָנעטים״ קלינגען, אָבער מענטשלעכע אברים? — גאַי שוין גאַי״... ער האָט אפילו גע־פּרוווט זיך אַ וויצל צו טאָן:

— „די וויטיקן קומען דיר פון נישט באַנוצן די הענט... פון נישט געברויכן די פּיס... פון ליגן אויסגעצויגן גאַנצע טעג אויף דער אַטאָמאַנע, פון רופן די דינסט, זי זאָל זאָגן דער קאַץ „אַ קאַטאַ״...

אמת איז, אז אַניטאַ האָט נישט ליב געהאַט צו באַנוצן אירע אב־רים. דאָס גרויסע עשירות האָט איר פויל געמאַכט... אָבער, איינקויפן אויף דער „פּיירא״ (יאַריד), פלעגט זי יאָ ליב האָבן צו גיין אליין. אוים־

געפּוצט אין שענסטן קליידל, מיט גראָבע קרעלן אויפן ווייסן האַלדז, לאַנגע „קאָליעס״ אין די דינע אויערן, האָט זי — פון איין טישל צום צווייטן — אויף אירע הויכע „אָפּצאַסן״ אונטערגעטענצלט, ליב גע־האָט די ברייטע „ווארע״, מיט דעם גרויסן דרך־ארץ, וואָס די הענד־לערס האָבן ארויסגעוויזן צו דער באַקאַנטער נגידותטע... בעת זי, מיט ווייס באַהענטשקעטע פינגער פלעגט דעליקאַט באַטאַפּן אַלע צוויי־טיקע פרוכטן, דאָס פרישע גרינצייג און צומאָל אפילו געפּרוווט זיך א דינג צו טאָן... נישט חלילה, ווייל ס׳איז איר א שאָד געלט, נאָר סתם אזוי אויף צו פארוויילן זיך — און — נאָך אלע מעשיות, איז דאָך געלט סוף־כל־סוף — געלט״... אומעטום איבערגעלאָזט א די־נעם ריח פון גוטן פּערפום... און שפּעטער, געדונגען א שווארץ טרע־גערל, אים באַהאָנגען מיט א קוישל פרוכטן אויף איין זייט, א זעקע־לע גרינצייג אויף דער צווייטער זייט און אויפן קאָפּ א קעסטעלע מיט אייער... בעת זי מיטן זיידענעם „פּאַראַסאָלקעלע״ אין דער האַנט, איז אים נאָכגעגאַנגען פון הינטן און געטראַכט — „די חברה האָבן ליב צו „שניפּן״ — אונטערגעיאָגט דאָס טרעגערל: — „וואָס קריכסטו ווי א משערעפּאַכע, בהמהלע דו, ס׳איז דען מער ווי א שפּאַציר? בהמהלע דו״...

אז דער גוף האָט איר גענומען ברעכן, די אברים קלינגען, ווי שטרולקעס, האָט זי דעם „בהמהלע״ א ביסל טיפער אריינגעקוקט אין די אויגן אריין, שוין געפרעגט אויב דאָס קעסטעלע דריקט אים נישט צופיל אויפן קאָפּ? שוין געהייסן אים אביסל אָפּרוען און ס׳רוב שוין צוגעדונגען נאָך א באַהעלפערל...

נאָענט צו אַניטאָס שטוב, האָט זי פלוצים אויך גענומען באַ־מערקן עפּעס אַן איינגעהויקערטן בעטלער, וואָס אייגנטלעך שטייט ער שוין דאָרטן יאָרן, אָבער קיינמאָל האָט זי נישט באַמערקט, אז דער

דאָזיקער בעטלער זאָל האָבן אַזעלכע געשוואָלענע פיס... און איצ־טער — „ס'איז דאָך באמת א שרעק — רויט, ווי אַן אָפּגעשיילטער בו־רעק" — פאַרבייגייענדיק האָט זיך אַניטאַ גענומען לענגער פאַרהאַלטן, שאַרפער דערפילט אירע אייגענע ווייטיקן און, שוין נישט אדורכגע־גאַנגען גלאַטיק... נאָר אריינגעוואָרפן א שפּאַר ביסל מטבעות אין זיין צעריסענעם היטל... לאַנג נאָך נאָכגעטראַכט: — „אָווא, אַ מענטש קען האָבן אזעלכע געשוואָלענע פיס? א מענטש קען טאַקע אַזעלכעם האָבן?"...

* *
*

אַניטאַ איז געוואָרן אַן א שיעור פילבאַר, אירע אַמאָליקע סענטי־מענטן האָבן זיך צוריק גענומען אויפוועקן... בפרט ווען ס'איז נאָך אונטערגעקומען די דריטע מעשה.

* *
*

סעניאָר פּעדראָ איז אהיימגעקומען פון גאַס אַן אויפגעלייגטער, א מונטערער. איינגערוימט אַניטאַן א פרישע בשורה אין אויער:

— „מזל־טוב אַניטע לעבן... עס פייפט שוין ביי אונדז דער 5טער קוימען... פינף פאַבריקן, ווי די בערן... איצטער וועלן מיר"...

— „שוויג פּעדראָ! שוויג!" — האָט אים אַניטאַ נישט גע־לאָזט פאַרענדיקן דעם זאַץ. אין אירע ציטערדיקע הענט האָט געפלאַ־טערט א קליין בריוועלע, ערשט אָנגעקומען פון א קרוב אין אייראָ־

פּע... אַניטאַ האָט גענומען ארויסלייענען: — „דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער איינציקער ברודער, אַלע, אַלע, דערשאָסן, דערשטיקט, פאַרגאזט, פאַרברענט"... און מיר דאָ?" — האָט זי גענומען שרייען — „אַ פינפטער קומען? הא?" — און צוגעגעבן: — קוימענקערער זיינען מיר, הערסט, פּעדראָ, קוימענקערער! און מער גאָרנישט!"..

סעניאָר פּעדראָ האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן אויף איר און האָט שטיל אַ זאָג געטאָן: — „אַ שד איז אין דיר אריין, אַניטאַ! אַ דבוק!... אַניטאַ האָט אים נאָך שטילער געענטפערט: — „יאָ, אַ שד, אַ דבוק, אָבער ער זיצט שוין לאַנג אין אונדז... גאָר, גאָר לאַנג... און אַצינד איז געקומען די צייט אים ארויסצוטרייבן... הערסט פּעדראָ, ארויסטרייבן דעם משחית, וואָס האָט אונדז בלינד געמאַכט, מען דאַרף אָנהויבן אַנדערש צו לעבן... הערסט! אינגאַנצן אַן אַנדער לעבן!"...

* *
*

געלאַסן, מיט פּחד, — ווי מען באַרירט תכריכים פון אַ בר־מינן, — האָט סעניאָר פּעדראָ ארויסגענומען דאָס צעקנייטשטע בריוול פון אַניטאַס הענט, נאָכאַמאָל איבערגעלייענט און זיך דערפילט אַן אויסגעהוילטער, אַ ליידיקער. דאָס פּיצעלע פרייד פון אַ „פינפטן קומען", האָט גיך פלאַץ געמאַכט פאַרן פרישן טרויער, וואָס האָט זיך נאָך אייגנטלעך אָנגעהויבן מיט די קינדערס אָפּגעפרעמדט ווערן פון זיי... אָבער, ערגעץ ווייט, איז מען נאָך אימיצנס געווען, מען האָט נאָך ווו באַלאַנגט... ס'איז נאָך געווען אַ קליין פונקעלע פון אַ גרויסן ווייטן פלאַם, וואָס אין אַ טונקעלער שעה, האָט עס זיך נאָך געקענט צע־

לייכטן... טרייסטן, באשיינען... און איצטער איז אויס... נישטאָ קיין דאָרטן און נישטאָ קיין דאָ... אליין... און סעניאָר פּעדראָ האָט זיך פארשלאָסן מיטן ברייוול ביי זיך אין קאַבינעט...

הגם, דאָנאַ אַניטאַ און סעניאָר פּעדראָ האָבן פון פריער שוין געוווסט, אז מען האָט פארגאזט און פארברענט לעבעדיקע יידן — דאָס איז אפשר געווען די הויפּט־סיבה, פארוואָס זיי האָבן אזוי שאַרף דערפילט דעם ווייטיק און די בושה פון זייערע קינדערס ווערן זיך אויסמישן מיט גויים — אָבער, פאר זיי האָט עס נאָך געקלונגען, ווי דער אָפּהילך פון „צדקה תציל ממות" אויף פרעמדע לוויות... אריינ־געוואָרפן א פּאָר טויזנט אין די „הילפּס־פּושקעס" און — זיך געטראַכט — אויסגעלייזט פון גהינום... אָבער פּלוצים: „די אלטע טאַטע־מאַמע, אייגענע שוועסטער, ברודער, אייגן בלוט און פליייש, ס'און אייגענע לויה"...

און ס'איז געווען, ווי אין א שוואכן געוועב, ווען עס לאָזט זיך נאָר אראָפּ בלויז איין אויגל, אזוי נעמט זיך שוין די גאנצע ארבעט דרילעווען און טעפּין...

* *
*

ארויס פון קאַבינעט איז סעניאָר פּעדראָ, ערשט אין אָוונט, א בלייכער מיט טונקעלע שאָטנס אונטער די געקנייטשטע אויגן און מיט א קלאָגן זיך: „אז עס זשומעט אים, ווי פליגן אין קאָפּ... עס רוישט, ווי דער ים, עס טומלט, ווי אין א זידנדיקן קעסל"...

און פּונקט ווי אין אָנהויב, ווען אַלע זיינע טראַכטונגען האָבן געצויגן צו רייכקייט, צו כבוד, צו רום, אַזוי האָט זיך איצטער דער סך־הכל אויסגעלייגט אויף צוריק צו די אָפּגעגאַנגענע וועגן...

און קוקנדיק איצט אויפן אויסגעשפּרייטן „עשירות", האָט סע־ניאָר פּעדראָ אַ ביטערן לאַך געטאָן: — „געדרייט אַ רעדל און אויסגעדרייט אַ זשומעניש אין קאָפּ... אריינגעצויגן אויך אַניטאָן אי־נעם „דריידל", האָט זי, נאָך מיט אַ גרעסערער פּוריע, זיך גענומען מיטדרייען... האָב איך געוואָלט איבערגעבן צו אייגענע קינדער, דאָס אָנגעדרייטע „מילעכל", דרייען זיי זיך גאָר אוועק צו די גויים... לאָכן זיך אויס פון טאַטנס רייד. געטראַכט — אפשר? פון „דאָרטן", מ'וועט אַהערברענגען, אייגן בלוט און פלייש, וועט מען מיט זיי היילן דעם היגן עלנט... ראַטעווען דאָס נפש... האָט מען זיי גאָר פאַרברענט לע־בעדיקערהייט, פאַרברענט, ווי אַ פּשוט שטיקל האָלץ... איז וואָס־זשע טאַקע די גדולה אויף מיר מיט די פייפנדיקע פאַבריקן? און וואָס פאַר אַ וועלט איז בכלל איצט אַרויסגעקומען, אַז מען ברענט גאָר מענטשן לעבעדיקערהייט"? ווו איז טאַקע פאַראַן דער זין אינעם גאַנצן יאָגע־ניש פון אַזאַ נאַריש לעבן?"...

* *
*

איז אָט, שטייט ער זיך איצטער, סעניאָר פּעדראָ, ביים אָפענעם פענצטער, מיט אַ צעכראַסטעטער ברוסט. עס איז שוין פיר אזייגער פאַרטאָג און דער שלאָף וויל נאָך אַלץ נישט קומען. ער האַלט אין איין זוכן עפּעס אַ זין אין דעם גאַנצן גרויליקן קנויל... ער דערמאָנט זיך — אָט האָט זיין פּשוטער טאַטע געוווינט אין אַ קליינער ליימיקער כאַטע. אַלע פרימאָרגן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין די לאָדנס אריין, גע־

רופן יידן „אל עבודת הבורא"... און שפּעטער האָט ער געגעסן דאָס טרוקענע שטיקל ראַזאָווע ברויט מיט אַ וואַרעם געפיל, אַז עפּעס, גאָר וויכטיקס האָט ער שוין אויפגעטאָן... און, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט מען וויסן, אַז דער שול־קלאַפּער האָט נישט דער־לאָזן צו פאַרשלאָפן יידן, צו „עבודה", צו יידישקייט... בעת ער, פּנחס, דער גרויסער פאַבריקאַנט, האָט דאָך אויך אַמאָל געהאָט אַן „עפּעס", אַן עבודה? אויך גערופן מענטשן צו אַ העכערן ציל, צו אַ בעסערער וועלט און — אליין זי פאַרפּאַטשקעט"... סעניאָר פּעדראָ דרייט אום זיין צעפּאַטלטן קאָפּ צום בלישטשענדיקן סאַלאָן, קוקט:

-- „יעדער שפּיגל, אַ הימל די גרויס, אינעווייניק בלישטשעט, זילבער, גאָלד, קריסטאַל... שטעלט ער זיך אָבער אליין אוועק ביי דעם דאָזיקן שפּיגל און קוקט זיך גוט איין אין דעם „מענטש", וואָס האָט דאָס אַלץ באַשאַפן, ווילט זיך אים די גרויסע שפּיגלען מיט שוואַרצע טיכער פאַרהענגען... ער דערמאָנט זיך, אַמאָל, האָט ער פאַרמאָגט אַ קליין באַשן־שפּיגעלע, האָט עס געפּענקעט אויף פיר שטיקלעך... אָבער, אַז ר'האָט דאָרטן אַריינגעקוקט, זיך אָנגעשפּיגלט, איז אַלץ אין אים גע־ווען גאַנץ... און איצטער, זיינען בלויז די שפּיגלען גאַנץ... אָבער ס'פּנים? אָנגעדראָלן, ווי אַ נישט - געראָדלטע מצה; די אויגן, צעגאָ־סענער גאַל און זיין נאַקעטער קאָפּ, ווי אַ לבנה צווישן געלע כמאַ־רעס... ערשט זיין אינעווייניק? די נשמה? — נאָך צעבראָכענער, ווי יענץ קליינע שפּיגעלע...

אַ יאָושדיקער שלייכט זיך סעניאָר פּעדראָ לסוף אַריין צו אָני־טאַן אין צימער. אויך זי ליגט איצטער מיט אָפענע אויגן, אַ פאַר־טראַכטע אין זיך, אין איר פאַרגאַנגענהייט, אין דעם אָפּגעפאַרענעם

וועג, וואָס פאַרמאָגט נישט מער קיין צוריק-וועג... דאָס בלייכע פּרי-מאָרגן-ליכט מאַכט בולטער אירע טיפע קנייטשן, וואָס לאָזן זיך מער נישט אויסגלעטן מיט קיין שום קאָסמעטיק...

— „מיין מאַמע" — נעמט זי באַלד רעדן, גלייך זי וואָלט פאַר-געזעצט אַן איבערגעריסענעם שמועס — „מיין מאַמע האָט געהאַט צו דרשה-געשאַנק אַ מעשענעם „מערזשער" מיט אַ קופּערנעם בעקן, אויס-געפּוצטע אויף פּרייטיק-צונאַכטס זיינען זיי געהאַנגען אויף דער וואַנט, ווו די ליכט, דער וויין, די חלות האָבן זיך געשפּיגלט מיט זייער שבת-דיקן גלאַנץ, צוגעגעבן דער אָרעמער שטוב אַ יום-טובדיקע מנוחה... בעת דאָ ביי אונדז... אַלץ בלישטשעט: די מאַרמאָרענע ווענט, די קריסטאַלענע שויבן, דאָס גאָלד און זילבער, אָבער ס'אַ טויטער גלאַנץ, אַזוי פּוסט, אָן אַ נשמה, אָנעם ביסל רו פון אַ היימישן שבת"...

אַ מידער זעצט זיך סעניאָר פּעדראָ אויפן ראַנד פון אַניטאַס בעט, לענט-אָן זיין נאַקעטן קאָפּ אויף איר אָפּגעדעקטן אָרעם און בעט זיך ביי איר:

— „רעד אַניטאַ, זידל מיך, שעלט מיך... אָבער, גיב מיר צו-ריק אַ קליין ביסעלע פון דער אַמאָליקער רו, אַ טראָפּעלע מנוחה, אַזוי שטיל, אָן רעש, אָן טומל, אָן דער שרעק, אַז מ'קען ברענגען לעבעדי-קע מענטשן, ווי אַ פּשוט שטיקל האָלץ... און אָן דער מורא, אַז די אייגענע קינדער וועלן זיך שעמען מיט אונדז"...

אַניטאַס מאַטע אויגן האָבן פּלוצים יוגנטלעך אויפגעלויכטן, און איר האָט זיך אַ וועק געטאָן די אַמאָליקע אינטעליגענטע חנהטשע:

— „ס'איז נישט שווער, שלום" — האָט זי אים א שטילן זאָג געטאָן און נאָך לאנגע יאָרן אים ווידער א רוף געטאָן ביים היימישן נאָמען: — שלום:

— „צי געדענקסטו, שלום, אונדזערע אמאָליקע שמועסן, אינעם קליינעם וועלדל, ביים גרויסן טייך? געדענקסט? — אלצדינג אין לעבן, האָבן מיר געזאָגט, פארגייט, נאָר הילף צו נויטבאדערפטיקע, מעשים-טובים, לעבן אייביק... געדענקסטו דאָס, שלום פנחס?"...

שלום פנחס האָט רואיק געשוויגן, ארייגעפלאָכטן אניטאָס קליינע הענטל אין זיין גרויסער מענער-האנט און די האלב-בארואיקטע בליקן האָבן זיך ווי געבעטן: — רעד, רעד נאָך, נאָך אביסל, לייג א פלאַסטער אויפן צעווונדיקטן הארץ... און אניטאַ האָט ווידער גערעדט:

— „דעמאָלט איז עס אבער געווען בלויז רייד, רייד פון מענטשן, וואָס האָבן נאָך געהאָט פארנעפלטע אויגן, יוגנט-פאנטאזיעס, איינרעדענישן... אבער היינט, שלום-פנחס, היינט האָבן מיר דאָך אלע מעגלעכקייטן צו פארווירקלעכן אונדזערע חלומות, מקיים צו זיין אונדזערע דעמאָלטיקע רייד...

שלום-פנחס האָט זיך פלוצים א הויב געטאָן, מיט א ציטער, גלייך ער וואָלט זיך אויפגעכאפּט פון א לאנגן שווערן טשאד... אָנגעקוקט אניטאָן מיט קלאָרע אויפגעהייטערטע אויגן, גלייך ער וואָלט זי נאָך א סך יאָרן, פלוצים ווידער דערזען...

— „חנהטשע! האָט ער שטיל ארויסגערעדט — חנהטשע לעבן — און געפילט, אז די אויגן ווערן אים נאַס...

— „מיר האָבן נאָך א סך צו פאריכטן, איבערצואנדערשן, בעסער צו מאכן. ס'איז קיינמאָל נישט צו שפּעט... בפרט היינט, ווען ס'איז דאָ א באַנייט יידיש־פאָלק... אן אייגן לאנד... און, אז מיר וועלן אָנהויבן לעבן אַנדערש, וועלן אונדזערע קינדער אויכעט אנדערש ווערן... ועסט זען"...

* *
*

אַ נייער אויפגייענדיקער טאָג האָט געגומען מינען אויף זייערע שויבן...

★ ★
★

וועלנער צום סדר

ס'איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין שטעטל האָט גענומען אויפבליען א נאָך־מלחמה „ציוויליזאַציע"... ס'ביסל איבערגעבליבענע בחורים, „פּערוווילעגאַטניקעס" און סתם האַלבע קאַ־ליקעס, האָבן יחסניש זיך געגוידערט — מיוחסים געוואָרן... תכלית־דיק אריבערגעקוקט צו די קיריש־דייטשע גרענעצן און מיט פאַר־בענקטע כלה־מיידלעך בלויז געכאַפּט א פלירט, א ראַנדקעלע, אָן שום ערנסטן מיין...

איז נעבעך ביטער און פינצטער געווען צו די אויסגעוואַקסענע בוגרתן, צו פאַרזעסענע בתולות און יונג־פאַרשניטענע אלמנות, ווע־מענס געליבעטע מענער זיינען פאַרבליבן אויף די בלוטיקע שלאַכט־פעלדער.

א סך יידישע סאָלדאַטן, פון גאַליציע, עסטרייך, וואָס האָבן מער נישט געהאַט צו וועמען זיך א היים צו יאָגן, זיינען פאַרבליבן אין פּוילישן מיליטער, פאַרגעזעצט א קאַזאַרמע־לעבן און ווידער גע־טענצלט איבער יידישע געסלעך אין פרישע שינעלן, נייע קאַמאַשן, מיט גרויע קרייקעס אַרומגעוויקלטע קניען, וועלכע שטעטלשער עולם האָט

באַלד מכבד געווען מיט אַלט-נייע צונעמען: „פאַרבליבענע שמאַטע-ליאַלקעס״.

רייפגעוואָרענע מיידלעך, אָן אויסזיכט אויף תּכלית, האָבן מיט באַזונדערן ברען זיך גענומען פּוצן און צירן — אמת, טאַקע סאָלדאַטן, אָבער טייל — שיינע, אינטעליגענטע און פאָרט — מאַנספּאַרשוינען...

קיין נייע קליידלעך האָבן זיך די מיידלעך נישט געקענט מאַכן, אָבער פון אַלטע זעק, געצערעוועטע ראַגאָזשעס — געפאַרבט מיט בונטע קאָלירן, אויסגעפּאַסט זייערע יונגע, ציטערדיקע ביוסטלעך אין העל-געמאָלעוועטע שטאָפן, ענטבלויז, אין די קורצע יופּקעס עליאַסטישע, שיינע פיס און — קאָקעטירט אַרום די גרינע לאָנקעס, ווו די שטאָל-צע „יעדינאַקעס״ און די אויסגעפּיאַקעוועטע זעלנער האָבן זאָרגלאָזע געפלירטעוועט, צוגעפּייפט ראָמאַנטישע מלחמה-לידער און גע-ראַנטקעוועט מיט די פאַרחלומטע „מעדכענס״, וועלכע האָבן נאָך געהאָפט צו אַ שטיקל-גאָט אין הימל...

* *

*

איז געקומען ערבֿ פּסח. די פרילינג זון האָט אויפגעטאַיעט די ווינ-טערדיק-פאַרסטאַיעטע טייכן. די שטעטלשע פעלדער האָבן זיך אויס-געצירט אין גרינע, שמעקנדיקע טעפּיכער, די געדיכטע גערטנער אָנ-געקליידט אין ווייסן, פרישן בליעכץ. ס'האָבן זיך ווידער געפּאַשעט רייפע קי מיט פולע אייטערס און יונגע לאָשיקעס, וואָס האָבן נאָכ-געקוקט מיט קלוגע אויגן די באָרוועסע פאַסטוכער, וואָס האָבן גע-פייפלט פריילעכע מעלאָדיעס אויף פּשוטע, אויסגעהוילטע באַנקן און

לוסטיקע אקעגנגעטענצלט דעם וואַרעמען אויפגאַנג פון אַ נײַ־עם זומער...

שטעטלשע ווייבער, אין צעפלויגענע קופקעס, פאַרשאַרצ־טע האַלקעס אין צעפאַרענע באַרלאַטשן, האָבן געלופטערט אַלט־פרענ־קישע יופּיצעס, סאַטינדיליאַנע־לאַסטשינע־קליידער, געקרעפּטע זשאַ־באָטן, וואָס איז כל ימים געווען אין עבירה אַרויסצוואַרפן און דערפאַר, גאַנצע יאָרן געפּאַשעט מוילן, זשוקן אין די ווילגאָטנע שענק.

דער פּסח־קוואַס האָט שוין געזויערט אין די געכשרטע פעסלעך, דער ראָזשינקע־ווײַן, שוימיק געבלעזלט אין אויפגעשטעלטע גאָנשערס. פון די בעקערייען האָבן טרעגער צעטראָגן פולע קוישן ברוינע מצה. איבער גאַסן און הינטערגעסלעך, האָבן די פרילינג־ווינטלעך צעפלאָ־שעט גאַנצע שטויסן פאַרפוילטן היי. צעדריוולטן שטרוי, אָנגעיאָגט טוכלע ריחות פון אַרויסגעוואָרפענעם חמץ... אין די אויסגעריייניקטע שטיבער האָט שוין געשמעקט פון פרישן קאַלך, געפּעכלט מיט געכשר־טער ריינקייט...

אין יענעם ערב פּסח, האָבן פרומע ייִדן געפּועלט, מען זאָל באַ־פרייען אַלע ייִדישע זעלנער אויף די צוויי סדרים־נעכט.

יוסטע באַלעבאַטים, קוקנדיק מיט פאָטערלעכע זאָרגן אויפן רייפן וווקס פון זייערע צײַטיקע טעכטער, האָבן שטילערהייט איינגערוימט זייערע פאַרפאָרעטע ווייבער: „אפשר אהיימברענגען אַ זעלנער צום סדר? וואָרום, גאָטעניו, געטרייער, ביי אים איז דאָך אַלצדינג מעג־לעך... — זיווגים פאַרשטעלן זיך אַמאָל אין זעלנערישע שינעלן... באַ־ווייזן זיך ס'רוב פון מרחקים... און — סיי ווי איז גרויס די מצוה אהיימצוברענגען אַ פאַרוואָגלטן זעלנער צום סדר".

שטעטלשע מיידלעך האָבן דאָס מאָל בעסער און שענער אויס־געפּוצט די שטיבער... געוווסט עס וועט זיין אַ פרעמדער מאַן ביים טיש... לאנג זיך געסטרויעט ביי די ליכטיקע שפּיגלען און — גע־חלומט: „אַ קאַפּראַל, אַ סערזשאַנט און אפשר טאַקע אַן אָפי־ציר"?...

* *
*

ביים שטעטלשן שוסטער האָט זיך פרום געכאָוועט אַ פארזעסן מיידל, שוין טיף אין די צוואַנציקער... דווקא אַ הויכע, אַ זגראַבנע, מיט לאַנגע, בלאָנדע צעפּ און גרויסע, קיילעכדיקע בורשטינען־אויגן, וואָס האָבן אויף איר בלייכן פּנים אזוי געבלישטשעט, ווי בריליאַנטן געפּאַסט אין פּלאַטין. אירע לייטישע הענט, האָבן תמיד געהאָפטן פרעמ־דע כלה־וועש, אויסגעפּאַרטיקט חופּה־קליידער, נאָר פאַר זיך אליין שמענדיק עפּעס איבערגעניצעוועט פון איר מוטערס און באַבעס געווע־זענעם אויסשטייער... דאָך האָט דינהלע דעם שוסטערס געוווסט דעם סוד, ווי אזוי זיך אויסצוצירן אינעם אַלטווארק און אויסקוקן, ווי אין בגדי מלכות... אָבער צו אַ שידוך — אַן נדן — האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפן...

אין יענעם ערב פּסח, האָט אויך דער אָרעמער שוסטער זיך דער־לויבט אַ חלום צו טאָן אויפן קול: — „זאָל ער אויך אהיימברענגען אַ זעלנער צום סדר? הא? ווי מיינט עץ? וואָאבער?".

די שוסטערין, אַ פאַרדאַגהטע יידענע, אין אַן אויסגע־קראָכן שייטל, מיט אַ גרויער שובע אויף אירע געהויקערטע לענדן, האָט אויף איר צעטומלטן מאַן אָנגעשטעלט אַ פאַרצעשראָקענע רחמ־

גות-אויגן: „משוגע? מעטאָרע? (מטורף) ווער ביסטו עפּעס? ראָט-שילד״?...

אָבער אביגדור האָט א וויש געטאָן זיין פאַרקאָטערטע נאָז מיטן ברעג פון ארבל און פעסט געענטפערט: — „יאָ, כ׳על ברענגען...

דינהלעם גרויסע, בורשטינען-אויגן האָבן א דאַנקבאַרן בלינצל געטאָן אויף איר דעצידירטן פאָטער, זי האָט שטיל ארויסגעפּלים-פּערט:

— נישטאָ זיך וואָס צו שעמען מיט אָרעמקייט. אונדזער קליין שטיבעלע — בלאַנקט, דער אויסגעהאָפטענער מצה-טאַש איז איבער-געפולט... די געפּילטע פיש אויפן פסחדיקן פולמעסיק פאַרשמעקן דאָס גאַנצע געסל — און אויף זיך אַליין א באהאלטענעם בליק געטאָן אין שפּיגל — נישטאָ וואָס מורא צו האָבן... זאָל ער ברענגען אַ זעלנער צום סדר.

* *
*

נאָכן דאַווענען זיינען אַלע מיידלעך, אויסגעפּוצטע אין זייערע שענסטע טראַכטן, מיט געצוואָגענע קעפּ און צעפלאַמטע פּנימער געשטאַ-נען ביי די אָפענע פענצטער, געצאַפּלט פאַר אומגעדולד, שוין געוואָלט דערלעבן צו זען, וואָס פאַר א פאַרשוין דער טאַטע וועט אהיימברענ-גען...

ס׳באַווייזט זיך דער שטעטלשער גביר, אין זיין שיינער, אַט-לאַסענער קאַפּאָטע, מיט זיין ברייטער-געלער באָרד און ברייט-גע-

גאַרטלטער טאַליע, גייט ער זיך מיט געמאָסטענע טריטלעך, ווי אַ מלך צום זיכערן טראָן... לעבן אים שפּרייזט אין ברייטע קאַמאַשן עפּעס אַ נידעריק זעלנערל, אין אַ לאַנגן שינעל פון וועלכן מען זעט קוים אַרויס זיין לענגעכדיק קעפּל, פון אונטערן זעלנערשן דאַשיקל, בלישטשען אַ פּאָר קליינע, קוים־אָנזעעוודיקע אייגעלעך...

די מיידלעך, וועלכע האָבן מורא געהאַט, אַז דער גביר וועט אויסכאַפּן דעם שענסטן סאָלדאַט, האָבן פריער אָפּגעאָטעמט — זיי פאַרגינען אים דעם אורח... כאָטש, זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז דעם גבירס טויזנט קערבלעך נדן, דאַרפן סיי ווי נישט אָנקומען צו קיין זעלנער...

און אָט שפּרייזט זיך בנעימותדיק דער צווייטער גביר, זיין סויבעלנער שטריימל — גלאַנצט, זיין שוואַרצע באָרד גלאַנצט אויך... נאָר לעבן אים שאָטנט זיך אַ טונקל־קרעפּקע סאָלדאַטל, וואָס טאָפּ־טשעט פויל מיט די אַרומגעוויקלטע קרייקעס, קען ער נישט נאָכקו־מען דעם געזונטן שפּאַן פון יחוסדיקן באַלעבאָס, בלייבט ער כסדר פון הינטן און קוקט אויס גלייך ער וואָלט זיך — נאָכגעשלעפּט... אויך דער צווייטער גביר האָט נישט געזוכט דווקא דעם שענסטן זעלנער -- אַ דאגה אים? אַ זעלנער איז אַ זעלנער, דער עיקר איז דאָך אַ מצוה.

נאָר אָט באַווייזט זיך אביגדור דער שוסטער, אין זיין גרינלעך־פאַרשימלטער קאַפּאָטע, זיינע שמאָלע פּלייצעס אביסל פאַרקיילעכ־דיקט. זיינע צערפּולע אויגן, קוקן צ ודער ערד, ווי ער וואָלט זיך פאַר עמיצן געשעמט, אָדער מורא געהאַט... אביגדור האָט שוין דווקא יאָ געזוכט עפּעס רעכטס... לעבן אים שפּאַנט מיט אַ געזונטן טראָט אַ הויכער זעלנער, אין אַ גוט־געפּאַסטן שינעל, אויף זיינע ברייטע שלי־פעס איז אויסגענייט דריי־געזילבערטע בענדלעך...

די מיידלעך האָבן אזש ארויסגעלאָזט אַן איבעראַשטן געשריי: „זעיט נאָר מענטשן! קיקט נאָר אַן וועמען דער שוסטערוק האָט אויסגעקליבן — א דרייבענדלדיקן! קוקט אויס ווי א „יעדנעראל”... (גענעראל) ער וועט אָנקוקן די פארזעסענע „פּאַקראַקע” אַנטלויפט ער אינמיטן סדר”... — ניין, ער וועט נישט דארפן אַנטלויפן, וואָרום ער וועט זיך גאָר באלד נישט אָנידערזעצן”... — זיינען געגאַנגען השערות פון אלע זייטן.

דערווייל האָבן זיך באַוויזן אנדערע יידן, מיט אנדערע זעלנער, איז יעדע פון די מיידלעך פארנומען געוואָרן מיטן זוכן אייגענע באַשערטקייט, אייגענעם גורל... וואָרום אפשר? טאָמער?

די פסח-נאַכט איז געווען אַ קילע, אַן אויסגעשטערנטע. די פולע לבנה איז ווי געזעסן אויפן שפּיץ-דאַך פון דער אלטער שוהל, געפליצט מיט מאטן זילבער אויף מאַכיק-פאַרדרימלטע דעכער און ווי עקסטרע, לכבוד פסח, אויסגעשפּרייט העל-גרויע ליכטיקייטן איבערן ראַכיוועער שפּאַציר-שאָסיי... פון די אָפענע פענצטער האָבן געשמינקלט צעשמאָלצענע קנויטן פון אויסגייענדיקע ליכט. פון טייל הייזער האָבן זיך נאָך געהערט לעצטע טענער פון „חד גדיא”, „חד-גדיא”. און דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּאַציר-פּאָרלעך, נאָר וואָס אַוועק פון די סדר-טישן, אומדרייסטע, נאָך ווינציק זיך געקענט... אין שטוב האָט מען זיך בלויז שטום באַטראַכט. געריידט געציילטע ווערטער, אָבער איצטער איז מען אונטערן פרייען הימל, די פול-אָנגעטרונקענע לבנה איז ווי פארשיכורט פון אייגענעם זילבערנעם וויין... ליכטיקט זי אויפן באַלויכטענעם טראָטואר, ווי אינמיטן-טאָג... די פּאָרלעך זעען זיך איצטער קלאָרער, ווי אונטער די רויטע שטראַלן פון מעשענע הענגל-לייכטער... די צינגער ווערן פרייער, די זעלנער — דרייסטער, דערלויבן זיך שוין אָנצונעמען ביי א האַנט... פון די נאָ-

ענטע לאַנקעס טראָגן זיך פאַרשיכורנדיקע פרילינגס־ריחות פון בליען־דיקן היי. לעבן מאַגיסטראַט־גאָרטן שמעקט שוין פרישער בעז און — יונגע הערצער בענקען, חלומען, מ׳קוקט זיך שעמעוודיק אין די אויגן, עס מישט זיך טרוים מיט וואָר און עס דאכט זיך, אַז מען קען זיך שוין פון לאנג... פון גאַנץ־לאנג...

שפּאַצירן זיך אזוי, מונטער און פריילעך, צניעותדיקע מיידלעך מיט פאַרבעטענע יידישע זעלנער און א פרעכטיק־אויסגעשטערנטער סדר־נאכט.

נאָר אָט באַווייזט זיך פון א פאַרוואָרפענעם יאמע־געסל, דינה־לע, אין לייכטע זומער־לעטשלעך, אויסגעטאָקטע פון איר פאָטערס גע־טרייע הענט און זיין אריינגעחלומטן בטחון... איר ווייסע יופּקע, פון איר מוטערס קרינאָלינע — בלענדט. ס׳ראָזע, גוט־אויסגעפּאסטע בלוז־קעלע, פון איר באָבעס האביליאַק, צייכנט רייפע, שיין־אַנטוויקלטע ווייבערישקייטן... אירע צעלאָזטע, בלאָנדע צעפּ, זעען אוים ווי צוויי גאָלדענע קייטן ארום איר געסקליארוועטן דעקאָלט. אין אירע קיילעכ־דיקע בורשטינען־אויגן, שפּיגלט זיך דער הימל, די לבנה און דער שטי־לער צער פון אַן אָרעם־צייטיק־מיידל... און אינגאַנצן קוקט זי אוים, ווי עפּעס א פאַרבלאָנדזשעטע פּרינצעסין פון אַן אויסגעטראכט קינדער־מעשהלע...

דער דרייבענדלדיקער קאַפּראַל, טראָגט א גוט־אויסגעפּרעסטן אנצוג, זיין שווארץ־געלאָקטער קאָפּ איז קרום געשייטלט. אויף זיין ברוינלעך־איידל פּנים, אַ צאַרטער שמייכל און מיט איידעלער צאַרט־קייט פירט ער דינהלען אזוי דעליקאַט, גלייך ער וואָלט געהאַלטן אַ טייערן פּאָרצעליי, קוקט אויף איר מיט געניטער, מענערלעכער באַוווּנ־דערונג, און שושקעט איר שטיל אויפן אויער...

אַלע מיידלע דבלייבן ווי געפּלעפּט, האמעווען זייער גאנג, מען מאַכט פאר זיי א וואָרע, גלייך א קייסערינע וואָלט זיך פּלוצים באַוויזן... טייל זעלנער סאַלוטירן העפלעך דעם קאַפּראַל...

ווייבער קוקן נאָך קנאהדיק, גלויבן נישט זייערע אויגן, רעדן זיך איבער דורך די פענצטער: „קוקץ נאָר אָן „ס'באַשיינינק", מען פירט זעך שוין „פּאַדראַנטשקו", ער וועט זי נאָך צורעכט מאַכן אויך... און שפּעטער אָפּשיקן חזרה... — האָבן אלע געפּרוווט צו טרעפן.

בלויז דער גלויביקער שוסטער, מיט זיין פאַרטרויערטן ווייב, זיינען געבליבן זיצן ביים סדר-טיש, שטיל געקרישלט און געברעקלט לעצטע שטיקלעך פון אפיקומן און האָבן פרום תפילה געטאָן צו יענעם גרויסן, אלמעכטיקן, וואָס ווייסט דעם גאנצן אמת און זעט אלצדינג-צו, אז ער זאָל משפּטן... זיך אָננעמען זייער מיידלס-„קושיוודע"...

* *
*

נאָך פּסח האָט מען זיך אומעטום סודותדיק געשושקעט, געוואָלט דערגיין אויב ס'האָט זיך ערגעץ **עפּעס אָנגענומען...** אויב פון דעם „קאָרן" וועט כאָטש אַרויסוואַקסן „ברויט"... אָבער, נישט אַלע אויסגעבענקטע חלומות זיינען מקוים געוואָרן... וואָרום, די גרעסטע טייל זעלנער האָבן גאהט פאַרבאָרגן זייערע ווייבער, מיט קינדער... ס'זיינען אָנגעקומען בריוו צום שטעטלשן רב מען זאָל אָפּשיקן מיטן עטאַפּ די דאָזיקע הפקר-לייט, וועלכע האָבן געוואָלט ברעכן דעם „חרם פון רבינו-גרשם"...

בלויז איין ערנסטער שידוך איז יאָ עולה-יפה געווען — דינה-לע דעם שוסטערס אויסבראַקירטע מיידל...

צו די תנאים איז געקומען א הויכער, גאַליציאַנער ייד, אין אַ לאַנגער, ריפּסענער בעקעשע, וואָס האָט אים געקלאַפּט איבער די הויבע באָלעוועס, ווי אין הארטע גרודעס... געכאַפּט א חסידישן־בליק אויף זיין בן־יחידם באַשערטער און געטראַכט: ווערליק איר פּנים — א יפות־תואר און לויט דערזויבערקייט פון שטוב — א בריה... איר באלד דערלאַנגט אַ גאָלדענעם מעדאַליאָנטשיק: ט׳האָסטי פּאר חתימה־געלט... און אָט מיט דיזן „זילבערבאַשטעק" וועסטי אויסצירן דאן „סערוואַנטקע"...

און בעת דערלאַנגען שלום צו זיין קליין מחותנדל, האָט ער אויסגעקוקט — דער גאַליציאַנער, — ווי עוג מלך הבשן לעבן אַ קאַרליקל...

דינהלעם חופה איז געווען לעבן דער אלטער שוהל, ווו אלע אנבוישטע מיידלעך זיינען געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, שטיל אונטערגעזיפצט און מיט קאָליריק־אָנגעצונדענע ליכטלעך, צוזאמען מיט די טויזנטער שטערן אין הימל, צוגעלויכטן דעם דרייבענדלדיקן־קראַסאָוויעץ, אהיימפירן זיין אויסדערוויילטע צום יחוד־שטיבל, ווו עס האָט שוין געוואַרט אויף זיי די גילדענע יויך און זייער ניי־אויפגעבויט הייזעלע...

שטעטלשע סקעפּטיקער און „זאַוואַדאָווע" אפּיקורסים, קוקנדיק אינעם רייך־אויסגעשטערנטן הימל און אויף די פּריש־צענומענע חופּהשטאַנגען, האָבן דעמאָלט שטילערהייט געמוזט מודה זיין, אז עמיץ מוז דאָרטן אויבן יאָ זיצן, וואָס האלט אן אויג, פירט א חשבון און ציט אונטער די ריכטיקסטע סך־הכלען...

★ ★
★

צוריק אויף די פּאָוועלאַ־בערג

געבוירן איז זשואַן אויף איינעם פון די גרויע, נאַקעטע פּאָווע־לאָ־בערג, אין אַ קליין הילצערן כאַטקעלע, אַ טיף איינגעגלאָנגלטס אין דער סאַמע געדיכטעניש צווישן אַנדערע ענלעכע הייזקעלעך. שווער געווען אונטערצושיידן, צי זשואַנס כאַטקעלע ליגט אינעם בויך פון ליימיקן באַרג, צי ס'טוליעט זיך דער באַרג־אַראָפּהאַנג צו זשואַנס איינגעקאָפּעט שטיבעלע.

מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, מוסקולירטע הענט, קנאָכיקע פיס און שטאַרק צעוואַקסענעם גוף האָט ער אויף די מערק געטראָגן די שווערסטע קוישן אויפן קאָפּ. איןביידע לאַנגע הענט — זעק מיט קאַרטאָפלעס, מערן, ציבעלעס. אַ באַלאַדענער איז ער געגאַנגען אַזוי אויסגעסטראָיעט, גלייך ער וואָלט אינעם שענסטן טראַכט ביים ראַנד פון ים שפּאַצירט.

נאָר אויף די גרויע פּאָוועלאָ־בערג האָבן די באַרג־מענטשן ווינציק געשאַנעוועט זשואַנס באַזונדערע שטאַרקייט, נישט געהאַלטן פון

*פּרעמירט מיט דער „פישל בימקאָ"־פּרעמיע, דורכן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

זיין גבורה. בעת אלע דאָרטן זיינען שוואַכע באַשעפענישן, גייען אין שמאַטעס, דרייט ער זיך ארום אין לייטישע הויזן, נאַשט זיסע „גאַיאַבאַדע" (בראַזיליאַנישע פּרוכט) און פאַרשטייט אפילו נישט, אז דאָס רייצט דעם הונגעריקן עולם. די באָרוועסע ווייבער דאָרטן, אין צעריסענע קליידער, ווילד צעפּאַטלטע האָר, האַלב נאַקעטע בריסטן, האָבן זיך געשראָקן פאַר זשואַנס ברייטע פּלייצעס, פאַר זיינע שטאַרקע הענט און געדיכט-באַוואַקסענער ברוסט.

אין די אויסגעשטערנטע נעכט שטעקן ארוים באָרוועסע פּאַוועלאַ-ווייבער זייערע מגושמדיקע קעפּ פון די בערג-טיפענישן און קוקן מיט ווילדע בליקן אויף די הונדערטער פייערלעך, וואָס בלישטשען ארויס פון די אויסגעשפּרייטע הויכענישן, ווו איטלעך פינקלדיק ליכטל באַדייט א ליימיק אָדער הילצערן שטיבעלע. אין יעדער שוואַרצער עפענונג — א שטרויען געלעגער. אין יעדן אויסגעהוילטן גריבל — נאַקעטע נפשות, צו וועלכע די היציקע ווייבער לויפן, סודן זיך און ליבן זיך. בלויז זשואַנס שטיבעלע איז אויסגעמיטן. זיי האָבן נישט באַנומען, אז זיין אנדערשקייט ליגט בלויז אין זיין כוח; זיין שכל אָבער, זיין לעבנס-באַנעם איז פּונקט ווי זייערער. ער איז געקומען אויף דער וועלט פון די זעלביקע ארומבלאָנדזשענדיקע ליבענישן. ער האָט זיך געפילט, ווי א כשר קינד פון דער אָרעמער פּאַוועלאַ, געבענקט נאָך דער וואַרעמקייט פון יענע ווייבער, נישט געוואָלט זיך אָפּדרייסן פון זייער שטאָם. אָבער פאַר זיי האָט ער אויסגעקוקט אַנדערש.

אין זיינע קינדער־יאָרן פלעגט זשואַן נישטערן אין די צוזאַמענגעשאַרטע קופּעס מיסט, געקליבן אין זיין טאָרבע געפליישטע ביינער, פאַרפוילטע ציבעלעס, קאַרטאָפליעס, — און ביינאַכט, — פּונקט ווי

אַלע, — געדרויכערט און געוועגדזלט די מאכלים, וועלכע האָבן מיט זיי־ערע שלעכטע ריחות פאַרשטאַדעט די בערג ביז צו דער שטאָט.

זשואַן האָט זיך געבאָוועט גלייך מיט אַלע, געגאַנגען אין שמאַ־טעס, געריסן זיך איבער אביסל שווארצע פאַסאָליעס און צוזאמען מיט אַלע געוויינט און געקלאָגט, ווען די בראַזילאַנער רעגירונג האָט באַ־שלאָסן צו ווארפן אין ים אריין א פּאָר פאַוועלאַ־בערג, כדי לעבן די זאמדיקע ברעגעס צו פארברייטערן די שמאָלע וועגן. און ווען עלעק־טרישע מאַשינען האָבן צעלעכערט, צעגראָבן דעם באַרג, האָט זשואַן מיט הונדרטער נאַקעטע נפשות זיך געזארגט אויף דער איינגענעם־טיקטער ערד ווי א געשלאָגענער הונט. מיט ציין און נעגל האָט ער זיך געקלאַמערט אין דעם ביסל צעפוילטער ווירטשאַפט, מיט בעטנ־דיקע אויגן צוגעקוקט, ווי די שאַרפע מעסערס שניידן זיך אריין אי־נעם לאָך, וואָס איז געווען זיין פענצטערל און ער איז גרייט געווען אריינצושפּרינגען צווישן די שניידיקע מעסערס, מיטגיין מיטן באַרג אין ים אריין, ווייל דער פאַוועלאַ־מענטש, דער באַרג און דאָס שטי־בעלע זיינען דאָך איין זאך. דערפאַר, ווען ס'איז געקומען דאָס „גרוי־סע געשאַנק" — א פּאָר נייע בערג פאַר די היימלאָזע פאַוועלאַ־תושבים — האָט דער קליינער זשואַן, — צוזאמען מיט אַלע, — גענומען מאַרשירן מיטן ביסל „האָב און גוטס" אויפן קאָפּ צו די נייע הויכ־קייטן. אין געציילטע שעהן, האָט מען אויפגעשטעלט פרישע היי־מען, און דאָס טעגלעכע לעבן איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין שטענ־דיקן גאַנג.

ווען זשואַן איז עלטער געוואָרן און האָט דערפילט אין זיין ברייט צעוואַקסענעם גוף א זעלטענע גבורה, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט דעם. פון ספּאָרט־שולן האָט ער נישט געהערט, אַטלעטן־

קאַמפּן נישט געזען, — איז געבליבן דער טעגלעכער מאַרק מיט די הונדערט טרעגער, פאַר וועמען ער האָט געוויזן זיין כוח.

אָן אויטאָ האָט זיך פאַרעקשנט, האָט זשואַן אים געריירט פון אָרט, אַ שיפל ביים ים האָט זיך איבערגעקערט, האָט זשאָן עס אַרויס-געשלעפּט מיט איין צי; אַ שטורעם-ווינט האָט אויסגעקרימט די טע-לעגראַפן-בעכערס, איז שזואַן אַרויף גיך ווי אַ וועווערקע און זיי אויס-געגלייכט. נישט געווען קיין צו שווערע משא פאַר זיינע שטאַרקע הענט. אַזוי אַרום האָט ער זיך באַקענט מיט דער צורה פון אַ מטבע אָנגעטאָן לייטישע הויזן, אַ מענטשלעך רעקל, אָבער ווייטער געבליבן דאָס זעלבע קינד, מיטן זעלבן שכל און טראָפּישן בלוט פון דער אָרע-מער פּאַוועלאָ. נאָר די נאַקעטע ווייבער דאָרטן האָט ער אויסגעקוקט פרעמד און דאַריבער האָבן זיי נישט געוואָלט — אָדער מורא געהאַט — צו טאָן זיין רצון...

אין די אויסגעשטערנטע לבנה-נעכט, ווען די פּאַוועלאָ-בערג קוקן אויס אַזוי בלוי, ווי מיט אַ פרישער פאַרב געמאָלן, די געהוי-קערטע שטיבעלעך, ווי שטיקער ראַקאָקאָ אויף אַלטן זילבער, שוועבן דורך טונקעלע עפּענונגען האַלב נאַקעטע גופים, יאָגן זיך צו אַ גרויסן, ווייטן פּלאַץ, וואָס די פּאַוועלאָ-מענטשן צינדן אין די ווייסע נעכט אי-בער דער בערגיקער געגנט, וואָס קוקט אויס פון דער ווייטנס ווי אַ פלאַקערנדיקער מזבח צו וועלכן אַ נאַקעטער עולם ציט, ווער מיט אַ הילצערן פייפל, ווער מיט אַ מויל-פידעלע, מיט צינערנע טעלערס, אָדער בלעכענע פּושקעס. זיי שפּילן אויס אויף די דאָזיקע אינסטרו-מענטן אַזעלכע ווילדע ניגונים, וואָס נאָר די פּאַוועלאָ קאָן באַשאַפן און נאָר אירע איינוווינער זיינען זי מסוגל צו פאַרשטיין. פאַרשיכורטע פון געזאַנג, מוזיק און עקסטאַז, טאַנצן זיי אַרום צעפלאַקערטן פייער, ליבן זיך אונטערן פרייען הימל... בלויז דעם גיבור זשואַן לאָזט מען

זעלטן ווען אריין אין רעדל... ס׳רוב שטייט ער פון דער ווייטנס, א פארחלומטער, א פארבענקטער, קוקט אויף די רויטע צונגען פון הור־זשענדיקן פייער, באטראכט זיך פאר זינדיק און פארשאלטן.

ווען בראזיל איז אריין אין קריג און גענומען זוכן צווישן אירע ווילדע געגנט די ברווינע שטארקע יונגען, איז שואן געווען איינער צווישן די געציילטע פאוועלא־לייט, וואס זיין מוסקולירטער קערפער איז גלייך אנגענומען געווארן... פון אים האט געשמעקט מיט ליים, שטויב און ריח פון פוילעכץ, האט מען אים באלד געגעבן א גוטן „דוש", א זעלנערישן מונדיר און א ביקס אין האנט. — איז פון אים באלד געווארן א ליכטיקער סאלדאט, מיט ראזע באקן, גלאנציקע אויגן און צום ערשטן מאל אין זיין לעבן האט ער פארלאזט די פאוועלא־בערג. מיט געזונטע שטארקע טריט האט ער אראפגעשפרייזט פון די הויכענישן און א מאדנע ענגשאפט דערפילט אין האלדז...

זשואן האט דערזען פאר זיך א נייע וועלט. טרערן האבן גע־קאפעט פון זיינע אויגן: לויפן! שיסן! פאלן! אויפשטיין!...

ער דארף נישט מער שטיין פון דער ווייטנס. קוקן ווי אנדערע אמוזירן זיך. דא איז ער א גלייכער מיט גלייכע. אבער לאנג איז אים דאס דאזיקע „גוטס" נישט באשערט געווען... ס׳איז געווען פארטאג, דורך טיפע אקאפעס האט ער געקוקט מיט איין אייגל, ערגעץ ווייט, גאר ווייט, געזען ווי דער טונקעלער הימל האט זיך גענומען הייבן ווי א פארהאנג און אונטערן פארהאנג איז געווארן העלער, קלארער, הורכזעעוודיקער... און ווען די טונקעלע בלויקייט האט גענומען ווערן ראז, האבן פלוצים הילכיקע קנאלן פארטויבט זיין געהער. ס׳איז אים געווארן שטארק קאלט און באלד גאר ווארעם. און אין דער דאזיקער וואַרעמקייט האט ער זיך ווידער דערזען אויף די נאקעטע פאוועלא־

בערג. נאָר אויפן אָרט פון די שטיבלעך — שטראַלנדיקן נאָדלען, וואָס שטעכן אים אין לייב, בויערן זיינע שטאַרקע פיס. אויך אַ פייער פלאַ־קערט, נאָר מ׳טאַנצט נישט ארום אים, מען ווארפט זיך גאָר אריין אין זיינע פלאַמען און אים, — זשואַנען — לאָזט מען שוין צו. נאַקעטע ווייבער יאָגן אים נישט אַוועק. אדרבה זיי טוליען זיך צו זיין הייסן גוף, גלעטן און קושן אים... אָבער ער קאָן זיך קיין ריר נישט געבן... ווי געליימט...

* *
*

מיט דריי חדשים שפּעטער האָט מען זשואַנען צוריק געבראַכט אין אַ שוואַרצן וועגעלע, אויף דריי גומענע רעדלעך, אַ מעשן הענטל ביי דער זייט, און ער אליין — האַלב געזעסן, האַלב געלעגן... האָט מער קיין לאַנגע הויזן נישט באַדאַרפט. דער אויבערשטער קערפּער־טייל געהילט אין אַ זעלנעריש רעקל. אינעם שוואַרצן וועגעלע איז אַלץ צו דער האַנט: אַ וואַטענע קישעלע, אַ גרויע סאָלדאַטסקע קאָלדרע, אַ פּאַק אַלטע צייטונגען אויף נאַכטלעגער און אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ האָט ער שוין אויך געפונען אונטער אַ פענצטער פון אַ גרויסן פאַרבן־געשעפט, וואָס איז דורך אַ ברייטן באַלקאָן געשיצט געוואָרן פון רעגנס און ווינטן. אַז מ׳האָט אין אָוונט די טירן צוגעשלאָסן, האָט דער יונגער קאַליקע זשואַן דאָרטן אַנטדעקט אַ פּאַלאַץ ממש. אויך דער באַ־לעבאָס פון געשעפט איז צופרידן געווען צו האָבן אַ בהינמדיקן שומר און אַזוי האָט זיך זשואַן איינגעאָרדנט: ביי טאָג אַרומגעפאָרן אינעם שוואַרצן וועגעלע, מיט לאָטעריע־צעטלעך אין איין האַנט, די מעשענע קאַרבע אין דער צווייטער, און ס׳מויל האָט געמסהרט: פינף מיל־יאָן!... יעדן פאַרבייגייער אריינגעקוקט אין די אויגן. פינף מיליאָן! פינף מיליאָן!...

אין די אָוונטן, ווען דאָס ברייטע אויסשטעל־פענצטער מיט די צוויי גרויסע טירן האָט זיך פארשלאָסן, איז דאָרט באלד אויסגעוואקסן דאָס שווארצע וועגעלע. זשואַן האָט גענומען ארויסוואַרפן די אלטע צייטונגען, די סאָלדאַטסקע קאָלדרע, דאָס וואטענע קישעלע און צו לעצט אליין זיך אָנגעשפארט אויף צוויי ווייכע קוליעס און געגעבן אַ וואָרף ארויס דאָס ביסל ביינערדיקע איבערבלייבעכץ פון זיין אַמאָליק־אַטלעטישן גוף. ער האָט אויסגעשפרייט די קאָלדרע אויפן טראָטואר, זיך צוגעדעקט ביז זיין גאָמבע, געלעגן נאָזנדיק, געציילט די שטערן, איינס, צוויי, דריי... נאָר איידער ער האָט אָפּגעציילט ביז צוואנציק, האָבן זיך אַלע שטערן מיט איינמאָל אויסגעלאָשן. ער איז אויפגעשטאַנען קאַיאָר, צוריק ארייַנגעוואָרפן דאָס פאַפּירענע געלעגער אין שווארצן וועגעלע, אַ הויב געטאָן ס׳שטיקל ברודיקע גוף אויף די אויסגערוטע קוליעס — און אָט איז ער שוין צוריק אין זיין בייטאַגיקער היים. קיינמאָל אויף קיינעם נישט אין כעס געוואָרן, נישט געהאַט קיין טענות צו קיינעם, בלויז זיין שלעכטן מזל צו ווייבער נישט געקאָנט פארגעסן. און אפילו איצטער, שוין זייענדיק א וויסטע קאַליקע נאָך אלץ נישט געקאָנט מוחל זיין פאר זיינע באַליידיקטע מענער־געפילן. דאריבער איז פאר זשואַנען געווען א גרויסע איבערראַשונג דאָס נאָכקריכן אים פון דער האַלב־בלינדער מאריא.

מאַריאַ, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק נאָך געווען א געזונטע, שיינע דינסט־מויד, מיט דיקע הענט און הויכן בוזעם, האָט זיך, אין אַ פאַרנאַכט, שטאַרק געיאָגט צו באַגעגענען איר שווארצן „נאַמאָראַדאָ" און פונקט אין דער מינוט האָט זיך אויך שטאַרק געיאָגט אַ יונגער בחור אין זיין לוקסוס־אויטאָ. איז טאַקע דער בחור אָנגעקומען צו דער צייט, נאָר מאַריאַ איז שוין קיינמאָל צו איר געליבטן נישט דערלאָפן. ס׳האָט איר נאָך געקאָסט אַ האַלבער אָרעם, וואָס מ׳האָט געמוזט אָפּשניידן און איין אויג, וואָס איז פון שווערן קלאַפּ אויסגע־

רונען. קיין דינסט האָט זי אויך נישט געקאָנט מער זיין. איז זי תמיד געשטאַנען אויפן ראָג פון „אַטלאַנטיקא”, אַנטבלויזט דעם האַלבן אָרעם, געפּינטלט מיט איר געזונט אויג און די האַנט איז געווען אויסגע־שטרעקט צום רחמנות פון גוטהאַרציקע פאַרבייגייער.

אַז מאַריאַס איינציק אויג האָט זיך אַמאָל פאַרהאַלטן אויף זשואַנס וועגעלע, האָט דער לאָטעריע־סוחר גלייך דערפילט עפּעס אַ וואַרעמען גלעט אויף זיין פּלייצע, אויסגעדרייט זיין צעפּאַטלטן קאָפּ און דריי אויגן האָבן זיך טיף אָנגעקוקט. אַ רגע האָט זיך שזואַן גע־ישובט — אָפּשטעלן? פאָרן? לסוף געגומען דרייען דאָס מעשענע הענטל נאָך שנעלער, נאָך שטאַרקער. אָבער מאַריאַס וואַרעמער בליק איז נאָך גיכער געלאָפן פון זיין וועגעלע. ס'האָט אים שוין נאָכאַנאַנד פאַרפאָלגט, נאָכגעיאָגט...

אויפן צווייטן טאָג איז אים מאַריאַ שוין נאָכגעגאַנגען, שטום געקוקט אין זיינע אומעטיקע אויגן. אַ שטיל געבעט איז געווען אויס־געגאָסן אויף איר פרי־פאַרוועלקטן פּנים. און ווען זשואַן האָט באַמערקט אין איר איינציק איינגעטרוקנטן אייגל אַ גרויסע פּערלדיקע טרער, איז זיין פאַרשטיינערט האַרץ ווייכער געוואָרן, אויף זיין ברוין־צעקנייטשט פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל און באַלד האָט ער איר שטום אָנ־געטייט אויף זיין „עשירות” אינעם וועגעלע. ס'האָט געהייסן: דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן מיט דיר טיילן. געפעלט דיר — קום”.

בלויז אין די נעכט האָט זי געמוזט וואַרטן ביז די אָרעמיקע געסלעך שטילן זיך איין, ביז די באַלייכטונג, אינעם שויפענצטער וועדט פאַרלאָשן, ערשט דעמאָלט האָט מאַריאַ שטיל ווי אַ שטן, זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף זשואַנס פאַפירענעם געלעגער...

אין די פרימאָרגנס רוקט זיך דאָס שוואַרצע וועגעלע רואיק און געלאַסן. זשואַן אינעווייניק, מאַריאַ ביי דער זייט. אין ביידנס הענט — לאָטעריע־צעטלען אויסגעלייגטע ווי קאָרטן. זשואַן רופט: — פינף מיליאָן! פינף מיליאָן! מאַריאַ העלפט אונטער — אַ זיכערער געווינס! אַ זיכערער געווינס...

פאַרהאַלט זיך צופעליק דער באַלעבאָס פון זייער נאַכטווינונג.

— אַ זיכערער געווינס? — פרעגט ער שפּאַסיק. — שרייבסט מיר אונטער? זשואַן כאַפּט אים ביים אַרבל, טוט אַ שמייכל:

— כ׳שרייב אונטער.

דער באַלעבאָס פון פאַרבן־געשעפט האָט אַ וואָרף געטאָן אינעם וועגעלע דעם באַטרעף פון אַ לאָטעריע־צעטל און איז אַוועק מיט אַ געלעכטערל:

— אויב כ׳וועל געווינען די פינף מיליאָן, קריגסטו ביי מיר אַ הונדערטער.

צו מאָרגנס איז זשואַן מיט מאַריאַן אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, אויפגערוימט דאָס געלעגער, איבערגעכאַפּט אַ פּאָר באַנאַנעס פון דער גרויער טאָרבע און ווען די טראָפּישע זון האָט גענומען אויפגיין איבערן אַטלאַנטיק האָט זשואַן שוין געדרייט דאָס מעשענע הענטל און מאַריאַ האָט שוין צו וויסן געטאָן די ערשטע פאַרבייגייער: היינט איז די ציונג פינף מיליאָן!

מיטאָג־שעהען. די ברייטע ווענט זיינען באַקלעפּט מיט שמאָלע פּלאַקאַטן... מענטשן שטייען מיט פאַריסענע קעפּ, קלאַפּנדיקע הערצער, פינטלען מיט די אויגן, זוכן, זוכן. די זון באַלייכט שאַרפער די הונדערטער ציפערן. מענטשלעכע פּנימער קרימען זיך, ציטערן.

עס דערהערט זיך דאָס גרילצן פון זשואַנס פאַרזשאַווערט וועגעלע. ער שטופּט זיך אריין אין דער נייגעריקער מאַסע, גראַבט א זיינע אויגן אינעם רויטן נומער, וואָס ווייזט דאָס גרויסע געווינס. א אויגנבליק... מער געפילט ווי געזען און פאַר זיינע משונהדיק אויפגעפּראַלטע אויגן דערשרעקט מען זיך. מאַריאַ כאַפּט אים אָן פאַר זיין צעוויגטער האנט:

— זשואַן! זשואַנעלע! וואָס איז געשען? זשואַנעלע?

אָבער זשואַן האָט נישט געהערט. א צעטומלטער האָט ער געדרייט דאָס מעשענע הענטל. גיך, גיכער. ערשט ביי דער טיר פון פאַרבןגעשעפט האָט זשואַן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און מיט אַלע כוחות אריינגעשריגן:

— א הונדערטער! אַהער מיין הונדערטער!

באַלד זיינען אויסגעוואַקסן רעפּאָרטערן, זשורנאַליסטן, פאָטאָגראַפן און אין אָוונט האָבן אַלע ציימונגען געוויזן די בילדער פון פאַרבןגעשעפט, פון גליקלעכן געווינער און פון עפּעס א שוואַרץ וועגעלע מיט א קאַליקע אינעווייניק.

* *
*

צווייַ וואָכן שפּעטער.

פאַרטאָג. דער פּרימאָרגן־הימל פאַרוואָלקנט. דער אויסגעשפּרייַ־טער ים, גלייַך אַ ווינטל האַלט זיך פאַרגנבעט אונטער זייַן גרינלעכן בײַשטער, קנייטשט זיך און שורשעט. נאָר פון דער טיפעניש קומט אָן אַן אומהעמלעך זשומען, רוישן און קאָכן — אַ שטורעם.

זשואַן און מאַריאַ האָבן שוין אויפגערוימט זייער געלעגער. זיי קייען מיט די אויסגעשטערבעטע ציין פרישע ברויטלעך.

—כאַ־כאַ־כאַ — לאַכט זשואַן און ווישט צופרידן דעם שטערן.
— עס, מאַמעלע, זשאַלעווע נישט — גלעט ער מאַריאַן מיט זייַן נישט אויסגעלאָדענער צערטלעכקייט. — עס, עס, פאַראַן נאָך גענוג פונעם געוווינטעם הונדערטער...

אַ שווערער לאַסטוואָגן פול מיט בוי־מאַשינען האָט מיט גע־רויש זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט פונקט לעבן זייער נעסט. אַ פייכטער ווינט האָט אַ יאָג געטאָן פון צעשטורעמטן ים. פון אַ זייטיק געסל האָט זיך שטיל ארויסגעגליטשט אַ בלויער קאַדילאַק. דער ווינט האָט אַ הויב געטאָן די פּאָלעס פונעם אויסשטייגנדיקן באַלעבאָס. אַ ליכטיק שמייכעלע האָט געגאָלדיקט אויף זייַן בלאָנדן פּנים.

— באָן דיאַ זשואַן, — באָן דיאַ מאַריאַ, — באַגריסט ער פרייַ־לעך דאָס גליקלעכע פּאָרל.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי? — פרעגט זשואַן פאַרחידושט און הייבט זיך אויף אויף די קוליעס איינצושטייגן אין וועגעלע.

— מ׳גייט צעלייגן מיין פאַרבן-געשעפט — האָט דער פּרישער בּיליאַנער געענטפערט און אוועקגעקוקט אַביסל אין אַ זייט... ער האָט נישט געוואָגט זיך צו באַגעגענען מיט זשואַנס צעטומלטע אויגן... יאָ, אַראָפּוואַרפן דעם „בּוטעקין" און אויפשטעלן אַן „עדיפיסיאָ" און איר וועט מוזן — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שטימע, וואָס איז געקומען ווי פון אַ פאַרמאַכטן פאַס — זוכן אַן אַנדער געלעגער...

דאָס שוואַרצע וועגעלע האָט אַ גרילץ געטאָן. זשואַן האָט דערפילט די זעלביקע דריקעניש ווי אַמאָל בעת מ׳האָט גענומען דרילווען זיין פאַרמשפּטן באַרג... מאַריאַס איינציקע אויג איז נעפּלדיק פאַרלאָפן מיט אַזאַ פינצטערניש, גלייך ס׳וואָלט געקומען אויף איר אַ פּלוצימדיקע בלינדקייט...

זשואַן איז דער ערשטער געקומען צו זיך, אַ ברייטן שפּיי געטאָן אויף זיין אויסגעוואַרעמטער נחלה און גענומען דרייען די קאָרבע גיך, גיך, אַזוי, ווי דעמאָלט בעת ער איז געלאָפן אָנזאָגן די גוטע בשורה פון גרויסן געווינס...

---

* באָן דיאַ — (גוט מאָרגן)

* בוטעקין — (קליין קאָפּע־הויז)

* עדיפיסיאָ — (הויכע געביידע)

מאַריאַ מיט דער טאַרבע אין איינציקן הענטל, האָט אים קוים געקאָנט נאָכיאָגן. ערשט נאָענט צו די פּאָוועלאַ-בערג, האָט זשואַן, פרייער אָפּגעאָטעמט, גענומען פּאָרן פּאַמעלעך, און אז דאָס וועגעלע האָט גענומען אונטערקרעכצן, זיך הויבנדיק באַרג אַרויף, האָט די האַלב-בלינדע מאַריאַ, מיט איר צעבראָכענעם אָרעם אונטערגעשטופּט:
-- העפּ, העפּ, נאָך אַביסעלע, נאָך אַ קאַפּיטשקע העפּ, העפּ. — שוין, אָנגעקומען...

זשואַן האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. זיינע טריבע אויגן האָבן אַרומגענומען די אַלע גרויע הויכענישן. עס האָט זיך דאָ גאָרנישט גע-ביטן. ערשט נעכטן, דוכט זיך אים האָט ער אַראָפּגעשפּרייזט פון דאַ-נען מיט זיינע געזונטע פיס... און איצט איז ער צוריק אין דער היים...

„זכות"

אויסגעצויגן אויפן ווייסן געלעגער, מיט אָפּגעשוואַכטע אבֿרים און קרענקלעך פּייערל אין זיינע האַלב געלאָשענע אויגן, האָט ער ס׳רובֿ, אין די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט, זיך אויסגעטענהט מיט זיין געטרייער חבֿרטע:

— זאָג אַליין, איז דאָס מעגלעך, קאָן עס גאָר געמאָלט זיין, היינט, אין דער אַטאָמישער עפּאָכע זאָל מען נישט אויסגעפינען אַ מיטל צום בראָנכיטישן הוסט? — סיידן?... האַ? ענטפער? פאַרוואָס שווייגסטו?...

מיט געזונקענעם קאָפּ, צוזאַמענגעדריקטע הענט, איין פינגער אין אַנדערן געשלאָסן, פלעגט זי, אַליין שוין טרייסטלאָז, זוכן אין געדאַנק אילוזאָרישע רייד, אָנגעשטעלטע ווערטער, וואָס זאָלן כאָטש פאַרמאָגן אַ שאָטנדל פון קאָנען אים ווייטער אָפּנאַרן... צינדן ברעקלעך האָפענונג, שפּילן די טראַגי־קאָמעדיע ביזן סוף...

אָט אזוי כסדר. אין די פּיינלעכע נעכט, צעוויייטיקטע טעג, פאַרטרויערטע וואָכן, לאַנגע חדשים, אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, ווען אַ קליין פינקל האָפענונג האָט נאָך געטליעט — ווי אַ לעצטער זשאַר פון אַ גרויסן פלאַם, אינעם צעשטערטע גוף פונעם חולה מסוכן...

און אז דער סוף האָט זיך דערנענטערט, די איינגערעדטע האָפע־נונג — אויסגערונען, האָט ער זיך גענומען בעטן:

— זעץ מיך אביסל אויף, כ׳וויל קוקן דורכן אָפענעם פענצטער, לאָז מיר נאָך זען די זון, כ׳וויל אָנקוקן דעם שיינעם הימל, די בליש־טשענדיקע שטערן... ס׳איז דאָך אַזוי שיין דאָס לעבן... אַזוי פּרעכ־טיק־שיין... און — דווקא איצטער, ווען די גרעסטע שוועריקייטן זיינען מיר שוין בייגעקומען... די לעבנס־קאַמפּן, כמעט ווי געלייזט, פונקט ווי אויף להכעיס, ווען כ׳וואָלט שוין געקאָנט אביסעלע זיך אָפּ־רוען, געניסן און הנאה האָבן פונעם דערגרייכטן פיצל מנוחה — איז נאַ דיר גאָר אַ בראָכניט...

און ווען ער האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגעטענהט מיט זיין חברטע, מיט גאָט, מענטש און וועלט, האָט ער גענומען מאַכן דעם אייביק־טרייסטנדיקן — חשבון:

„נאָך אלעם, לעבט דאָך קיינער נישט אייביק... גייען דאָך אַלע מענטשן אויף איין וועג... פירט דאָך דער דאָזיקער וועג צו איין לעצטער סטעזשקע, איז דאָך סיי ווי נישט וויכטיק — ווי לאַנג. הונ־דערט און איינס, איז דאָך אַלץ איינס... דער עיקר זיינען דאָך אונד־זערע מעשים... וואָס האָבן מיר דאָ אויפגעטאָן? וואָס איבערגע־לאָזט?... זיינען די יאָרן נישט געווען קיין פוסטע? אומ־זיסטע?"...

און ווי ביי יעדער גוסס, וואָס זעט אין די לעצטע מינוטן זיין גאַנץ פאַרגאַנגענע לעבן, אַזוי האָט זיך אויך פאַר אים אויפגעהויבן דער פאַרהאַנג, אויפגעדעקט דעם יונגן, ענערגישן לערער, אַן אידעאַליסט און אַ קעמפער פאַר אַ בעסערן מאָרגן... צוויי דורות קינדער דער־

צויגן אין יידישן גייסט, מיט יידישן אינהאלט, יידישע טראדיציעס און יידיש-לשון... ליגט דאס אלץ דערגרייכטע איצט מיט אים אין בעט... ס'האט פארשלונגען זיין גאנץ קעמפעריש לעבן... געבליבן איז — גייסטיקער פארמעג, מיטן אפשפאר פון זיין שווערער קראנקהייט...

דער סך הכל איז פארטיק. אבער, שטימט דער חשבון? — יא און נישט... ווארום, נאך אלעם, ווען דו האסט זיך שוין גוט אנגע-פלאגט, שוין עפעס דערגרייכט, זעסט די פרוכט אויפן אויסגעוואקסע-נעם בוים, קאנסט שוין פרייער אפאטעמען, וואס-זשע איז דאס ליגן איצט צו בעט? און הלמאי די הענט און פיס, ווי אין שטריק געפענ-טעט... האט דאס אלץ א זין? א פארענטפערונג...

ער האט לאנג געזוכט א תשובה, אינעם געפרוירענעם פנים פון דער קאלטער לבנה, אינעם פינקל פון די בלישטשענדיקע שטערן — אפשר וויסן זיי דעם באשייד פון זיינע איצטיקע יסורים?...

אויך זיין לעבנס-חברטע, מיטן געזונקענעם קאפ, ווייט-פאר-קוקטע בליקן, האט מער קיין רייד נישט, שווייגט שוין אויך... און אים האט זיך געדאכט, אז אלץ צוזאמען שלאגט אויס אין צענדלי-קער וואריאציעס איין איינציקווארט: גורל!...

* *
*

ס'איז ערב שבת, טאג פון מנוחה, האט אויך ער זיין אייביקע רו דערגרייכט...

צו דער „בענעפיסיענסיאַ עספּאַניאָלאַ" שטראָמען מענטשן פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, געזעגענען דעם טייערן לערער, גוטן דערציער און וווּנדערלעכן פריינט.

ליגט ער אַזוי רואיק אונטערן שוואַרצן צודעק, ליידט נישט מער קיין יסורים, פרעגט שוין נישט קיין קשיות, ווייל — אַלץ איז שוין פאַרענטפערט, ער ווייסט שוין דעם סוד, וואָס מיר ווייסן נאָך נישט...

און די שטראַליקע זון פליִצט, ווי אַ זילבער־פאָנטאַן, פון אַלע זייטן. ס'פאַרגנבענען זיך שטראַלן אינעם טונקעלן חדרל פון בר־מינן, געזעגענען מיט וואַרעמע גלעטן איבערן שוואַרצן צודעק און גנבענען זיך צוריק אַרויס אויף די שטיינערנע בענק, וווּ עס זיצן די אבלים פון נעם נפטר...

* *
*

פּלוצים באַווייזט זיך אַ פרישע עגלה, מיט איין איינציקן באַגלייטער. מענטשן ווערן נייגעריק: ווער קאָן עס זיין? און פאַרוואָס אַזוי עלנד?

דער פרישער מת, אַ יונגע, איינזאַמע פרוי, געפּלאָגט געוואָרן פון דער זעלבער מחלה און געפונען איר אייביקע מנוחה דעם זעלבן מעת־לעת. באמת טשעקאַווע.

אויפן בלאַנדן פּנים פון איר איינציקן באַגלייטער טרויערט אַראָפּ די איינגעזאַפּטע יסורים פון זיין יונגער פרוים לאַנגער און שווע־

דער קראַנקהייט. ער קוקט זיך פרעמד אַרום: אַזוי פיל מענטשן דאָ? זיינען נאָך פאַראַן מענטשן אויף דער וועלט? לאַנגע און שווערע חד־שים האָט ער נאָר געזען זיך, זייער איינציק זונעלע און זיין געפּיי־ניקטער פרוים שווערע ליידן. און איצטער — מענטשן גאָר? אַזוי פיל מענטשן? וואָס טוען זיי דאָ?

אין דער לעצטער מלחמה, זיינען זיי ביידע געבליבן איינזאַם, האָבן זיי זיך פאַר די הענט גענומען, צו אַ נייעם פרוּוו אין לעבן, צו אַ פרישן אָנהויב. איז געקומען אַ קינד, געשלאָסן אַ דריי־בונד, האָט עס אַביסל פאַריאָגט די שוואַרצע געשפּענסטער נאָכן בלוטיקן חורבן.

איז דאָס שיינע יינגעלע געוואַקסן אַ קאָפּיע פון דער שלאַנקער מאַמע, און פרייד איז געוואַקסן מיט דער געטריישאַפט פון זאָרגעוו־דיקן טאַטן. איז עס געוואָרן אַן אידיליע זאַלבע־דריט. ביז דער גרויער שטן האָט פאַרשפּרייט זיינע שוואַרצע פליגל.

איבער דער גאַנצער צייט פון איר שווערער קראַנקהייט, האָט אַ טיפע זאָרג באַוועלטיקט דער געפּלאָגטער פרוי: זי פילט איר סוף דערנענטערט זיך — אָן קרובים, אָן פריינט. בלויז, איר טייערער מאַן מיטן איינציקן זונעלע, צוויי איינזאַמע סילועטן וועלן זיך שטילער־הייט נאָכשלייכן נאָך איר שוואַרצן קאַסטן. אפילו קיין לייטישע לוו־יה נישט האָבן. פאַרוואָס קומט עס איר? פאַרוואָס?... זי געדענקט: אַ גרויסע לוויה פלעגט זיין אַ באַזונדערער זכות. צו אַ שיינער לוו־יה האָט מען געדאַרפט זוכה זיין, און דאָ? האָט זי נישט גענוג גע־

ראָזאַ פּאַלאַטניק

ליטן אין די לאַגערן? און — שוין דאָרט, זיך תמיד געשראָקן — נישט אומצוקומען אן איינזאמע ערגעץ אויף א פעלד.

* *
*

אויפן בית-החיים פון א פוסטן „ווילא ראָזאַלי" זיינען ביידע עג־לות אָנגעקומען צוזאמען. די איינזאמע פרוי אין באגלייטונג פון איר מאַן און זון און דער קערפּער פון באליבטן לערער ארומגערינגלט פון צענדליקער פריינט, קרובים, קאָלעגן, תלמידים מיטן רב ראש...

לויטן יידישן דין דאַרף א פרויען-מת פריער געבראַכט ווערן צו קבורה. דעריבער, איז אויך דער איינזאמערס לוויה געווען די ער־שטע. און אזוי ווי דער גאנצער עולם האָט סיי ווי סיי געמוזט וואַרטן, זיינען אלע, — ווי איינער, — געצויגן פון א טיפער מענטשלעכער פליכט, מקיים געווען די גרויסע מצווה פון באַגלייטן דעם מת; מיט־געגאַנגען צום פרישן קבר פון דער עלנדער פרוי און בעת איר פאַר־צווייפלטער מאַן האָט אויפגעהויבן זיינע פאַרטרערטע אויגן און געזען, — ווי דורך א נעפל, — די גרויסע מחנה מענטשן, מיט געזונקענע קעפּ, ארום זיין יונגער פרוים אָפענעם גרוב, איז ער א פאל געטאָן אויפן שווארצן קאסטן און מיט קוואַליקע טרערן פון העכסטער דער־לייזונג, אויסגעכליפּעט:

„ווייב מיינס, דיינע לעצטע תפילות האָבן זיך דערשלאָגן צום בית-דין של מעלה... האָסט אויסגעפּועלט... עס איז דיר ביגעשטאַ־נען אן אויסטערלישע באַשערטקייט, א גרויסער זכות".

אויף דער 13־יאָריקער בן־יחיד, שלאַנק, בלאָנד, מיט אַ זיידן יאַרמולקעלע אויפֿן געדיכטן קענזשער האָר, האָט, ווי דורך פֿאַרגלאָז־טע אויגן געקוקט מיט טיפֿסטער פֿאַרוווּנדערונג אויף די אַלע אַרומ־שטייענדיקע מענטשן: — חלומט זיך אים? איז דאָס אמת? — ביי זיין מוטערס פֿרישן גרוב אַזאַ ריזיקער עולם? פֿון וואַנעט קומען זיי אַהער? ווער האָט גורם געווען דערצו?...

צוזאַמען מיט די זשעמעניעס פֿרישער ערד, וואָס צענדליקער הענט האָבן אין פֿרישן קבר געוואָרפֿן, האָט אויך די שטראַליקע זון געשיט זשמעניעס גאָלד מיט סודותפֿולן טרייסט אין קבר אַריין...

* *

*

דעם לערערס לוויה איז געווען די צווייטע. מיט געבליפֿעריִען, רעדעס, שבחים, וואָס האָבן אָפּגעהילכט צווישן מצבות,ביימער, עד לב השמים.

אָבער צו זיין דער גורם פֿון געבן דער געפּלאָגטער, איינזאַמער פֿרוי אַזאַ אימפּאָזאַנטע לוויה, איז געווען אַ באַזונדערער זכות —

זיין זכות...

★ ★

★

ביבליאָגראַפישע רשימה פון ראָזע פּאָלאַטניקס פּריי עדיקע ווערק צונויפגעשטעלט פון אַ קאָלעגע:

ראָזע פּאלאטניק: טאָכטער פון פייוול איסר וואגנער (אַ זייי־גערמאכער). געבוירן איז ראָזע דעם 15טן אין חודש כסלו. יאָר — ? — (נישט פארעגיסטרירט געוואָרן). לויטן פּאָטערס גדענקען — אין 1904. אין שטעטל קראָשניק. (לובלינער קרייז) פּוילן.

דערצויגן געוואָרן אין אַ זייער פרומער סביבה, שטרענג טראַדיציאָנעל־יידיש. ביז 8 יאָר געלערנט אין חדר, שפּעטער — אַ קורצע צייט געלערנט ביים היימישן לערער. אַ סך געליינט. זיך זעלבסט געלערנט פּויליש און רוסיש און גוט געליינט און געשריבן דייטש.

אין זייער פריען עלטער געוואָרן געזעלשאַפטלעך טעטיק. געהאָלפן שאַפן אַ „פאָלקס־ביבליאָטעק, אַ דראמקרייז, און אליין געווען די „פרימאַדאָנע" פון קרייז.

אין 1927 געבליבן אָן עלטערן, עמיגרירט קיין פראנקרייך.

פון איר פריסטער יוגנט אָן געפילט גרויסע נייגונג צו שרייבן. אין 1915 אָנגעהויבן שרייבן אַ טאָג־בוך. תמיד נאָר געחלומט צו ווערן אַ שרייבערין, הגם אָן אַ פיצל בילדונג. אין 1926 באַמערקט אַ נאָטיץ

אין „וועלט־שפּיגל" (דערשינען אין װאַרשע) װעגן אַ ליטעראַרישן קאָנקורס מיטן נאָמען: „מיין לעבנס־ראָמאַן", וואָס זאָל האָבן צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין 150 שורות. האָט זי געוואַגט און צוגעטראַכט אַ מעשה: — — „ליידנשאַפט און אויסגעלאַסנקייט", וואָס איז צו איר גרעסטער איבעראַשונג אָפּגעדרוקט געוואָרן אין נומער 36 פון דער זעלבער אויסגאַבע פון יאָר 1927 און טאַקע אויך געוואונען אַ פּרעמיע: — אַ יאָר בחינמדיקן אַבאָנענט.

אין פּאַריז, — ווו זי האָט געוווינט צען יאָר, — איז ראָזע פּאַלאַטניק (דעמאָלט נאָך שאַפּראָן) געווען טעטיק עטלעכע יאָר אַלס סעקרעטאַרין פון די צוגאַב־שולן פון „קאָלאָניע סקאַליער", געשפּילט טעאַטער מיט אַמאַטאָרן און איינציייטיק געדרוקט דערציילונגען אין „האַנדלס־ציַיטונג" ווי אויך אין „פּאַריזער היינט". בכלל האָבן אין איר תמיד געקעמפט צוויי כוחות: — די שרייבערין און די דראַמאַטישע שוישפּילערין.

אין 1936 עמיגרירט ראָזע פּאַלאַטניק קיין בראַזיל. ווערט באַלד טעטיק אויף אַלע קולטור־געביטן פון ישוב, און אויך אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין דער „יידישער פאָלקס־צייטונג", וואָס איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון ש. קאַראַקושאַנסקי. שפּעטער אויך מיטגעאַרבעט וועכנטלעך אין דער דעמאָלטיקער „יידישע פּרעסע" אונטער דער רעדאַקציע פון אהרן בערגמאַן ע"ה. געדרוקט דאָרט בעלעטריסטיק, אַרטיקלען און רעצענזיעס איבער ביכער און טעאַטער. צו גלייכער צייט געשריבן אויך אין „דער וועג" פון מעקסיקע אונטער דער רעדאַקציע פון ה. ראָזענבערג ע"ה.

אין 1938 האָט דער קלאַצקין־פאַרלאַג איר פאָרגעשלאָגן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג דערציילונגען. אָבער נאָך איידער אירע צוגעשיקטע מאַטעריאַלן האָבן אָהין דערגרייכט איז אויסגעבראָכן די צווייטע

וועלט־מלחמה און די מאַנוסקריפּטן זיינען אזוי ארום פאַרפאַלן געוואָרן.

אין 1938 פאַרט פאַרביי ריאָ דער באַוווסטער דיכטער מלך ראוויטש. ער באַקענט זיך מיט אירע דערציילונגען, און סטי־מולירט איר צום ווייטערדיקן ליטעראַרישן שאַפן. פון דאַן אָן ווערן די ארבעטן פון ראָזע פּאַלאַטניק אָנגענומען פון פאַרשידענע יידישע צייטונגען און צייטשריפטן איבער דער גאָרער יידישער וועלט.

אין 1948 געוועזן דעלעגאַטין צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

בעת איר ווײלן אין צפון־אַמעריקע האָט ראָזע פּאַלאַטניק גע־דרוקט דערציילונגען אין „מאָרגן־זשורנאַל", פּובליציסטישע ארטיקלען אין „פרייע ארבעטער שטימע" (זע דעם 1טן יאַנואַר 1951) און נאָך נישט־אויפגעהיטע עקזעמפּלאַרן). באַזוכט טאָראָנטע, מאָנטרעאַל. גע־דרוקט אין די אָרטיקע צייטונגען דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן.

אין 1952 קומט יוסף אפּאַטאשו, ווי דער גאַסט פון ישוב, קיין ריאָ, באַקענט זיך מיט ראָזע פּאַלאַטניקס פּראָזע־שאַפונגען און סטי־מולירט איר באַלד ארויסצולאָזן א בוך.

אין 1953 דערשיינט איר ערשטער בוך „קראָשניק — ריאָ" מיט א הקדמה פון מלך ראוויטש, א זאַמלונג דערציילונגען וועגן דער אלטער און נייער היים; פאַרלאַג מאָנטע־סקאָפּוס — ריאָ 205 זייטן.

אין 1957 דערשיינט איר צווייט בוך דערציילונגען „ביים גע־רויש פון אַטלאַנטיק" אין זעלבן פאַרלאַג, וווּ ראָזע פּאַלאַטניק שיל־דערט אספּעקטן פון יידישן לעבן אין לאַנד, ווי אויך פון בראַזיליאַנישן לעבן גופא. (177 זייטן).

אין 1961 דערשיינט דאָס דריטע בוך „דרייצן דערציילונגען" דורכן זעלבן פארלאג (169) זייטן) מיט א פאָרוואָרט אין פּאָרטוגעזיש פון באַקאַנטן היגן שרייבער נעלסאָן ווײַנער.

לעצטנס איז ארויין אין דרוק דאָס פערטע בוך פון ראָזע פּאלאט־ניק „געקליבענע דערציילונגען", וואָס וועט בקרוב דערשיינען.

ראָזע פּאַלאַטניק פארעפנטלעכט אירע ארבעטן אין פארשידע־נע זאמלביכער ווי: „דער פוילישער ייד" (ארגענטינע), „דער האלץ־אינדוסטריאל" אונטער דער רעדאַקציע פון ג. סאפּאָזשניקאָוו (ארגענ־טינע), „דוד - פינסקי"-זאמלבוך" (ריאָ דע זשאַנעיראָ), „אונדזער ביי־טראָג" (ריאָ דע זשאַנעיראָ — 1956).

זינט א לענגערער צייט מיטארבעטערין אין דער רעדאַקציע פון יעקב פרנס. אויך מיטגעארבעט אין דער „יידישע פרעסע" אונטער דער רעדאַקציע פון דוד מארקוס, לעצטנס — שטענדיקע מיטארבע־טערין אין דער „נייער מאָמענט" אונטער דער רעדאַקציע פון י. באָ־רענשטיין. דערשיינט אין סאן פּאולאָ. עס דרוקן זיך אויך אירע דער־ציילונגען און רעפּאָרטאַזשן אין „די פרעסע" פון ארגענטינע.

אין „די גאָלדענע קייט" (ישראל) — 1954) נומער 21 געדרוקט א דערציילונג פון בראַזיליאַנישן לעבן, וואָס פאר איר האָט ראָזע פּאַ־לאַטניק באַקומען די „פישל בימקאָ-פּרעמיע".

אין איר ערשטער ארבעט אין „וועלט-שפּיגל" נומער 36, יאָר 1927 — ווארשע גענוצט דעם פּסעוודאָנים — שושנה. אין אירע שפּע־טערדיקע ארבעטן אין פאריז, ווי אויך די ערשטע צייט אין בראַזיל זיך אונטערגעשריבן — ראָזע שאַפּראַן, און די לעצטע 24 יאָר — ראָזע פּאַלאַטניק.

* *
*

ווען ראָזע פּאַלאַטניק האָט — נאָך איידער זי האָט אַרויסגע־געבן ביכער — דער ערשטער געשריבן י. י. סיגאַל ע"ה אין „קענע־דער אדלער": (1949 — גענויע דאַטע נישט אויפגעהיט) „ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען ווייזן נישט נאָר, אַז זי באַזיצט עכטן טאַ־לאַנט, ווי אויך איינגעבוירענע אינטעליגענץ, קלוגשאַפט".

ווען איר ערשטן בוך „קראָשניק — ריאָ" שרייבט מלך ראַ־וויטש אין דער הקדמה: „די אַלטע היים האָבן אַ סך באַשריבן און באַזונגען אָבער בראַזילס דינאַמישן יידישן ישוב — נאָר יחידים, און צווישן זיי, איינע פון די בעסטע, ראָזע פּאַלאַטניק".

אין „יידישע צייטונג" — בוענאָס איירעס (1957, גענויע דאַטע נישט אויפגעהיט) שרייבט זלמן וואַסערצוג: „ס'איז ממש אַ נחת צו לייענען ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען, וועלכע פאַרמאָגן אַ בילדע־רישקייט, וואָס איבעראַשט. דאָס דאָזיקע בוך („קראָשניק — ריאָ") שטעלט אונדז אין קאָנטאַקט מיט אַ טאַלאַנטפולער בעלעטריסטין א. א. וו.".

אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" (1957 — גענויע דאַטע נישט אויפ־געהיט) שרייבט א. גלאַנץ־לעיעלעס:

„ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען ווייזן אָן צוויפל אַרויס טאַ־לאַנט. איר לשון איז לעבעדיק און פול מיט אידיאָמאַטישע זאַפטן. זי פאַרמאָגט אַ גוט באָאָבאַכטעריש אויג און אַ פיינע שילדערישע האַנט א. א. וו.".

גיטל מייזל אין „על המשמר" (העברעאיש — דעם 8טן יולי 1955) און אין „פּאַריזער צייטשריפט" (יולי 1955) שרייבט:

„אַ באַזונדערן נייגער רופן אַרויס ראָזע פּאַלאַטניקס דערציי־לונגען וועגן בראַזיליאַנישן שטיק גרויען קדמון, מיט זייערע היים־בלוטיקע מענטשן, וואָס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאַלטער, מאָדער־

נער ציוויליזאַציע, שווייגן זיי דערוויייל אין זייערע שאַרפע סאָציאַלע טענות א. א. וו.״.

אין „די גאָלדענע קייט״ נומער 21 שרייבט א. ליס צווישן אנדערעס:

„ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אז דער מאָמענט פון בענקעניש נאָך דער אַלט־היימישער יידישקייט איז פאַראַן אין ראָזע פּאַלאַטניקס אַלע דערציילונגען. אין „אויף דער וואַיל״ זיינען טרעפלעך ארויסגעבראַכט די מחשבות און רעאַגירונגען פון דעם אַלטן, ישראל שמיד, ווי בכלל די קאָנפליקטן צווישן די צוויי דורות — דעם דור פון די געקומענע און דעם יונגן דור״. א. א. וו.

אין „פאָרווערטס״ (ניו יאָרק, דעם 13טן יוני 1954) שרייבט י. באַשעווים:

„ראָזע פּאַלאַטניקס כוח ליגט אין קורצע שילדערונגען, אין אָנוואַרפן פאַרבן, וואָס צוזאַמען שאַפן זיי א בילד״.

אין „די יידישע פּרעסע״ פון ריאָ, דעם 18טן יוני 1954) שרייבט מ. קוטשינסקי:

„ראָזע פּאַלאַטניק איז נישט בלויז פון די אָנגעזעענסטע אין דער קליינער יידיש־בראַזיליאַנער שרייבערישער משפחה, נאָר זי פרייד זיך ווי אַ מאַמע און א שוועסטער, ווען עמיצער פון אירע קאָלעגן שאַפט עפּעס גוטס״.

אין „יידישער קעמפער״ — פון 20סטן נאָוועמבער 1953 — שרייבט י. גלאַטשטיין צווישן אנדערעס:

„ראָזע פּאַלאַטניק באַזיצט לשון, א גוטן פּוילישן יידיש, זי פאַר־מאָגט אפילו הומאָר״.

אין „די פּרעסע״ פון ארגענטינע, — דעם 7טן אָקטאָבער 1953 — שרייבט י. באָטאָשאַנסקי ע״ה:

„זאַפטיקע, איבערראַשנדיקע לשונדיקייט ווייזט ראָזע פּאַלאַט-ניק איבערהויפּט ווען זי לאָזט אירע העלדן רעדן אין פּוילישן דיאַ-לעקט. מיר שיינט, אז קיינער פון די פּויליש-יידישע שרייבער, אפילו וויסענבערג, האָט נישט געגעבן אזא פולן פּוילישן דיאַלעקט ווי זי, די דערציילונג „מכל גולם" איז אייגנטלעך א שפּראַך-סימפאָניע. אי-רע דערציילונגען וועגן יידישן לעבן אין ריאָ פאַרמאָגן אויך דעם רייץ פון עקזאָטישער רעאַליטעט. מיר דערפילן, אז די „וואר" איז דאָ פאַ-ראַן נישט ווייניקער ווי די „דיכטונג", און מיר באַקענען זיך מיט דעם ליכט-און-שאָטן פון יידישן לעבן אין בראַזיל. א. א. וו.".

משה גראָסמאַן ע"ה — רעדאַקטאָר פון „היימיש" (ישראל) אין יאָר 1954 (געניוע דאַטע נישט אויפגעהיט) שרייבט:

„ראָזע פּאַלאַטניקס בוך „קראָשניק — ריאָ" האָט מיך איבער-ראַשט, פראָסט און פּשוט, איבעראַשט." א. א. וו.

דער דיכטער א. סוצקעווער, בעת זיין וויילן אין ריאָ, האָט — אויף א מסיבה לכבוד דעם דערשיינען פון איר ערשטן בוך — געזאָגט צווישן אנדערעס:

„איך וועל נישט איבערטרייבן ביים באַטאָנען, אז עס האָבן מיך איבעראַשט אין ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען: די רייכקייט פון איר שפּראַך, די נייקייט פון איר פּאָעטישן אימאַזש, די קינסטלעריש-קייט פון איר אופן דערציילן און איר פיינער הומאָר".

אין די „יידישע צייטונג" פון ארגענטינע, דעם 5טן אָקטאָבער 1956 שרייבט י. אקרוטני:

„ראָזע פּאַלאַטניק ציט איר יניקה פון דער וועלט פון אַמאָל און היינט. איר דערציילונג „חנה די פּאַפּקאָוויצער" איז ראוי צו פאַרנע-מען דעם אויבנאָן אין דעם ערשטן בראַזיליאַניש-יידישן זאַמל-בוך. עס קומט ראָזע פּאַלאַטניק אונדזער בראַוואָ א. א. וו.".

ר אָ ז אַ פּ אַ ל אַ נ ט י ק

י. האָכשטיין שרייבט אין „מעקסיקאַנער לעבן", דעם 27טן אָקטאָבער 1957, צווישן אַנדערעס:

„ראָזע פּאַלאַטניק כאַפּט-אויף מיט איר קינסטלעריש אויג סיי די איבערגעשטאַלטיקונג פון אימיגראַנטן-דור, סיי די בראַזיליאַנער טעמאַטיק. אירע צוויי ביכער שטעלן מיט זיך פאָר אַן אמתן געווינס פאר דער יידישער ליטעראַטור".

אין „די צוקונפט" פון חודש מאַי, יאָר 1957 שרייבט אליעזר בלום ע"ה: (אויסצוג פון אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג):

„קינסטלעריש אין זייער פארנעם ווי אין דער פולקייט פון דער שרייבערינס כוח, זיינען, — לויט מיין איינדרוק, — די גרעסטנסטע דערציילונגען אין דעם בוך: „צוריק אויף די פּאַוועלאַ-בערג" און „ביים געררויש פון אטלאַנטיק". ראָזע פּאַלאַטניקס לשון איז אַן קאָמ-פּלעקסן, אָן שפּראַכלעכע אינהיביציעס. און דאָס איז איר סימן מובהק. דער חן דערפון ליגט אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער פאָלקישער צעשויבערטקייט פון איר דערציילן. אָבער אין דער שילדערונג ווען די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו וואַרפן אַ פאָר „פּאַוועלאַ-בערג" אין ים אריין, און ווי זשאָון האָט זיך געקלאַמערט אין דעם ביסל צעפוילטער ווירטשאַפט, גרייט געווען מיטצוגיין מיטן באַרג אין ים אריין... צו דעם האָט ראָזע פּאַלאַטניק נישט באַדאַרפט קיין דיאַלעקט; בלויז — טאַלענט... און איך ווייסט נישט צי זי נוטיקט זיך אין אַ נייער באַ-שטעטיקונג, אַז טאַלאַנט האָט זי. אויך די אַנדערע, פריער-דערמאָנטע דערציילונגען זיינען קינסטלעריש נישט אָפּהענגיק פון דיאַלעקט".

אין זיין ארבעט מיטן נאָמען „דאָס פּנים פון דער יידישער אי-מיגראַציע" שרייבט י. אַקרוטני אין די „יידישע צייטונג פון בוענאָס-איירעס, דעם 5טן אפּריל 1957:

„דער באַהאַוונטער לייענער פון יידישן בוך וועט זיך באַלד משער זיין, אַז מיר האָבן דאָ אין זינען אין דער ערשטער ריי די שרייַ-

בערין פון בראַזיל ראָזע פּאַלאַטניק, וועלכע גיט אונדז אין איר „ביים גערויש פון אַטלאַנטיק" עכטע געמעלן אין שאַרפע סאָציאַלע פאַרבן. יאָ, דאָס יידישע בראַזיל איז א יונגער ישוב. ראָזע פּאַלאַטניק געהער צו די ערשטע פון די, וואָס עפענען פאַר אים א ווינקל אין דער יידישער ליטעראַטור".

וועגן בוך „דרייצן דערציילונגען" לייענען מיר אין „פאָרווערטס", דע ם18טן מערץ 1962 פון יצחק וואַרשאַווסקי:

„ראָזע פּאַלאַטניק איז א טאַלאַנט. זי האָט אן אויסערגעוויינלעך שאַרף אויג און קאָן מיט עטלעכע ווערטער אָפּשילדערן א מענטש און אפילו א סיטואַציע".

אין „די פּרעסע" פון בוענאָס איירעס לייענען מיר פון י. באַטאָשאַנסקים ע"ה א לענגערע רעצענזיע צווישן אַנדערעס:

„די בראַזיליאַנער יידישע דערציילערין ראָזע פּאַלאַטניק איז בהדרגהדיק געוואָרן אן אָנערקענטע שריפטשטעלערין אין אונדזער גאַנצן וועלטל. איר אייגנאַרטיקע שטימונג און קאָלירפולע זאַכן, סיי פון לעבן אין דער אלטער היים, סיי פון בראַזיליאַנער יידישן און נישט-יידישן לעבן דערשיינען אין די גרעסטע יידישע צייטונגען און בעסטע זשורנאַלן, און די קריטיק אונדזערע רופט זיך אָפּ אויף זיי מיט דער אבסאָלוטער פּאָזיטיווקייט. אירע ערשטע צוויי ביכער האָבן איר פאַרזיכערט א פּלאַץ צווישן די גוטע יידישע דערציילער. זיי האָבן אלעמען גענומען מיט אייגנאַרטיקער שפּראַך מיט דעו אידיאָמאַטישן פּוילישן יידיש, וואָס קריגט ביי ראָזע פּאַלאַטניק אן עליה. דאָס נייע בוך „דרייצן דערציילונגען" וועט איר העלפן פאַרפעסטיקן די אויסגעקעמפטע פּאָזיציע. ראָזע פּאַלאַטניק האָט די מעלה, וואָס זי שטייט נישט אויף א פּלאַץ. איר בעסטע דערציילונג איז שטענדיק די לעצטע, און „דרייצן דערציילונגען" איז טאַקע דאָס בעסטע פון אי-

רע דריי ביכער. א בוך, וואָס פאַרדינט אַ פּלאַץ צווישן די גאָר גוטע ביכער״.

אין די „יידישע צייטונג״, פון בוענאָס איירעס, דעם 17טן נאָ־וועמבער 1961, שרייבט וועגן „דרייצן דערציילונגען״, י. אקרוטני צווישן אנדערעס:

„א בוך, וואָס דער קעגנשטאַנד פון זיינע שילדערונגען זיינען ריאַ דע זשאַנעיראָ און די אַלטע היים. אויף דער־אַ ליניע גייט די שרייבערין קאָנסעקווענט, זי באַלאַנסירט גוט מיט דעם מאַטעריאַל. פאַרב און ליניע גייען זיך דאָ צוזאַמען אין איין גאַנצקייט, מחמת דער סאַטירישער אונטערטאָן אויף וועלכער עס באַזירט זיך ס׳רוב דער דאָרט מיט דעם דאָ. דאָס איז ראָזע פּאַלאַטניקס קינסטלערישער וועג אין סך־הכל איז עס א בוך פון צוויי וועלטן, וואָ סטרעפן זיך פּנים־אל־פּנים אויף דער ליידנשאַפטלעכער ערד פון דעם טראָפּישן בראַ־זיל״...

אין „אויסטראַלישע יידישע נייעס״ שרייבט מלך ראַוויטש (דעם 3טן נאָוועמבער 1961):

„ס׳איז דערשינען דאָס דריטע פּראָזע־בוך פון דער שרייבערין ראָזע פּאַלאַטניק, וואָס, סיי אין איר אופן פון היים־בלוטיקן שרייבן, סיי אין דעם פּשטותדיקן, פאָלקסטימלעכן באַשרייבן לאַנדשאַפטן, סי־טואַציעס און מענטשן. סיי אין די כסדרדיקע יושר־זוכענישן, אויך אין איר סטיל און טיף־פּוילישן לשון; ווערט בולט די השפּעה פון שלום אש און מ. וויסענבערג. אויב ביי ש. אשן איז דאָס פּוילישע שטעטל געווען אין פּוילן און שפּעטער דאָס זעלביקע — אין אַמעריקע, און ביי וויסענבערגן איז דאָס פּוילישע שטעטל געווען נאָר אין פּוילן, ווערט ביי ראָזע פּאַלאַטניק — און דאָס איז דאָס אייגנאַרטיקע, און ספּעציעל ווערטיקע — דאָס פּוילישע שטעטל פון פּוילן שפּעטער אויך

איבערגעפלאַנצט אויפן בראַזיליאַנער פּיל־ראַסיקן מענטשן־יאַריד. אויסגעמישט די לאַנדשאַפט און אויסגעמישט די מענטשן־מזלות... אָבער טעמע יאַק טעמע. דער עיקר איז ווי אַזוי די טעמע ווערט אויס־געפירט. און ראָזע פּאַלאַטניק טוט עס מיט שרייבערישן טאַלאַנט. א. א. וו.״.

אין „מעקסיקאַנער לעבן״, דעם 4טן נאָוועמבער 1961, זאָגט לאַזדייסקי צווישן אַנדערעם:

„די בראַזיליאַנער יידישע שריפטשטעלערין ראָזע פּאַלאַט־ניק האָט זיך דערוואָרבן מיט אירע דריי וואָגיקע פּראָזע־ביכער אַ זייער בכבודיקן פּלאַץ אין דער יידישער בעלע־טריסטיק״.

* *
*

צו דער פולער ביבליאָגראַפיע פעלן צוויי אויספירלעכע רע־צענזיעס: פון דיכטער־דראַמאַטורג גלאַנץ־לעיעלעס אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״ אין יאָר 1957. און פון דיכטער י. י. גאָטליב אין „קענעדער אדלער״ 1957. מאָנטרעאַל.